STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09561

AZOY HOT GEZOGT YANKL-ZSHAK

Jankel Fridman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יאַנקל פרידמאַן / אַזוי האָט געזאָגט יאַנקל־זשאַק...

Imprimerie S.I.P.N., 14, rue de Paradis, Paris-10e

יאַנקל פרידמאַן

אַזוי האָט געזאָגט יאַנקל=זשאַק...

הומאָרעסקעס

פאַרלאַג

פּאַריז, 1956

יאַנקל-זשאַק דער שניידער

די צוויי „אינטעליגענטן"

נאָך אין שידלאָווצע האָט מען יאנקל־זשאקן און חיים־בערן גערופן: „די צוויי אינטעליגענטן". זיי פלעגן זיך אַרומדרייען אין שטעטל מיט די בלויזע קעפּ, מיט צעשויבערטע גזשיוועס און מיט גראָבע ביכער אונטער די אָרעמס. שפּאַצירנדיק אזוי, פלעגן זיי הייס דיסקוטירן וועגן שפּינאָזע, ניטשע, באָקל, שאָפּענהויער, באך און בעטהאָווען. זיי האָבן געוואָרפן מיט די הענט אַזוי פאַרנומען, אַז זיי פלעגן נישט זען דורכגיין אַפילו זייערע באַקאַנטע. אין מיטן מאַרק, ווו ס'איז געווען דאָס זיצאָרט פון די טרעגער, האָט זיך דערהערט אַ הויך, באַסאָווע לאַכן:

— היי, יונגעלייט! האָט רחמנות... ס'איז אין דרויסן אַ פראָסט און איר וועט נאָך אָפּפרירן די הענט...

די טרעגער פלעגן קויפן אַ צייטונג און וואַרטן ביז די „אינטעליגענטן" וועלן פאַרבייגיין, כדי זיי זאָלן זיי פאַרלייענען וואָס מען הערט עפּעס אויף דער וועלט; און דער עיקר — דעם ראָמאן, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן מיט דריי שטערנדלעך...

אַ הויכער טרעגער־יונג, מיט שטריק אויף דער פּלייצע, האָט געהאַלטן דאָס בלאַט מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פיס אַרויף און, שווער זיפצנדיק, פלעגט ער זיך מאַכן לייענען. נאָר קוים זענען די צוויי „אינטעליגענטן" פאַרבייגעגאנגען, האָט מען זיי אַריינגעכאַפּט אין רעדל, זיי אַוועקגעזעצט אויף אַ צעבראָכענעם קאַסטן און זיי האָבן געמוזט פאַרלייענען די וויכטיקסטע נייעסן און צום סוף — דעם ראָמאַן. ס'האָט זיך דאָרט געהאנדלט וועגן א דינסט־מיידל, רוכטשאַלע האָט זי געהייסן, און איז שיין געווען ווי די וועלט... זי האָט חתונה געהאט מיט א „כראָביע"...

— דאָס הייסט א מזל פון אַ מויד! — האָט זיך אָנגערופן מלך דער טרעגער — ווען יאַך וואָלט געקאָנט לייענען, וואָלט יאַך דאָך אַיינגעשלונגען אַלע „גאַזעטן"...

אויסער דעם, וואס חיים־בער איז געווען אַ שרעקלעכער קולטור־מענטש, האָט געקאָנט לייענען אַ בלאַט, האָט ער געהאט נאָך אַ שוואַכקייט — ער האָט ליב געהאַט מוזיק. אָבער נישט גלאַט מוזיק, נאָר אמתע, קלאַסישע מוזיק. בעטהאָווען האָט ער ליב געהאט ווי ס׳לעבן; ליסט, מאָצאַרט, פּאַגאַניני, שאָפּען — נאָך זיי איז ער אויסגעגאַנגען.

יאַנקל־זשאק איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נייער ביי אַ קאָמאַשן־מאַכער, האָט געאַרבעט דריי חדשים אין זומער און דריי חדשים אין ווינטער און אָוועקגעגעבן דער אָרעמער מאַמען דאָס געלט, וואָס ער האָט פאַרדינט. אַ סך מאָל האָט זיך געמאַכט, אַז יאַנקל־זשאַק האָט אָפּגעאַרבעט אַ „סעזאָן" ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין, אָבער דער מייסטער האָט יעדע וואָך נאָר געגעבן אַ קאַנטע און די רעשט האָט מען ערשט געדאַרפט באַקומען ענדע סעזאָן. האָט זיך דעם מייסטער ענדע סעזאָן פאַרגלוסט אַנצוזעצן. איז מען געלאָפן צו אים, מ׳האָט זיך געזידלט און יענער האָט זיך געבעטן ביי זיי:

— צ׳זענט דאָך יידישע קינדער... מ׳האָט מיך באַגנבעט... נעמט, שניידט מיר אויף דעם האַלדז... מאַכט מיט מיר וואָס איר ווילט...

דעם מייסטער האָט מען דעם נישט־געוואָשענעם האַלדז נישט אויפגעשניטן, און יאַנקל־זשאַק מיט זיין אָרעמער מאַמען זענען טאַקע געווען אויף געהאַקטע צרות.

אַזוי, אַז יאַנקל־זשאַקן און חיים־בערן איז פאַרמיאוסט געוואָרן דאָס לעבן אין שטעטל. האָבן זיי באַשלאָסן צו פאָרן אין דער וועלט אַריין. דאָס שטעטל איז שוין סיי־ווי געווען צו קליין פאַר אַזעלכע צוויי אינטעליגענטע מענטשן. ס׳איז זיי געווען צו ענג.

האָט מען צונויפגעקראַצט אַ פּאָר זלאָטעס און מ׳האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין. זיי האָבן געטאַפּט אַ וואַנט, געטאָן פאַרשידענע מלאכות. אין דייטשלאַנד האָט חיים־בער געקליבן אַלטע פלעשער. יאַנקל־זשאַק האָט געשלונגען דאָס שפּייעכץ; אָבער דערפאַר זענען זיי געגאַנגען הערן קלאַסישע קאָנצערטן און אָפּעראַס. יאַנקל־זשאַק האָט אָפטמאָל איינגעדרימלט און חיים־בער האָט געפּאַטשט בראַוואָ. אַזוי האָט מען געלעבט אַן אינטעליגענטיש לעבן. די קעלנער פון די העמדער האָט מען געטראָגן אויף דער רעכטער און אויף דער לינקער זייט. מיט אַרבעט איז שווער געווען, האָבן זיך אונדזערע אינטעליגענטן געלאָזט ווייטער אין וועג אַריין, קיין פראַנקרייך. די פראַנצויזן — האָבן זיי געהערט — זענען אינטעליגענטע מענטשן. אָבער באַלד ביי דער גרענעץ האָט מען זיי פאַרהאַלטן און צוריקגעשיקט צו דער דייטשער גרענעץ.

— דאָס האָבן געמוזט זיין נישט קיין אינטעליגענטע פּראָנצויזן — האָט יאַנקל־זשאַק אויסגעטייטשט — אַנישט וואָלטן זיי דאָך אַזעלכע וויכטיקע מענטשן ווי מיר זענען אויפגענומען מיט שאַפּענס מוזיק...

מ׳האָט געמוזט ווייטער פּרוון דעם גורל. צומאָרגנס פּאַרטאָג, ווען די פאַרנעפּלטע נאַכט־שטילקייט איז נאָך געהאַנגען איבער דער גרענעץ, האָבן זיך אונדזערע אינטעליגענטן ווייטער געלאָזט אין וועג אַריין און זיי זענען בשלום אָנגעקומען אין לאַנד פון וויקטאָר הוגאָ...

אויך דאָ זענען זיי אין דער ערשטער צייט געווען אויף צרות, געטאָן פאַרשידענע ארבעטן און זיך פאַרט אַן עצה געגעבן. געוווינט האָבן זיי צוזאַמען אין א מאַנסאַרדע אויפן זעקסטן שטאָק, אויף רי סאַן וואַנסען, אין ליאָן. מען האָט דיסקוטירט וועגן שפּינאָזאַ און ניטשע, מען איז גע־גאַנגען אין דער אָפּערע אויפן לעצטן שטאָק.

אין דער שטאָט ליאָן זענען אונדזערע ביידע העלדן גיך באַקאַנט געוואָרן ביי די יידישע שניידערס, מ׳האָט זיי צוגעשאַנצט אַביסל אַרבעט און אויך דאָ האָט מען זיי גערופן „די אינטעליגענטן". ביז איינמאָל, אין אַ זונטיק, איז געשען די גרעסטע אינטעליגענטישע אַוואַנטורע, וואָס אויף אַזעלכעס האָט זיך קיינער נישט געריכט.

יאַנקל־זשאַק און חיים־בער האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין דער שטאָט אַריין שפּאַצירן און זיי האָבן געזוכט עפּעס אַ גרויסן קאָנצערט. פאַרביי־גייענדיק די ליאָנער קאַטעדראַלע, האָבן אונדזערע אינטעליגענטן דערזען מאַסן מענטשן שטיין; און חיים־בער האָט עס באַלד אויסגעטייטשט, אַז דאָ וועט באַלד פאָרקומען אַ גרויסער באַך־קאָנצערט. און איידער יאַנקל־זשאַק האָט באַוויזן זיך ארומצוקוקן, האָט חיים־בער אים שוין געהאַט אָנ־גענומען פאַר אַ האַנט און זיי זענען שוין געווען אינעווייניק. ווי נאָר זיי זענען אריינגעקומען, איז זיי אָקעגנגעלאָפן א יונג גלחל אין אַ ווייס קלייד און געפרעגט זיי ליבלעך :

— מיינע קינדער, פון וועלכער גאַס זענט איר ?

— פון רי סאַן־וואַנסען — האָט חיים־בער געענטפערט מיט אַ צי־טערדיקער שטימע.

— אויב אַזוי, מיינע ליבע קינדער, וועט מען אייך זעצן אויף דער ערשטער באַנק, ווייל אייער גאַס איז אַ הייליקע גאַס... און איר וועט האָבן דעם כבוד צו זען דעם קאַרדינאַל אָפּריכטן די הייליקע גאָטעס־דינסט...

— וואָס זאָגט ער ? — האָט יאַנקל־זשאַק געפרעגט ביי חיים־בערן און איז אים נאָכגעגאַנגען מיט ציטערנדיקע טריט.

דער געקרייציקטער אויף די ווענט האָט אים מאָדנע אָנגעקוקט, האָט זיך אים געדוכט. דער גלח אין ווייסן קלייד האָט זיי ביידן אָוועקגעזעצט אויף דער סאַמע פאָדערשטער באַנק, זיך געצלמט איבער זיי. יאַנקל־זשאַק האָט, נעבעך, באַלד געקוקט צו דער טיר, אָבער וועגן צוריק ארויסגיין איז שוין קיין רייד נישט געווען, ווייל אַ מאַסע מענטשן האָט אַן אויפֿהער אַריינגעשטראָמט. אַלע בענק זענען באַזעצט געוואָרן, אַלע דורכגענג — פול מיט שטייענדיקע. לאַנג האָט יאַנקל־זשאַק נישט קיין צייט געהאָט צו טראַכטן. באַלד האָט דאָס אים יונגע גלחל אַריינגעשטופּט אַ פּעקל ליכט אין דער האַנט אריין און געהייסן אים צעטיילן עס די איבעריקע, וואָס זענען געזעסן ארום. יאַנקל־זשאַקן איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן.

— וואָס וועט דאָ זיין, חיים־בער ? — האָט יאַנקל־זשאַק אַ שעפּטשע געטאָן צו אים.

— שווייג, גלזן !... מאַך ווי אַלע מאַכן, טייל די ליכט און לאָז פאַר דיר איין ליכט...

זיי האָבן געטיילט די ליכט. יאַנקל־זשאַק האָט אַ ציטערדיקער דערלאַנגט יעדן איינעם און ווי נאָר ער האָט זיך אוועקגעזעצט, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן און חיים־בער האָט אים געשטורקעט, ער זאָל זיך אויך אויפהויבן. און באַלד זענען אַלע געפאַלן אויף די קני. יאַנקל־זשאַק האָט געשוויצט און געוויינט מיט ביטערע טרערן.

— הער אויף צו דברן, זאָג איך דיר... — האָט אים חיים־בער געשטורכעט — ווילסט מען זאָל דיך קרייציקן, ווי יעזוסן ?...

דערווייל האָבן די אָרגלען אָנגעהויבן צו שפּילן העכער און די טענער האָבן זיך אַלץ געקייקלט, ווי אין אַ בלעכערנעם בעקן האַרטע אַרבעס...

— נאַדיר, אָט האָסטו דיר דיין מוזיק... וועסט מיך נאָך אומגליקלעך מאַכן... — האָט זיך יאַנקל־זשאַק שיעור נישט צעוויינט.

— ליג איינגעלייגט... הער בעסער ווי וואונדערבאַר די אָרגלען שפּילן...

— עס שפּילט מיר אין קאָפּ, משוגענער... זאָג מיר בעסער ווי אַזוי קריגט מען זיך ארויס פון דאַנען ?...

— האָב געדולד, יאַנקל־זשאַק, אַנישט וועט מען דיך דאָ צעטרייבערן...

דערווייל האָט אויף אַ באַלקאָן אָנגעהויבן צו רעדן דער קאַרדינאַל וועגן געקרייציקטן, זיך געצלמט אָן אויפהער און אַלע האָבן זיך מיטגע־

צלמט. חיים־בער האָט געשטופּט יאַנקל־זשאַקן, אַז ער זאָל זיך אויך מיטצלמען. אין דעם האָבן צוויי יינגלעך אין ווייסן אונטערגעהויבן דאָס קלייד פון קאַרדינאַל, אריינגעקלונגען און באַלד האָבן זיך אַלע, וואָס זענען געלעגן אויף דר'ערד, אויפגעהויבן, אַנגעצונדן די ליכט און זיך געלאָזט צום אַרויסגאַנג, מיטן קאַרדינאַל אין דער שפּיץ, וועלכן מ'האָט געטראָגן.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, האָט זיך פאַרמירט אַ צוג מיט אַנגעצונדענע ליכט. דער צוג האָט מאַרשירט איבער די הויפּט־גאַסן פון ליאָן און חיים־בער מיט יאַנקל־זשאַקן — אין דער מיט... מיט אַנגעצונדענע ליכט אין די הענט. פאַר זיי איז געגאַנגען עפּעס אַן אַלטער, אַ לאַמער, וואָס האָט געזונגען מיט אַ קוויטשיק שטימעלע.

מיט אַ מאָל האָט יאַנקל־זשאַק אַנגעכאַפּט חיים־בערן ביי אַ האַנט:

— איך גיי אַנטלויפן !...

— זאָלסט נישט דערוועגן, יאַנקל־זשאַק... שטעלסט זיך פאַר... גייסט באַליידיקן דעם קאַרדינאַל...

די גאַסן זענען געווען באַשטעלט מיט טויזנטער מענטשן, צו זען אַדורכגיין די פּראָצעסיע; און צווישן זיי — אַ סך יידן. ווען זיי האָבן דערזען די צוויי „אינטעליגענטן", איז זיי פינצטער געוואָרן אין די אויגן.

— חיים־בער, זע נאָר, מען קוקט אויף אונדז... מיט וואָס פאַראַ אויגן...

— שווייג כאַטש... שטעלסט זיך פאַר, ווען מיר אַנטלויפן אַזוי מיט די ליכט... ווייסט וואָס ס'הייסט גנבענען ליכט ?... מען שטעכט אונדז אויס די אויגן, אַזוי ווי פּראָמאַטעאוסן... ווייל ער האָט אויך געוואָלט גנבענען ליכט...

אַזוי זענען זיי געגאַנגען שעהן־לאַנג, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ גרויסער סטאַטוע. ס'איז געווען די הייליקע מאַרי. לעבן איר זענען אַלע געפאַלן אויף די קני. דער קאַרדינאַל האָט ווידער געהאַלטן אַ דרשה, געשפּריצט מיט אַ באַרשט „הייליק וואַסער" איבער די קעפּ; און אויך אויף יאַנקל־זשאַקן זענען געפאַלן די הייליקע טראָפּנס. חיים־בער האָט אים פעסט געהאַלטן ביי אַ האַנט, ער זאָל נישט אַנטלויפן.

צומאָרגנס, ווען יידן האָבן זיי דערזען גיין אין גאַס, האָט מען אויף זיי געטייטלט מיט די פינגער... אַז זיי האָבן זיך געשמדט, די געמיינע יונגען...

די „צוויי אינטעליגענטן" האָבן געמוזט אַנטלויפן פון דער שטאָט.

יאַנקל־זשאַקס געסל

אַזאַ געסל, ווי יאַנקל־זשאַק, האָט קיינער נישט. אזא מזל קאָן נאָר האָבן יאַנקל־זשאַק. פון וואָס איר ווילט נאָר הערן און געדענקען, געפינט איר אין דעם געסל. די „מערי" איז צוויי טריט פון אים און ער זעט יעדן טאָג פאַרבייגיין די באַאַמטע. איר זאָלט זען, ווי די מענטשן יאָגן זיך. זיי לויפן און דער שווייס רינט פון זיי. יאַנקל־זשאַק ציטערט, אז זיי זאָלן זיך נישט פאַרקילן. באַזונדערס האָט יאַנקל־זשאַק רחמנות אויפן מער, וואָס מוז יעדן פראָסטן בירגער ענטפערן א ברייטן „באָנזשור", איבער־הויפט פאַר די וואַלן. ער ציט דעם הוט און פאַרנייגט זיך אַפילו צו די קינדער. ער טיילט זיי צוקערלעך און די קינדער שרייען: „וויוו לע מער!".

מיינט נישט, אז ער האָט אַ סך ארבעט, דער מער. ער מאַכט חתונה זיינע בירגער; דינסטיק די „בעסערע" מענטשן, די, וואָס האָבן די אַפּוי־טיקע; דאַן מוז ער האַלטן אַ ספּעציעלע רעדע. די מענטשן צאָלן דאָך דערפאַר. שבת גייט עס שוין אַביסל גיכער; דאָס זענען דאָך אַרבעטער, זיי צאָלן נישט, זענען דעם מערס רעדעס אביסל בלאַסער. וווינען וווינט דער מער טאַקע אין יאַנקל־זשאַקס געסל. ס'איז אַ גרויסער כבוד פאַר יאַנקל־זשאַקן. זיין העל־גרויע „וועדעט" איז ווי אַ צירונג פאַרן געסל; ס'איז עסטעטיש, שיין, ס'האָט טויזנט טעמען.

וואָס שייך די אלע איבעריקע שכנים, וועט איר באַלד זען, אז דאָס זענען זייער אינטערעסאַנטע שכנים. לאָמיר נעמען צוערשט דעם בעקער, וואָס וווינט קעגנאיבער יאַנקל־זשאַקן. אַז יאַנקל־זשאַק רייסט זיך אַוועק פון דער אַרבעט אַרום איינס ביינאַכט און וויל זיך אויסרוען זיינע מידע ביי־נער, געבן אויף דער גיך א כאַפּ א דרעמל, הויבט דעם בעקערס אויוון אָן צו מאַכן אַזאַ טומל, אַז מען קאָן משוגע ווערן. צוהעלפן העלפט אים צו דעם קצבס גרויסער אייז־קאַסטן. דער קצב וווינט אין זעלבן הויז ווו יאַנקל־זשאַק. בייזע צינגער זאָגן, אַז דער אייז־קאַסטן קלאַפּט אַזוי

הויף, ווייל עס געפינט זיך אין אים אַלט פּלייש. מען ווייסט נישט: צי ס׳איז אמת אָדער נישט, נאָר איין זאַך ווייסט ער, יאַנקל־זשאַק, אַז זיגט זיין ווייבל קויפט פליישׁ ביי זיין שכן, האָט ער צו טאָן מיטן דאָקטער; און ס׳ערגסטע איז, וואָס מען טאָר דעם קצב גאָרנישט זאָגן, אַז מען האָט ווייטיקן אין מאָגן, אַז נישט ווערט ער אין כעס. איר מעגט קראַנק זיין אויף רעוומאַטיזם, אויפן קאָפּ, אויף וואָס איר ווילט, נאָר אין זיין געסל וויל ער נישט הערן, אַז מ׳האָט צו טאָן מיטן מאָגן...

קעגנאיבער יאַנקל־זשאַקן וווינט אַ משוגענע, וואָס האָט אַ טבע צו קלאַפּן מיט די אייזערנע סטאַרן אין מיטן דער נאַכט און שרייען: „ראַ־טעוועט!”. ווערט דאָס אַ גערודער, די שכנים עפענען די פענצטער, עס ווערט אַ געוואַלד, אַלע שרייען זי זאָל שוין שטום ווערן. ווייל זי דאַרף נישט און שרייט נאָך העכער. דערווייל זענען אַלע שכנים ביי די פענצטער און מען שמועסט זיך אַדורך פון איין זייט גאַס צו דער צווייטער. עס הערן זיך געשרייען:

— מען דאַרף זי זעצן אין משוגעים־הויז!

ביז ס׳קומט אָן פּאָליציי. גיט אָבער די משוגענע באַצייטנס אַ פּאַר־האַק די פענצטער און לאָזט אַלעמען שטיין ווי די נאַראָנים. זי מאַכט אַזוי אַ פּאָר מאָל אין דער וואָך, צוויי און צוואַנציק יאָר אַזוי, און מען קאָן זי נישט כאַפּן ביי דער האַנט.

דאָן האָט איר אין געסל אַ שפּייז־געוועלב, אַ מילך־געוועלב און אַ וווּרשט־געוועלב. וועט איר דאָך פרעגן — און קאַפעס? גאַנצע זעקס קאַ־פעס פאַרמאָגט דאָס געסל. עס הייבט זיך אָן מיט קאַפעס אין יעדן ראָג. דורך וועלכער זייט איר זאָלט נישט וועלן אַריינקומען אין געסל, מוזט איר באַגעגענען אַ קאַפע. אין מיטן געסל זענען אויך פאַראַן צוויי קאַ־פעס, אַזוי אַז צו טרינקען פעלט אויך נישט, ס׳זאָל אייך נאָר אַזויפיל דורשטן.

אָבער די אינטערעסאַנטסטע געשעענישן פאַרלויפן זיך אין דער „עפּיסערי” און אין דער „לעטערי”. דאָרט קומען זיך צוזאַמען די ווײַ־בער, די געשמירטע שיינע פראַנצויזקעלעך, און מען דערציילט זיך וועגן ס׳איז „קאָקי”; אַז די בלאָנדינקע האָט אַן „אַמי” און אַז איר מאַן איז אַן „אידיאָ” און ווייסט אפילו נישט; אַז פאַל, דער רעפערזענטאַנט, האָט אין יעדער שטאָט אַ מעטרעס און אַז זיין ווייבל לאָזט זיך אויך נישט בלאָזן אין דער קאַשע...

דאָס וווּרשט־געשעפט איז נאָענט צו דער קאַפע און דער באַלעבאָס האָט תמיד אַ רויטע נאָז, ווייל ער איז זייער אַ דורשטיקער מענטש. אין

זיין געשעפט זיצט שטענדיק אַ שווארצע קאַץ אין פענצטער, לעבן די ווורשטן, לעבן דעם „זשאַמבאָן". מען זאָגט, אַז מען געפינט ווערים אין זיינע ווורשטן. יאַנקל־זשאַק אליין האָט אַנומלטן געפונען אַ קליין, ווייס, אומשולדיק ווערימל, וואָס עס לוינט זיך באמת נישט דעריבער צו רעדן. נאָר ס'ערגסטע איז, וואָס דער פון ווורשט־האַנדל לאָזט אויך נישט שלאָפן די שכנים, ווייל ווען ער האָט אַן איבעריק גלעזל אין קאָפּ, שלאָגט ער זיין ווייב; נאָר זי לאָזט זיך נישט, זי צעברעכט אַלע טעלערס אויף זיין קאָפּ און יעדן אינדערפרי געפינט מען אין זיין מיסט־קאַסטן אַן אוצר מיט צעבראָכן געפעס, פון וועלכן די שמאַטע־קלייבער מאכן אַ פּאַרמעגן.

זעט איר, פאר די שמאטע־קלייבערס איז אונדזער געסל אַ גאָלדן געשעפט, ווייל אויסער דעם ווורשט־הענדלער, וווינט דאָרט יאַנקל־זשאַק, אַ שניידער, ווי געוויינלעך; שיט ער יעדן טאָג אַראָפּ אין מיסט־קאַסטן אַ פּאַרמעגן מיט שטיקלעך. האָבן זיך שוין טאקע איבער יאַנקל־זשאַקס מיסט־קעסטל די שמאטע־קלייבערס געשלאָגן, נאָר געזיגט האָבן די שמאַטע־קלויבערס, וואָס וווינען אין זעלבן געסל. זיי זענען פיינע מענטשן. דאָס איז א מאן מיט אַ פרוי, וואָס האָבן זיך ליב ס'לעבן. יעדן פרימאָרגן זעצן זיי זיך אַוועק אויפן מיסט־קאַסטן, טרינקען פון דער זעלבער פלאַש רויטן ווײַן און וואַרטן ביז יאַנקל־זשאַק וועט אראָפּברענגען זיין אוצר; און יאַנקל־זשאַק שיט זיי אויס מיט אַ ברייטער האנט. וואָס דאָרט געפינט זיך נישט אַלץ! שטיקלעך ריינע וואָל, זיידענע שטיקלעך „דובלע", צעפליקטע קישעלעך, פּאַרזשאַווערטע שפּילקעס, צעריסענע צענטימעטערס, צעבראָכענע נאָדלען און אזוי ווייטער און ווייטער.

מען זאָגט אין געסל, אז די שמאַטע־קלויבערס זענען רייך געוואָרן בלויז פון יאַנקל־זשאַקס שטיקלעך; נאָר גיי גלויב, וואָס מענטשן זאָגן אַלץ.

דער אינטערעסאַנטער שכן פון געסל וווינט אַ טיר־אין־אַ־טיר מיט יאַנקל־זשאַקן. ער איז אַ מאָלער; נישט עפּעס דאָרט אַ שטובן־מאָלער, נאָר א ריכטיקער מאלער, וואָס מאָלט פייגל אין דער לופטן. ביי אים קאָן געמאָלט זיין, ער זאָל נישט האָבן אויף קיין מיטאָג. זייער אַ פיינער בחור, ער שמייכלט צו אייך און רעדט מיט אייך פון קונסט. די פרוי זיינע איז אויך א ווױלינקע, מיט א שיין פנימל. זיי האָבן פיר שיינע קינדערלעך. נאָר איין פעלער האָבן זיי, דאָס פּאַרפאַלק, וואָס זיי האָבן נישט ליב קיין לאַנגווייל. אַ מאָנאַטאָן לעבן, זאָגן זיי, איז ערגער ווי געשטאָרבן. רייסן זיי זיך פון צייט צו צייט ביי די האָר. אַנהייבן הייבט זיך דער קריג אָן צוליב זיין מאַמען און איר טאַטן.

— האַ, דיין מאמע האָט אַן „אַמי״, אלע ווייסן עס.

— טאַ וואָס זשע גייט עס דיך אָן? דו וואָלסט אויך אפשר געוואָלט האָבן? און דיין טאַטע? וויפל „מעטרעסן״ האָט ער?

— רעד נישט אויף מיין „פאַ״...

— וויל איך יאָ רעדן! וועסט מיר צומאַכן ס׳מויל?!

— כ׳וועל עס דיר טאַקע צומאַכן!

און ער האָט אַ מיטל דערצו: ער נעמט דעם ביפסטעק פון טעלער און וואַרפט איר אין פּנים אַריין. ער זאָגט, אַז דאָס איז זיינס אַ דערפינדונג; אַז ס׳קלעפּט צום פּנים, אַז ס׳טוט וויי. זי ווייסט אָבער מיט וואָס אים צו ענטפערן: זי כאַפּט זיינע איינגערעמטע בילדער און שליידערט זיי אויף דר׳ערד. ווערט אַ געבראַזגעריי פון גלאָז און די קינדער הייבן אָן צו וויינען. דאַן כאַפּט ער די וואַליזע צום הונדערטסטן מאָל, פּאַקט איין זיינע זאַכן, אַנטלויפט און מען גייט זיך גטן... אָבער אין אַ צוויי־דריי טעג אַרום יאָוועט ער זיך צוריק אַראָפּ, קושט זיך מיטן ווייבל און מען פירט זיך אונטערן האַנט אין געסל. מיט איין וואָרט, מ׳האָט זיך ליב ס׳לעבן...

— פאַרשטייסט? — קלערט מיר אויף מיין שכן — אַזוי האָט דאָס לעבן אַ זינען... כ׳קען נישט לעבן ווי אַנדערע, וואָס קריגן זיך כמעט קיינמאָל נישט מיט זייערע פרויען, לעבן אויסגערעכנט, יעדן טאָג דאָס זעלבע. כ׳האָב ליב אַז ס׳רודערט זיך, אַז ס׳איז היימלעך...

דאָס האָט ער רעכט, מיין שכן; ביי אים רודערט זיך כמעט יעדן טאָג; איבערהויפּט זינט זיין ווייבל האָט אים געפּאַקט מיט אַ געליבטער. נו, זעענען דאָרט געפלויגן פעטש, בילדער זענען געפלויגן דורכן פענצטער, די קינדער האָבן געיאָמערט און דאָס געסל האָט אים, דעם מאָלער, אין פרימאָרגן ווידער געזען אַנטלויפן מיט דער וואַליזקע. נאָר זאָרגט אייך נישט, ער איז שוין צוריקגעקומען און מען האָט זיך ווייטער ליב ס׳לעבן. אָבער דאָס געסל קוקט אַרויף צו זיינע פענצטער און איז אומרואיק, ווייל עס זענען שוין אַ וואָך צייט נישט געפלויגן קיין בילדער דורכן פענצטער; מען ריכט זיך, אַז אַ ליאַדע טאָג וועט עס אויסברעכן.

האָב איך נישט קיין מזל, וואָס כ׳האָב זיך אַריינבאַקומען אין אַזאַ געסל? ס׳האָט מיך טאַקע געקאָסט אַ פאַרמעגן אַפּטרעט־געלט, אָבער ס׳איז ווערט געווען. דאָס האָט מיר אַ גוטער פריינט צוגעשאַנצט, געזונט זאָל ער מיר זיין, ווו ער געפינט זיך ערגעץ.

א פּאָעטישער שניידער

אוי, גייט זיך עס ביי יאַנקל-זשאקן ! ס'גייט זיך און ס'זינגט זיך און ס'רעציטירט זיך... די שערן גייען דאָרטן אליין, זיי שניידן ווי אין דער פּוטער אַריין. גאַנצע באַלן סחורות צעקיילן זיי. נאָר אויב איר מיינט, אַז די שערן שניידן ביי יאַנקל־זשאקן ווי ביי יעדן פּשוטן שניידער, האָט איר א גרויסן טעות. פּאָעטיש שניידן זיי — זיי טאנצן אונטערביים שניידן.

וואָס אן אמת, קומט עס טאקע נישט ארויס אזוי פּינקטלעך ווי ביי אנדערע שניידערס. אָבער דערפאר זענען דאָס פּאָעטישע מאנטלען... ווייל איר באַדארפט וויסן, אז יאַנקל־זשאק טראכט און חלומט ביים שניידן, זיינע געדאנקען פליען אין די הימלען; עס דאכט זיך נאָר אזוי אויס, אז ער שטייט ביים טיש און שניידט. אין דער אמתן שוועבט ער, ער פליט אין די הויכע הימלען...

איר פארשטייט, די מאנטלען ביי יאַנקל־זשאקן האָבן עפּעס א זעלטענעם אויסזען. זיי זעען אויס ווי אלץ, נאָר נישט ווי קיין מאנטלען. דאָס זענען הונדערט־פּראָצענטיקע פּאָעטישע מאַנטלען. זיי האָבן אין זיך רייץ, זיי האָבן אין זיך „מוזע", זיי האָבן אין זיך פליגלען צום פליען, זיי האָבן אין זיך נשמה, וואָס יאַנקל־זשאַק לייגט אין זיי אַריין... נאָר אַ צרה איז, וואָס די פּראָסטע, נישט־פּאָעטישע פּאטראָנען קענען זיך נישט אויף יאַנקל־זשאַקס קונסט... נו יאָ, דאָס ערגסטע איז, אַז מען האָט צו טאָן מיט מענטשן, וואָס פארשטייען נישט די הויכע פאנטאזיע פון יאַנקל-זשאקן. דאָס זענען דאָךווירקלעכע פאנטאסטישע מאנטלען ! ווען מען לאָזט זיי אַרויס אין דרויסן, פליען זיי דאָך אַוועק ווי די ווונדערפייגל... אין דער ווייטער וועלט אריין. קומען די פּראָסטע פּאטראָנען און מוטשען אים און זידלען אים און מאכן אים א האלבן טויט, באשר בכן : די טאשן זענען נישט גלייך אריינגעזעצט. יאַנקל־זשאק האלט גאָרנישט

דערפון, אז די טאשן מוזן שטענדיק זיין גלייך אריינגעזעצט. ס'איז צו מאַנאַטאַן. וואָס איז ער עפעס א זייגער-מאכער, וואָס ? א מאַנטל מוז דאך נישט אויסקלאַפּן די שעהן, די מינוטן. ער מוז דאך נישט וועקן קיין מענטשן פון שלאָף. אַ מאַנטל איז געמאכט צו באשיינען די פרוי, וואָס טראָגט אים און אויך די גאַס, ווו זי גייט פארביי. און נאָך אַ זאַך: יאַנקל־זשאַקס פּאַטראָנען פאַרשטייען נישט, אַז יאַנקל־זשאַק איז ביי שניידעריי, ווי להבדיל... פּיקאַסאָ ביי מאַלעריי. איר באַדאַרפט וויסן, אַז אויך ביי פּיקאַסאָ זענען די אויגן נישט איינס אָקעגנאיבער דעם צווייטן און די נאָז מאַכט ער אַ סך מאָל גאָר אויף דער פּלייצע... נו, טוט מען אים עפּעס דערפאַר ? זידלט מען אים דערפאַר ? פאַרקערט, מען הייבט אים אין די הימלען אַריין...

אנומלטן איז טאקע יאַנקל־זשאַק אויף טשיקאַוועס געגאַנגען אָנ־קוקן פּיקאַסאָס אַן אויסשטעלונג. האָט ער דאָרט געזען אַ וואונדערבאַר בילד, ער איז ביי דעם בילד אָפּגעשטאַנען שעהן און האָט זיך גאָרנישט געקענט אוועקרייסן דערפון, אזוי צוגעשמידט האָט עס אים. יאַנקל־זשאַק האָט געמיינט, איז געווען זיכער, אז דאָס בילד שטעלט פאָר אַ מאָדערן הויז, וואָס מען וועט בויען אין דער שיינער צוקונפט. איז גאָר צוגעקומען א פּראָפעסאָר, א קונסט־קריטיקער, און האָט אים דערקלערט, אז... ס'איז גאָר א פאָרטרעט פון א פרוי. נו, זאָגט אליין, איז עס נישט וואונדערבאַר צו קענען זען אזויפל זאכן אין איין בילד ? ווילסטו, איז עס אַ הויז. ווילסטו, איז עס גאָר אַ פרוי. דאָס, זעט איר, הייסט קונסט!

נאָר יאַנקל־זשאַק האָט, נעבעך, נישט אזא מזל ווי פּיקאַסאָ, וועלכער האָט צו טאָן מיט אמתע קונסט־מבינים, זיי פאַרשטייען אים. און יאַנקל־זשאַק האָט נאָר צו טאָן מיט פּראָסטע שניידער־פּאַטראָנען... וואָס פאַר־שטייען זיי זיך אויף יאַנקל־זשאַקס קונסט ? אז זיי האלטן זיך שטענדיק ביים אַלטן. ביי זיי מוז מען מַאכן די קנאָפּ־לעכער אין אַ גלייכער, שטרענ־גער רייע, אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן, אַזויפיל און אַזויפיל, געמאָסטן מיטן צענטימעטער. אז איין קנאָפּ־לעכל זאָל זיך, חלילה, נישט איבער־רוקן. איר הערט אַ מעשה, פּונקט ווי פון אַ נישט־גלייך קנאָפּ־לעכל וואָלטן זיי ווייַ געטאָן די הינער-אויגן. און דאָס קאָן טאקע יאַנקל־זשאַק נישט פאַרשטיין.

ער האָט ליב צו מאכן די קנאָפּ־לעכער מיט פאַנטאזיע, ס'זאָל ארויס־קומען — עלאַסטיש... פּלאַסטיש... פאַנטאַסטיש... מיט איין וואָרט, קינסט־לעריש... מאכט ער טאקע קנאָפּ־לעכער אַן א צענטימעטער אין דער האַנט — איינס אַהין, איינס אַהער, ס'זאָל זיין קאָלאָריסטיש... מאָדער־ניסטיש... און אז ס'גלוסט זיך אים, האקט ער אריין איין דער פּלייצע א:

צוואנציק קנאָפּ-לעכער; און אמאָל אין די אקסלען א פּאָר קנאָפּ־לעכער...
יאַנקל־זשאַקס פּאַנטאַזיע אַרבעט, ער מאַכט דאָרט נישט גלאָט מע־כאניש מאנטלען, אָן אביסל פּאַטעטישן טעם...

אָבער מיינט נישט, אז ס'גייט זיך אזוי גלייך, אז מ'האָט שוין אָנערקענט זיין פּאַטעטישע טעאָריע. ווען איר ווייסט וואָס פארא צרות מען טוט אים אָן פאר א נישט-גלייך אריינגעזעצט טעשל, צוליב א קרום שטעפּל, אָדער ווען א „שטיקל" ליגט דאָרט נישט אזוי, ווי זיי ווילן, די פּאַטראָנען. רעדט מ'ט זיי! זיי פּאַרשטייען נישט, אַז דער עיקר איז הארמאָניע, פארבן־שפּיל. אין דעם ליגט די גאנצע קונסט פון דער מאָ־דערנער שניידעריי!...

אָבער ווי יעדער גרויסער דערפינדער, אנטדעקער, דענקער, פילאָ־זאָף, האָט אויך יאנקל־זשאק אויסצושטיין שוועריקייטן. נאָר יאנקל־זשאק וועט נישט מיד ווערן צו קעמפן, ביז ער וועט זיינס נישט דערגרייכן; און דאן וועלן די צענטימעטערס איבערהויפּט נישט עקזיסטירן, מען וועט בכלל מער נישט מעסטן. מען וועט מעגן זעצן טאשן ווו מען וועט וועלן, לויט דער פרייער פאנטאזיע. קוים וועט א פּאַטעטישן שניידער איינפאַלן אַריינצוהאַקן אַ טאַש אין אַ אַרבל, וועט קיינער נישט האָבן דאקעגן, ס'וועט זיין קונסט. עס וועלן זיין קונסט-קריטיקער איבער שניידעריי, ווי איבער מאַלעריי, ווי איבער ליטעראטור און מוזיק...

אַנטאָן אַ וועלט מיט מענטשן, מיט אַביסעלע פּאַטעטישן געשמאַק, איז נישט קיין קלייניקייט ביי יאנקל-זשאקן.

יאַנקל=זשאַק פילאָזאָפירט...

ווען יאַנקל־זשאַק נעמט זיך פילאָזאָפירן, טוט זיך חושך אין זיין אַרעמען קאָפּ. עפּעס דרייט זיך ביי אים אַלץ ווי אַ קאַרוזעליע.

וואָס איז די וועלט? אויף וואָס האַלט זי זיך, די וועלט? אויף אייזערנע דרענגער, אויף שטאָלענע דרענגער? אַזאַ שטיקל ערד אונטערצוהאַלטן איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט. זי וועגט דאָך עפּעס אַ שיינע פּאַר לויט. ווייל מען וועט יאַנקל־זשאַקן נישט גיין דערציילן קיין מעשיות, אַז די ערד ווערט עפּעס דאָרט געהאַלטן דורך מאַגנעס, אַז די זון ציט זי צו. מיט וואָס ציט זי צו? מיט וואַקסענע שטריק? מיט אייזערנע קייטן? די אַלע נאַרישע מעשיות זענען גוט פּאַר די שטודירטע קעפּ, פּאַר די, וואָס האָבן אויסגעריבן די הויזן אויף די שול־בענק, פּאַר איינשטיינען, פּאַר זשאָליאָ־קירי און נאָך אַזעלכע „מענטשעלעך”, אָבער נישט פּאַר יאַנקל־זשאַקן.

יאַנקל־זשאַק גלויבט אין דעם, וואָס ער זעט; מען וועט אים נישט איינרעדן, אַז די ערד הענגט אין דער לופט. וואָס הייסט זי הענגט אין דער לופט גלאַט אַזוי זיך? וואָס איז זי, אַ קינדער־באַלאַן, וואָס מען בלאָזט אים אָן און פּאַרטיק, און מען לאָזט אים עפּעס פליען? מילא, אַ קינדער־באַלאָן, פאַרשטיי איך נאָך, עס וועגט נישט קיין גרויסעס, אָבער די ערד? איר שטעלט זיך פּאָר, וואָס דאָס וועגט, וואָס פּאַר אַ מאַסע דאָס איז? די ערד מיט אירע אַלע בערג, מיט אירע אַלע טאָלן, מיט אירע אַלע ימים... איר וועט מיר נישט איינרעדן אַזעלכע זאַכן, דאָס איז נישט פּאַר יאַנקל־זשאַקס קאָפּ.

די מעשיות, אַז די ערד דרייט זיך, איז נישט געשטויגן, נישט געפלויגן. וואָס הייסט די ערד דרייט זיך? פּאַרוואָס זאָל זי זיך עפּעס דרייען? ווו האָט זי ספּרענזשינעס זיך צו דרייען? און ווען זי וואָלט זיך שוין יאָ געדרייט, וואָלט זי זיך דאָך אַמאָל אָפּגעשטעלט, זי וואָלט דאָך אַמאָל

מיד געוואָרן. עס וואָלט זיך דאָך איר אַמאָל פאַרדרייט דער קאָפּ פון אַזויפיל דרייען זיך. מ׳זאָגט, אַז דאָס משוגעת געדויערט שוין אַזוי מיר־ליאַרדן יאָרן, מיליאַנען יאָרן. גיי גלויב זיי. אַז איך בין נישט געווען דערביי. זיי ווילן מיר עפּעס איינרעדן אַזעלכע זאַכן, זיי מיינען, אַז ווייל איך בין אַ שניידער, וועל איך זיך לאָזן פון זיי.

איך ווין אין אַ שטאָט שוין צוואַנציק יאָר און איך זע זי יעדעס מאָל אויפן זעלבן אָרט. ביי מיר איז לאָגיש: וואָלט זיך טאַקע די וועלט געדרייט ווי אַ קאַרוזעלע אַרום זיך אַליין און אַרום דער זון, וואָלט איך זיך, צום ביישפּיל, געלייגט אין ליאָן און זיך אויפגעהויבן אין טשיקאַגאָ; אָדער זיך געלייגט אין לאָנדאָן און זיך אויפגעהויבן אין מאָסקווע. איין טאָג וואָלט איך געווען אין כינע און אַ צווייטן טאָג אין האָנאָלולו; איין טאָג אין ישראל און דעם צווייטן טאָג ביי די ווילדע שבטים. דאָס וואָלט ביי מיר געהייסן, אַז די וועלט דרייט זיך. אָבער אַז איך ליג איינגעלייגט אויפן זעלבן אָרט שוין יאָרן און קוים באַדאַרף איך ערגעץ פאָרן, מוז איך נעמען די באַן, טאָ זאָגט איר אַליין, ווי אַזוי זאָל איך גלויבן, אַז די וועלט דרייט זיך, אַז זי איז קיילעכדיק?

קוים זאָל די גאַנצע געשיכטע זיין אמת, זענען מיר דאָך ערשט אויף געהאַקטע צרות. איר שטעלט אייך פאָר, מיר הענגען עפּעס גלאַט אַזוי זיך אין דער לופט, אין וויסטן רוים, מיר זענען איינער אַליין און קיינער קאָן אונדז נישט העלפן, כאָטש שריי ביזן זיבעטן הימל. קוים גלוסט זיך די ערד צו מאַכן אַ משוגענע קונץ. קוים גלוסט זיך איר אַראָפּצופאַלן ערגעץ ווער ווייסט ווו, איז זיך דאָך נישטאָ ווו צו ווענדן. דאָס הייסט, אַז מיין גורל, מיין לעבן, מיין פאַרמעגן, מיין געשעפט, אַלץ איז אָפּ־הענגיק פון דער נאַרישער ערד. אויב אַזוי איז דאָך מיין לאַגע אַבסאָלוט האָפענונגסלאָז. איך הענג אין דער לופט; עס שנייט איבער מיין קאָפּ, עס רעגנט איבער מיין קאָפּ, עס דונערט איבער מיין קאָפּ, עס האָגלט איבער מיין קאָפּ און איך קאָן זיך גאָרנישט העלפן, ווייל איך הענג אין דער לופטן; און ווי אַזוי כ׳בין עפּעס אַרויפגעקומען אויף דער ערד, גע־דענק איך שוין אַליין נישט. וואָס פאַר אַ זינד בין איך באַגאַנגען, וואָס מען האָט מיך אַרויפגעוואָרפן אויף אַ באַלעם ערד מיט שטיינער, מיט זאַמד, מיט אייזן, מיט וואַסער און מען הייסט מיך דאָ לעבן?

זיך אויסגעלערנט שניידעריי, בין איך אַזוי פאַרהאַרעוועט אַנצוטאָן דאָס „שיינע מין״, אַז כ׳האָב נישט קיין צייט אַפילו צו פילאָזאָפירן. נאָך גוט, וואָס ס׳זענען פאַראַן אַזויפיל נאַרישע זאַכן אויף דעם וועלטל, אַז ס׳איז צו קייכן פון געלעכטער. נעמט צום ביישפּיל אַ באַרג. וואָס איז אַ באַרג? ווי אַ הויקער אויף אַ גלייכער מענטשלעכער פּלייצע. וואָס זשע

טועָן די מענטשן? זיי קריכן אויף דעם הויקער, לאָזן איבער ווייב און קינדער און קריכן אַזוי לאַנג, ביז זיי הרגענען זיך אָוועק. פאַראַן ווידער אַנדערע משוגעים, וואָס האָבן ליב צו קריכן אונטער דער ערד. שטעלט אייך פאָר, ליבע מענטשן, וויפל מיליאָנען יאָרן עס האָט געדויערט ביז מיר זענען אַרויסגעקראָכן פונעם שטויב פון אונטער דער ערד, ביז מען איז שוין געוואָרן אַ „שטיקל מענטש", נעמען די משוגעים און קריכן ווידער אונטער דער ערד, הרגענען זיך אָוועק און — גיי פאַרשטיי אַ וועלט.

כ'זאָג אייך, וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אויף דעם שטיקל ערד — אַ גאַנצע „מענאַזשעריע". מען קוקט צו דער זון, מען קאָן זי נישט דער־גרייכן; מען קוקט אויף דעם בלאַסן פּעניצל לבנה, וואָס מען קאָן עס כמעט אָנרירן מיט דער האַנט, און מען קאָן עס נישט דערגרייכן; מען קוקט צו די שטערן און מען קאָן זיי נישט דערגרייכן; טאָ ווי אַזוי ווילט איר, אַז עס זאָל גוט זיין, אַז מען איז פאַרמשפּט צו לעבן אויף דער ערד?

וואָס אָן אמת וואָלט איך, יאַנקל־זשאַק, שוין אויסגעפונען עפּעס אַ תכלית. אויף דעם פילאָזאָפיר איך דאָך; נאָר די יאַנקל־זשאַקעטע לאָזט מיך נישט, זי מאַכט מיר אַ האַלבן טויט. נאָר דאָס שניידעריי ליגט איר אין קאָפּ:

— יאַנקל־זשאַק — האַלט זי אין איין שרייען — דו האָסט מיך אינ־גאַנצן צוגעהרגעט די פאָר שטיקלעך אַרבעט... גיב נאָר אַ קוק די רע־ווערן, וואָס פאַר אַ טעם זיי האָבן... און די אַרבל, יאַנקל־זשאַק! אייגער צופיל אויף הינטן, דער צווייטער צופיל אויף פאָרנט... איך וועל עס נישט גיין ליוווערן... ווו לעבסטו, יאַנקל־זשאַק, אויף דער לבנה, צי אויף דער ערד? וועסט מיך אומברענגען! דו וועסט שוין קיין לייט נישט זיין, יאַנקל־זשאַק, דו לעבסט אויף דער לבנה...

איר הערט אַ מעשה, איך לעב אויף דער לבנה! הלוואי וואָלט איך טאַקע געלעבט אויף דער לבנה און נישט געמוזט אַרבעטן פאַר מיין נאָ־רישן פּאַטראָן; און אַז מען רעדט שוין פון פּאַטראָנען, זאָג איך אייך, אַז עס איז צום קייכן פון געלעכטער, וואָס עס טוט זיך אַלץ אויף דעם אָרע־מען שטיקל ערד. כ'זאָג אייך, ווען איך קוק זיך אַזוי צו, ווייס איך נישט וואָס צו טראַכטן פון די מענטשן, כ'מיין נישט פון די פּאַטראָנען, נאָר פון די אַרבעטער. יעדן טאָג הייבן זיי זיך אויף, לויפן אַרויס פון די וואַרעמע בעטן און יאָגן זיך אין פאַרנעפּלטן פרימאָרגן; לויפן אין די קוילנגרובנס, קריכן אַרונטער אונטער דער ערד, שטעלן איין זייער לעבן, שלעפּן אַרויס אוצרות; און פאַר וועמען, מיינט איר, האָרעווען אַזוי שווער? — פאַרן גראָבן בויך.

אַנדערע ווידער לויפן צו די שמעלץ־אויוונס, ווו מען קאָן פאַרברענט ווערן אין איין רגע, אין איין סעקונדע, ווו עס שרפהט אַ גיהנומדיק פייער. זיי גיסן דאָס אייזן, פאַרמען עס, שאַפן אוצרות, פאַרברענען זיך די לונגען. און פאַר וועמען איז דאָס אַלץ? — פאַר דעם גראָבן בויך... און דער גראָבער בויך זאַמלט ס׳געלט אין אייזערנע קאַסעס, פאַרהעַ־מערט מיט שלעסער, פרעסט און פרעסט פאַר צען, פאַר טויזנט, פאַר טויזנטער און צום סוף שטאַרבט ער אַן איבערגעפרעסענער. גאָרנישט קען ער מיטנעמען און אַנדערע לאָזט ער נישט לעבן; ער מיינט, אַז די וועלט איז נאָר זיינע, נאָר ער האָט רעכט צו שטיין ביי דער קאַריטע, פרעסן, זיך איבערפרעסן, אָוועקפגרן און פאַרטיק. וואָס האָט ער אויפ־געטאָן? אַליין זיך איבערגעפרעסן, אַנדערע נישט געלאָזט עסן צו דער זעט, און לעבן אייביק לעבט ער דאָך נישט.

ווען ער וואָלט אָבער אַזאַ „קליינקייט" פאַרשטאַנען, ווי גליקלעך וואָלטן געווען די מענטשן. איז ער דאָך אָבער אַן איינגעשפּאַרטער, דער גראָבער בויך, ווי אַ פאַרד, און וויל גאָרנישט געבן, אַלץ איז זיין. ער פאַרשטייט נישט, אַז זיינס איז גאָרנישט, אַז עס איז בלויז אַן אילוזיע, אַז ער פרעסט זיך בלויז איבער און — אויס מיט אים... און נאָך נאַריי־שער זענען די, וואָס לאָזן אים אַזוי פרעסן, בשעת זיי שטייען קוקן זיך צו און הונגערן. אַזאַ חברהמאַן איז דאָס בעסטע, אַז מען גיט אים אַ קאַפּע אין הינטן... מען שיקט אים צום טייוול און פאַרטיק...

נו, וואָס זאָגט איר, מענטשן, צו יאַנקל־זשאַקס פילאָזאָפיע? נישט שלעכט, אַ? אַזוי איינפאַך, נאָר גיי פאַרשטיי אַ וועלט...

נאָר דאָ מוז איך איבעררייסן מיינע פילאָזאָפישע געדאַנקען, ווייל די יאַנקל־זשאַקעטע האָט זיך ווידער געגומען שרייען, אַז עפּעס ליגן נישט די זשאַקעטלעך ווי מען ס׳באַדאַרף צו זיין, אַז עס קנייטשט זיך אונטער דער ברוסט, אַז עס „ליגט" נישט גוט. כ׳זאָג אייך, די יידענע מאַכט מיר אַ האַלבן טויט, זי גיט זיך גאָרנישט אָפּ קיין רעכענונג, אַז מיר הענגען אין דער לופט. און אַז קוים וויל די ערד מאַכן אַ קונץ, קאָן אונדז קיי־נער נישט העלפן... און זי פאַרשטייט גאָרנישט, ווי שרעקלעך עס איז צו וויסן, אַז מען הענגט אין דער לופטן און אַרום דיר איז שטאַרק פינצטער, אַז מען זעט נישט ווו אַ פוס צו שטעלן, מען קאָן זיך האַלדז און נאַקן צוברעכן...

מען מוז אָבער וואַרטן ביז עס וועט קומען אַ בעסערע צייט, ווען מען וועט קאָנען אויסטוישן אונדזער „פלאַנעטל" אויף אַ צווייטס... פאַר־שטייט זיך, אַז נישט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט עס געשען, אָבער האָפענונג דאַרף מען האָבן. די לצים ווילן דערווייל נישט אויסגיסן דאָס

אומריינע וואַסער, ביז זיי וועלן האָבן ריינס; ווייל עפּעס פּאָכעט מען מיט „באָמבאָניערקעס" איבער אונדזערע אָרעמע קעפּ; און די ערד האַלט זיך שוין נעבעך קוים, קוים אין גלייכגעוויכט... און אויב גיט מען איר נאָך אַ צו שטאַרקן שטויס, טאָ ווער ווייסט וווהין מיר וועלן פליען, זיכער צו גאָט אין די ווייטע, ווייטע הימלען, פֿון וואַנען מען האָט שוין מער קיין כוח נישט צוריקצוקומען... און אויב ס׳וועט אַזוי זיין, וועט דאָך זיין ביטער, זייער ביטער. טייערע שניידער, וואָס וועט ווערן פֿון אונדזערע מאַנטלען, פֿון אונדזערע רעקלעך? מען קאָן זיי נאָך אין דעם ווייטן וועג פֿאַרלירן, אונדזער אַרבעט קאָן אַמאָל אויסגיין צו אַש און צו פייער. און קוים טוט מען נישט עפּעס אַרויסצונעמען פֿון די משוגענע הענט די שרעקלעכע שפּילצייג, קאָנען זיי אונדז אַמאָל אַזוי פֿאַרשפּילן, אַז עס וועט זיי ווייי צו אונדזערע שניידערישע יאָרן...

מיינע ליבע פֿאַך־קאָלעגן, מיין חוב איז געווען אייך צו זאָגן ווו מיר האַלטן און ווי מיר זעען אויס אויף דעם פּיצל ערד, וואָס מיר באַוווינען; און איצט מאַכט, ווי איר פֿאַרשטייט... איז אייך אייער שניידעריש לעבן עפּעס ווערט, טאָ שטעלט אונטער אַ פּלייצע... און אויב נישט — טוט גאָרנישט!

ווי האָבן אונדזערע פילאָזאָפן געזאָגט, איר ווייסט דאָך, שפּינאָזע, מענדעלסאָן, אַריסטאָטלעס, אַכילעס, טשאַרלי טשאַפּלין, פּוטשיני, שאַליאַפּין, איוו מאָנטאַן און איינשטיין... איר ווילט דאָך נישט, אַז איך זאָל אייך גיין דערציילן, וואָס די אַלע פילאָזאָפן האָבן געזאָגט, מען וועט דאָך נישט אַרויסקריכן. האָבן זיי געזאָגט... כ׳וועל אייך שוין אַן אַנדערש מאָל דערציילן וואָס זיי האָבן געזאָגט. זייט אַזוי גוט און שטערט מיר נישט, ווייל ווען יאַנקל זשאַק פילאָזאָפירט, איז ער זייער ווייט אין די רוימען.

דער שרײַבער, דער קריטיקער און דאָס זשאַקעטל

יאַנקל־זשאַק האָט זיך אַרײַנגענומען אין קאָפּ אַרײַן צו ווערן אַ שרײַבער; און מײנט נישט, אַז אַבי־ווער, עפּעס דאָרט אַ שרײַבערל, אָן אָנפאַנגער. מער נישט — אײן צרה: מען אָנערקענט אים נישט. אַ צרה איז עס, נאָר אַז מען וויל, אויך אַ שטיקל טרייסט. וואָרום אַלע גרויסע מענטשן האָט מען אויך נישט געוואָלט אָנערקענען בײַ זײער לעבן. איז דאָך ווידער אַ ראיה, אַז יאַנקל־זשאַק איז טאַקע אַ שרײַבער מיט עפּעס אַזוינס אין זיך, וואָס מען דאַרף טאַקע זײַן אַ גרויסער מבין, כּדי עס אַרויסצוגעפינען. נאָר וואָס זאָל מען מאַכן, אַז ער האָט, נעבעך, כּסדר צו טאָן מיט מענטשן, וואָס פאַרשטײען זיך נישט אויף זײַן גרויסקייט...

דערײַבער טאַקע איז יאַנקל־זשאַק בײַ זיך נישט געפאַלן. הגם די פאַרלעגער ווילן נישט אַרויסגעבן זײַנע ווערק, און די רעדאַקטאָרן ווילן נישט דרוקן זײַנע דערצײלונגען, זײַנע פּאָעמעס, פונדעסטוועגן שטערט עס נישט יאַנקל־זשאַקן ווײַטער צו שאַפן. ער איז, פאַרקערט, זײער פּראָדוקטיוו. און דאָס גענױאַלע בײַ אים איז דאָס, וואָס ער באַדאַרף זיך נישט צעברעכן דעם מוח צו געפינען אַ טעמע. די טעמעס שלאָגן זיך ממש בײַ אים אַרום אין קאָפּ; יעדע אײנע וויל אַרויס וואָס פריער און האָבן די זכיה צו געפינען זיך וואָס שנעלער אויף זײַן שפּיץ פּען.

קומט איר אַרײַן צו אים, זעט איר ווי אַלע צימערן זענען פאַרלייגט מיט זײַנע ווערק, אַז ס'איז נישטאָ וווּ אַ פוס צו שטעלן. אַלע שענק, אַלע טישן און אַפילו אונטער די טישן זענען פול, אומעטום ליגן זײַנע שאַפונגען. און ווען איר באַדאַרפט מיט אים רעדן אַ וואָרט, הײסט ער אײַך וואַרטן, ווײַל ער איז גראָד פאַרנומען מיטן פאַרענדיקן אַ קאַפּיטל פון אַ נײַעם ראָמאַן, וואָס ווערט, זאָגט ער, אָנמאַכן אַ גערודער און איבער וועלכן

אַלע פאַרלײגער וועלן זיך רײסן און אַלע קריטיקער וועלן אײַננעמען א מיתה־משונה...

— נו — זאָגט ער — איז עס נישט קײן זינד, וואָס אַזא טאַלאַנט זאָל פאַרלוירן גײן? די שפּעטערדיקע דורות, — זאָגט ער — וועלן עס קײן מאָל נישט מוחל זײַן!

אַזוי רעדט ער און צעװײנט זיך שיר נישט ווי אַ קלײן קינד. איר ווייסט דען, זאָגט ער, וואָס עס ליגט אין מײַנע ווערק? מײַן גאַנץ לעבן, גאָלד מיט בריליאַנטן ליגן דאָרט — ווײַזט ער אויף א פּעקל כתבים — און עס זענען נישטאָ קײן מבינים. און אַזוי לאָזט מען פּטרן מײַנע טעג בײַ שנײַדערײַ. בײַ אַנדערע פעלקער וואָלט מען מיך אויף די הענט געטראָגן. איר שפּילט זיך, ווי אַנדערע פעלקער באַהאַנדלען זײערע שרײַבער. אדרבא, דערלאַנגט אַ קוק: מאָנומענטן שטעלט מען זײ אויף, אין מאַוזאָלעאומס לײגט מען זײ אַרײַן. כ׳זאָג אײַך, אַפילו שטאַרבן לוינט זיך נאָר בײַ אַנדערע פעלקער...

כאָטש צוריקגעשמועסט, וואָס פאַר אַ לעבן איז עס, אַז די רעדאַקטאָרן און די קריטיקער טוען מיר אָן אַזעלכע געבערענטע צרות?

אײ, די קריטיקער, די קריטיקער... איר מעגט טאַקע אויסהערן אַ טשעקאַווע מעשה, וואָס אַ קריטיקער קאָן. כ׳קען, פאַרשטײט איר, די קריטיקער. וואָס פאַר א שרײַבער וואָלט איך שוין געווען, כ׳זאָל נישט האָבן צו טאָן מיט קריטיקער. בקיצור, צו אײנעם פון זײ בין איך טאַקע אָפּט געפאָרן מיט מײַנע ווערק, ווי מען פאָרט, להבדיל, צו א גוטן ייִד. און אַז כ׳האָב געזען, אַז דער מענטש האָט גאָרנישט קײן חשק זיך צו פאַרנעמען מיט מיר און אַז מײנסטנס האָב איך גאָר געמוזט שמועסן מיט זײַן ווײַבל, ווײַל ער, אַז ער פלעגט מיך דערזען, האָט ער זיך פאַרמאַכט בחדרי־חדרים; בין איך געפאַלן אויף אַ המצאה. וואַרט, וואַרט נאָר, האָב איך זיך געטראַכט, ועסט שוין מוזן מיט מיר רעדן.

ווײַל, ווי איר ווייסט, בין איך נישט בלויז אַ שרײַבער, נאָר בעוונותינו הרבים, אויך א שנײַדער. ס׳איז טאַקע טרויעריק, וואָס אזא טאַלאַנט דאַרף פאַרלוירן גײן בײַ דער מאַשין, אָבער וואָס קען מען העלפן? אַז מיר לעבן אין א וועלט, וואָס אָנערקענט נישט קײן גרויסע מענטשן בײַ זײער לעבן. הכלל, האָב איך זיך געטראַכט, כ׳וועל דיך, מײַן ליבער קריטיקער, נעמען אויפן צימבל. כ׳וועל געבן אָן אַרבעט אָפּ פאַר דײַן ווײַבל אַ זשאַקעטל, אַז ס׳וועט טאַנצן.

אויסגעקליבן די שענסטע סחורה און געגעבן אַ מאַך אַ זשאַקעטל, אַז ס׳האָט די אויגן פאַרבלענדט; פאַרפאַקט אין זײַד־פּאַפּיר, ווי ס׳פּאַסט פאַר

אַ קולטור־מענטש, א שרייבער, און אין איינוועגס, האָב איך זיך געטראַכט, וועל איך צוגעבן מיינע שאַפונגען צוזאַמען מיט דער מתנה פאַר זיין ווייבל. און אוועקגעשיקט דאָס פעקל מיט עקספרעס און רעקאָמענדירט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט גלייך נאָכן אוועקשיקן דאָס זשאַקעטל ? ווארעם איין קלייניקייט. כ׳האָב דאָך אריינ־געלייגט אין פעקל מיינס א ביסל פאָעמעס, א פאָר ראָמאנען, עטלעכע דראַמעס, אחוץ סתם נאָטיצן, פעדער־שפריצן, געדאנקען-בליצן. מיט איין וואָרט, אַן אוצר.

נו, פארשטייט איר דאָך, אַז כ׳האָב געוואַרט דער קריטיקער זאָל אָנהייבן צו שרייבן אַרטיקלען וועגן מיר, גרויסע אָפּהאנדלונגען, עסייען. כ׳האָב זיך געטראכט, אַז א ליאדע מינוט וועט אָנקומען דער בריוו־טרע־גער מיט אַ רעקאָמענדירטן בריוו פון דער רעדאקציע, אז מען פארלאנגט מיין פאָטאָגראפיע. כ׳בין געלאָפן צום פאָטאָגראַף און האָב געמאכט אַ שרייבערישע מינע און אַ פאָזע מיט דער האנט אויפן שטערן. אזוי האָב איך פארלאנגט ביים פאָטאָגראף, זאָגנדיק, אז כ׳בין א שרייבער; און ער האָט טאָקע גלייך געקראָגן דרך־ארץ פאר מיר. אַרויסגעקומען איז דאָס בילד — אַן אַנטיק. ווי נאָר מען האָט א קוק געטאָן, האָט מען גלייך געזען, אז מען האָט דאָ צו טאָן מיט עפּעס א מענטשן נישט קיין געוויינ־לעכן. כ׳בין זיך מודה, כ׳האָב אַליין אַ הנאה געהאָט צו קוקן אויפן בילד, אויף דער האַנט, וואָס האַלט אונטער אַ שטערן, פון וועלכן עס זענען שוין אַרויס אזויפיל ווערק...

ביים אָנקוקן דאָס בילד, האָט זיך מיין שאַפערישער כוח הדמיון פונאנדערגעשפּילט און גענומען אויסמאָלן, ווי דער קריטיקער נעמט עס פונאנדער דאָס פעקל, זעט דאָס זשאַקעטל, זעט די כתבים, כאפּט א בליק אין זיי און בלייבט פאַרגאַפט, באַנומען, קאָן זיך מער נישט אָפּרייסן. זיין ווייב דרייט זיך מיטן זשאַקעטל, פאַסט עס אָן, וויל הערן מבינות פון איר מאַן. אָבער ער — וואָס זשאַקעטל, ווען זשאַקעטל ?... ער איז איצט אין די עולמות העליונים, ער שוועבט אין די הימלען פון מיינע לידער, ער נידערט אראָפּ אין די תהומות פון מיינע דראַמעס, ער שלינגט מיינע ראָמאנען און קאָן זיך גאָרנישט געבן אַנשלינגען. סטייטש, שרייט עס אין אים, סטייטש, אַזאַ טאַלאַנט האָבן מיר שיר נישט פאַרזען! און ער זעצט זיך אוועק שרייבן קריטיקעס און אַרטיקלען און אין די רעדאַק־ציעס ווערט אַן ערד-ציטערניש. אַלע רעדאקטאָרן רייסן אָפּ דעם טע־לעפאָן : „אפשר האָט איר נאָך אַ ליד פון יאנקל־זשאַק ?", „גאָך אַ פראַגמענט פון יאנקל־זשאַקס ראָמאַן ?", „גיט אונדז יאנקל־זשאַקס א דראַמאַטישע פּאָעמע, א פּאָעטישע דראַמע, א נאָוועליסטישע דערציילונג,

אַ דערציילערישע נאָוועלע, אַ מעשה, אַ משל, דאָס, יענץ, אַבי פון יאַנקל־זשאקן״...

און אזוי פארטראַגן אין מיינע דמיונות, זעץ איך זיך טאַקע אַוועק און שרייב אָן א בריוועלע צום קריטיקער, אז אויב דאָס, וואָס כ׳האָב אים געשיקט, איז ווייניק, זאָל ער זיך קיין זאָרגן נישט מאכן און זאָל ער זיך נישט שעמען ביי מיר צו בעטן נאָך. ווייל ס׳איז, גאָט צו דאנקען, דאָ פון וואָס צו שעפּן. און מיטן האָנאָראַר וועט מען שוין אַדורכקומען...

איר פארשטייט דאָך אַליין, אז אויף אן ענטפער האָב איך געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף משיחן. כ׳בין ארומגעגאנגען ווי משוגע. אָבער דאָס מאָל איז דער ענטפער געקומען דווקא זייער שנעל. איר זעט, וואָס אַ שרייבערס א זשאקעטל קאָן אלץ מאכן... דעם בריוו האָב איך אויפגע־ריסן מיט ציטערנדיקע פינגער; און אָט הערט, וואָס דער מענטש האָט מיר געענטפערט : „טייערער פריינט, שרייבט ער מיר, דעהאלטן אייער זשאַקעטל. מיין ליבע פרוי איז גאָר איבעראַשט ווי שיין דאָס זשאקעטל איז. נישט קיין זשאַקעטל, נאָר אַ פּאָעמע. אַזאַ מין צויבער ! ס׳איז פריי־לינגדיק־צאַרט און קינסטלעריש־פּילקאָליריק; ס׳האָט עפּעס אין זיך אַזאַ מין עפּיש־ליריש-דראַמאַטישן שניט; ווי ס׳וואָלט נישט קיין שניידער, נאָר אַ דיכטער אהין אַריינגעוועבט זיינע לבנהקע פארלאנגען און עס געבייט מיט די פעדים פון זיין מיסטישער נשמה. אַך, פארוואָס בין איך נישט קיין דיכטער, נאָר אן אָרעמער קריטיקער. אָבער כ׳וועל זיך נאָך, צווישן אנדערן, אומקערן, צום דאָזיקן הויך־אינטערעסאנטן און גייסט־רייכן זשאקעטל און וועל עס נאָך אויספירלעכער באהאנדלען״.

און וועגן מיינע כתבים — גאָרנישט. קיין איין וואָרט נישט...

אַז כ׳האָב דורכגעלייענט דאָס בריוול, איז מיר שלעכט געוואָרן. מיין ווייב האָט מיך געמוזט מינטערן מיט קאַלט וואַסער. וואָרעם ס׳איז דאָך געווען קלאָר : מען האָט מיר צוגעגנבעט מיינע כתבים. אַלץ צוגענו־מען, צוגעגנבעט — מיינע פּאָעמעס, מיינע ראָמאנען, מיינע דראמעס, אַחוץ סתם נאָטיצן, פעדער־שפּריצן, געדאַנקען־בליצן. בקיצור, ווי נאָר כ׳בין געקומען צו־זיך בין איך תיכף געלאָפן אויף דער פּאָסט און גע־קלאפּט אַ טעלעגראמע מיט אַ באצאָלטן ענטפער, אז אויב ער וויל נישט האָבן אויף זיין געוויסן, אז א מענטש איז צוליב אים אראָפּ פון זינען, זאָל ער מיר למען השם תיכף ענטפערן, צי ער האָט באקומען די כתבים. האָט ער מיר באלד געענטפערט, אז יאָ, ער האָט זיי באקומען. איז מיר געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. ווי באַלד ער האָט זיי באַקומען, וועט ער זיי דאָך געוויס לייענען און אז ער וועט זיי לייענען, איז דאָך גוט. און מיין כוח הדמיון טראָגט מיך שוין ווידער אַוועק און כ׳זע, ווי דער

פאַרגאַפטער קריטיקער שלינגט מיינע כתבים און די טעלעפאָנען קלינ־גען און די רעדאַקטאָרן בעטן זיך ממש, אַז מען זאָל זיי עפּעס געבן... הכלל, מען דאַרף נאָר האָבן אַ ביסעלע געדולד און צוּוואַרטן...

כ׳האָב געוואַרט און געוואַרט, אַז ס׳איז מיר מיאוס געוואָרן דאָס וואַרטן. ענדלעך, כמעט נאָך אַ יאָר, קומט אָן אַ בריוול; און דווקא רע־קאָמענדירט. איך באַשרייבן, וואָס כ׳האָב איבערגעלעבט, ווען כ׳האָב געהאַלטן אָט דאָס בריוול אין די הענט, איז אַפילו פאַר אַזאַ שרייבער ווי איך נישט אַזוי לייכט. אָן אַנגסטן-שווייס האָט זיך מיר אַרויסגע־זעצט. איך עפן דאָס בריוול און לייען און הערט וואָס אַ קריטיקער פּאַלט איין. היות — שרייבט ער — ס׳איז געוואָרן אַ יאָר, ווי איר האָט אונדז געשיקט דאָס וווּנדערבאַרע זשאַקעטל, (און ווען כ׳זאָג: וווּנדערבאַר, איז עס, גלויבט מיר, נישט סתם קיין מעטאַפאָרע, קיין גוזמא), ווייל ס׳איז באמת נישט קיין זשאַקעטל, נאָר אַ קונסט־בילד. וויל ער הייסט עס, נאָך אַ מאָל מיך באַדאַנקען, אין זיין נאָמען און אויך אין נאָמען פון זיין פרוי. וואָרעם מיין פרוי — שרייבט ער — קאָן זיך גאָרנישט געזוג אָנלויבן און טראַכט וועגן אייך טאָג און נאַכט. ער איז שוין באַלד אליין אייפערזיכטיק...

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס צו אַזאַ מין בריוול? דאַרף מען נישט זיין שטאַרקער פון אייזן, אַז מען זאָל נאָך אַזאַ בריוול נישט דערלאַנגען אַ טראַסק אין דר׳ערד אריין מיט דער גאַנצער ליטעראַטור? אָבער וועלכע גרויסע גייסטער האָבן דען נישט געהאַט אויסצושטיין כלערליי צרות און פּורענויות פון זייערע קריטיקער?

טו איך זיך טאַקע אָן אַ כוח און שיק אוועק מיין קריטיקער אַ פּאָר נייע פּאָעמעס און אַ היפּש ביסל פראַגמענטן פון אַ נייעם ראָמאַן, און וואַרט ווידער אָן ערך אַ יאָר; און אַז ס׳גייט אַדורך אַ יאָר, קומט ווידער אָן אַ בריוול און ווידער רעקאָמענדירט. עפן איך אויף דעם בריוו, די הענט טרייסלען זיך מיר, אין די שלייפן האַקט און פאַר די אויגן שווינדלט. איך לייען און קאָן נישט פאַרשטיין, וואָרעם די אות־יות טאַנצן פאַר מיינע אויגן. היות, שרייבט ער, ער האָט שוין סיי ווי מיר געוואָלט שרייבן, האָט ער זיך איצט אַ ביסל צוגעאיילט. און אַזוי ווי דאָס זשאַקעטל, אַ וווּנדערבאַר זשאַקעטל, אַן אינספּיראַציע, נישט קיין זשאַקעטל, זאָל ער, זיין פרוי און זיינע קינדער אַזוי דערלעבן אַלדאָס גוטס, וואָס פאַר אַ טאַלאַנטירט זשאַקעטל דאָס איז; אַזוי, אַלזאָ, ווי דאָס זשאַקעטל האָט זיך שוין אַ ביסל אָפּגענוצט, זענען זיי געפאַלן אויף אַן המצאה עס צו טראַנספאָנירן אויף אַ העכערן פּלאַן, און האָבן עס איבער־געניצעוועט אויף דער לינקער זייט. און שטעלט אייך פאָר, שרייבט ער

מיר, אַז אויף דער לינקער זייט איז עס נאָך רעליעפער און בילדערישער ווי אויף דער רעכטער זייט. און די פרייד פון זיין פרוי איז גאָר אין לשער. און היות, ווי דער עמאַציאַנעלער קאָעפיציענט זיינער בנוגע זיין פרוי איז נאָך אלץ דער זעלבער ווי אינעם ערשטן טייל פון זיין לעבנס־ראָמאַן, אין וועלכן ס'האָט זיך פארקניפּט די גרונט-אינטריגע, איז עס אויך זיין אומבאַשרייבלעכע פרייד, און בכן דאַנקט ער מיר, הייסט עס, נאָך אַ מאָל פון זיין גאנצן קריטישן הארצן...

טו איך זיך אָבער אָן אַ כוח און שווייג, און וואַרט, און וואַרט נאָך אַ יאָר, טאָמער וועט אפשר פאָרט עפּעס קומען. און אַז ס'קומט נישט, זעץ איך זיך אוועק און שרייב אָן צום קריטיקער אַ בריוול, קורץ און שאַרף, בזה הלשון, אַז היות, ווי כ'וויל וויסן וואָס עס איז געוואָרן מיט מיינע ווערק און וואָס רעכנט ער מיט זיי צו טאָן, און כ'שיק עס אַוועק רעקאָמענדירט. ס'גייט נישט אַוועק קיין וואָך, קריג איך אַ תשובה. איך עפן אויף דאָס בריוול און לייען, אַז היות ער האָט טאָקע געהאַלטן ביים שרייבן מיר א פּאָר ווערטער, ענטפערט ער מיר תיכף, ווייל ס'האַנדלט זיך וועגן אַ דרינגענדיק־אימפּעראַטיוון פּאָסטולאַט. און אוודאי דערמאָנט איר זיך נאָך — שרייבט ער — דאָס זשאַקעטל, וואָס איר האָט קאָמפּאָנירט פאַר מיין פרוי. אַ טייער זשאַקעטל, נישט קיין זשאַקעטל, נאָר א סימפאָניע. נאָר איצט איז עס שוין א ביסל אָפּ־געוווצט. פאָרט א בגד. וויל זיך אָבער זיין פרוי פון דעם נישט שיידן. אזוי איינגעבאַקן זענען איר די טענער פון דעם זשאַקעטל אין דער נשמה. ער איז שוין באלד אייפערזיכטיק אויפן זשאַקעטל. און היות, ווי זיין עמאַציאָנעלע עקספּרעסיוקייט בנוגע זיין פרוי וויברירט נאָך אלץ מיט די קלאַנגען פון זייער ערשטן לירישן אינטערמעצאָ, בעט ער מיך, הייסט עס, אויב כ'קאָן אים נישט צושיקן אַ שטיקל פון דער זעלבער סחורה אויף א קעלנערל. ווייל אויב מען וועט בייטן דאָס קעלנערל, וועט דאָס זשאַקעטל ווידער זיך דערהייבן צו זיין פולן אויסדרוק־כוח און וועט נאָך אַ סך יאָרן גליקלעך מאכן זיין פרוי און במילא אויך אים. און ער דאַנקט מיר אין פאָרויס אויך אין נאָמען פון זיין פרוי פון די טי־פענישן פון זיין קריטישער נשמה.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן ? אויב כ'לעב נאָך אויף דער וועלט איז עס נאָר דערפאַר, ווייל א שרייבער דארף אלץ אַריבערטראָגן. דערויף איז ער דאָך אַ שרייבער. נאָר צווישן אונדז גערעדט, גייט עס מיר דען וועגן מיר ? וועגן מיר וואָלט מיך שוין נישט געאַרט. אָבער וועגן מיינע ווערק ! גלויבט מיר, די מענטשהייט וועט עס קיין מאָל נישט מוחל זיין. קיין מאָל נישט !

אזא סעזאָן האָב איך געהאַט

יאַנקל־זשאַק איז בטבע זייער אַ פּינקטלעכער מענטש. צום סעזאָן גרייט ער זיך פריער געגנוי צו: ער פּוצט און שמירט אויס די מאַשינען, שלייפט די שערן, באַזאָרגט זיך מיט אַרבעטער.

די אַלע אַרבעטער, וואָס האָבן זיך נישט אויפגעפירט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין אין פאַרגאַנגענעם סעזאָן, אַביסל צופיל „געפּאַדערט", איז ער באַלד משלח. ער גיט אַן אַנאָנס אין דער פּרעסע: אַז ער, יאַנקל־זשאַק, זוכט גוטע האַנט־נייערינס און אַ גוטע אונטער־מאַשינערין. נישט־קוואַ־ליפיצירטע — זאָלן זיך אָפּהאַלטן...

אויף מאָרגן קומען אַרבעטער און אַרבעטערינס קלינגען אין דער טיר. יאַנקל־זשאַק נעמט זיי אַריין אין סאַלאָן, רעדט מיט יעדן פון זיי זייער העפלעך. איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז יאַנקל־זשאַק איז זייער אַ העפ־לעכער מענטש. ער שרייבט איין יעדנס אַדרעס און ביי די יינגסטע און שענסטע מאַכט ער זיך אַ באַזונדערן צייכן; צום ביישפּיל, ביי די בלאָנ־דינקעס אַ „ב" און ביי די שוואַרץ־חנוודיקע אַ „ש". אַזוי ווייסט ער שוין וועמען אויסצוקלייבן.

באַזונדערס וויל יאַנקל־זשאַק, אַז די שענסטע זאָל זיין די אונטער־מאַשינערין, ווייל זי זיצט אַקעגנאיבער אים און ער באַדאַרף זי אַ גאַנצן טאָג אָנקוקן... זאָל כאָטש זיין, טראַכט ער זיך, וואָס אָנצוקוקן...

אַ פּרעסער האָט זיך יאַנקל־זשאַק אויסגעקליבן פון זעלבן הויז, ווו ער וווינט, אַזוי, אַז ער זאָל אים קענען האָבן אונטער דער האַנט צו יעדער מינוט; יאַנקל־זשאַק רעכנט אַלץ אויס...

ווען דאָס גאַנצע קלאָפּערגעצייג איז פאַרטיק, לאָזט יאַנקל־זשאַק די מאַשין אין גאַנג; אָנהייבן הייבט ער אָן פּונקט ווי אַ באַן־מאַשיניסט: צוערשט פּאַמעלעך, פאָרזיכטיק און נאָכדעם לאָזט ער דעם צוג מיט דער גאַנצער פּאַרע, אַז ס׳שווינדלט אַזש פאַר די אויגן...

אַזוי ווי דער סעזאָן הייבט זיך אָן מיט געזאַנג און געלעכטער, אַזוי טאָר מען נישט אין ברען־סעזאָן אַרויסרעדן קיין וואָרט. איר פאַרשטייט, עס מוז געאַרבעט ווערן. ווייל קוים אַרבעט מען נישט אין סעזאָן, טאָ ווען דען? דער סעזאָן איז ווי אַ קאַץ, ער גיט אַ שפּרונג פאַרביי און גיי יאָג זיך נאָך אים!

אָט נעמט, למשל, יאַנקל־זשאַקן אין מאַרט־סעזאָן: ער קוקט אַריין אין אַ בוך, לייענט צייטונגען און פאַרנעמט זיך אַפילו מיט זיין ווייבל אויך... אָבער אַז עס קומט דער סעזאָן, לאָזט ער די אַלע „נאַרישקייטן" פאַלן... ער איז אַן אַבאָנענט פון דער „נייע פּרעסע" און אין סעזאָן האָט ער אַפילו קיין צייט נישט אַראָפּצורייסן די באַנדעראָלן... ער לאָזט אַזוי ליגן די צייטונגען אויפן מאַרט־סעזאָן; ער האָט טאַקע פאַר דעם אַ ספּעציעל ווינקל לעבן דער מאַשין. ווען עס קומט די צייט, ווען מען קען אַביסל אָפּאָטעמען, גיט ער די אַלע צייטונגען אַ „שיב" אַדורך, אַז עס גייט אַ רויך...

אין סעזאָן אָבער טיילט זיך יאַנקל־זשאַקס אַרבעט־טאָג איין אויף אַזאַ אופן: אויפשטיין שטייט ער אויף האַלב־זעקס אינדערפרי. זיך איינוואַשן די שפּיץ־פינגער און אַביסל אויפקלעפּן די אויגן, געדויערט פינף מינוט. ראַזירן ראַזירט זיך יאַנקל־זשאַק אין סעזאָן איין מאָל אין דער וואָך, אַזוי אַז ער איז ביי דער אַרבעט פּינקטלעך פינף און צוואַנציק מינוט פאַר זעקס. פרישטיקן פרישטיקט ער שטייענדיקערהייט ביים צושנייד־טיש. ער כאַפּט אַריין אין מיטן דער אַרבעט דאָ אַ ביסן ברויט און דאָ אַ טרינק פון „באַל" קאַפע; אַזוי, אַז עס רעכנט זיך נישט... מיטאָג געדויערט עס שוין אַביסל לענגער — גאַנצע פופצן מינוט...

יאַנקל־זשאַקס ווייבל ווייסט שוין, אַז ווען איר „מאַנדל" זעצט זיך צום טיש, מוז אַלץ זיין צוגעגרייט, ווייל אַנישט שטעלט ער זיך אויף און אַנטלויפט דערווייל צו דער מאַשין... ווייל אַ מינוט איז טייער...

אין אָוונט, פאַרשטייט זיך, גייט עס שנעלער... ער כאַפּט אַריין אַביסל זופּ ביי דער מאַשין און אַ שטיקל ברויט מיט „זשאַמבאָן" ביים צושנייד־טיש.

אייגנטלעך באַדאַרף יאַנקל־זשאַק די גאַנצע „עס־מאַיסעס" אינגאַנצן נישט האָבן. דער סעזאָן איז געמאַכט געוואָרן צו אַרבעטן און נישט צו שטאָפּן זיך דעם מאָגן... נו, יאָ, טאַקע, צוליב וואָס דען הייסט עס סעזאָן?... אָבער זיין ווייבל חנהלע מאַכט אים אַ האַלבן טויט מיטן עסן.

— עס, נו, עס שוין! ווען וועסטו שוין עסן? ס'ווערט דאָך קאַלט, יאַנקל־זשאַקעשי קרוין. דו וועסט דאָך אָוועקפאַלן. דו וועסט ווערן סר־כאַטנע... קוק אָן דיין פּנים... אַ שענערן לייגט מען אין קבר אַריין...

און קוים העלפט דאָס אַלץ נישט, הייבט זי אָן וויינען. האָט דאָך יאַנקל־זשאַק רחמנות אויף זיין ווייבל, זי איז דאָך אַ מאַמע פון צוויי קינדער. עסט ער נאָר צוליב צו טאָן זיין ווייבל...

צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, מעג עס ברענען מיט אַרבעט, שטעלט ער זיך אויף פון דער מאַשין. דאַן שניידט ער צו אַ פּאָר שטיקלעך. אַזוי אַרום צוויי ביינאַכט איז ער אין בעט. און דאָס גייט ביי אים ווי אַ זייגער. יעדן טאָג דאָס זעלבע.

— מיט מיר וואָלט אַלץ גוט געווען — שרייט יאַנקל־זשאַק — איך בין אַן ערשט־קלאַסיק פערד, נאָר מיינע אַרבעטער, פון זיי האָב איך גע־ברענטע צרות. ווען איר ווייסט, טייערע מענטשן, וואָס זיי טוען מיר אָן? זיי פאַרשטייען דען מיין „צער״?... איך וועל אייך אומישנע דער־ציילן אַ פּאָר אַזעלכע שפּיגעלעך, ווי זיי צאַפּן מיר מיין בלוט... נעכטן, צום ביישפּיל, די ערשטע, די הויפּט־האַנט־נייערין מיינע, פּאָלעט הייסט זי. געזונט איז דאָס ווי אַ פערד און שיין איז דאָס ווי גאָלד, נאָר אין שפּאַן וויל זי נישט גיין. אַז עס קומט צען אין אָוונט, מעגן ליגן קופּעס אַרבעט, שטעלט זי זיך אויף אַזוי רואיק, ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, שאָקלט זיך אָפּ דעם שטויב, פאַרקעמט זיך די האָר, פאַרבט זיך אָן די ליפּן, שמירט זיך די אויגן; אין מיר ווערט דאָס האַרץ צעזעצט — ווי דאָס האָט אַ „יאַנדעס״, ווי דאָס האָט אַ חוצפּה. געוואָלט און געשריגן. ווי לאַנג דאָס פּוצט זיך אַזוי, וואָלט זי דערווייל געקאָנט אַריינכאַפּן נאָך אַ שטיקל. נאָר זי קלערט גאָרנישט דערפון, זי גייט זיך אַוועק מיט אַ זיס שמיי־כעלע, וואָס שטעכט מיך ווי מיט נאָדלען.

— אַרעוואַר מעסיע יאַנקל־זשאַק — זאָגט זי מיט אַזאַ רואיק שטי־מעלע און פאַרשווינדט.

נו, וואָס זאָגט איר צו דעם, יידן? קאָן מען דאָס אויסהאַלטן?

מיט דער אונטער־מאַשינערין, די הויפּט־קנאַקערין מיינע, מיט איר איז נאָך ערגער. זי, הערט איר, האָט אַ מאַן אַ וואַיאַזשאַר, אַן אַרומפאָרער. איז ער נישט אין דער היים, איז אַ מחיה, זיצט זי נאָך ביז עלף אַזייגער אין אָוונט. נאָר קוים גלוסט זיך איר צו פוילענצן, צו זיצן אין דער היים, בין איך שוין אויף געהאַקטע צרות. זי שטעלט זיך אויף צען אַזייגער און פאַרשווינדט...

איצט הייבט זיך אָן אַ געשיכטע מיטן פרעסער. זעט איר, אויף דעם פרעסער האָב איך אַ בייז האַרץ, ווייל וואָס איך האָב געטאָן פאַר דעם מענטשן, קאָן איך אייך אַלץ נישט דערציילן. דאָס איז מיינס אַ שכן,

הערט איר, אַ טאַטע פון פיר קינדער, אַ פראַנצויז, האָט זיך געשפּילט מיט מאַלעריי און נישט פאַרדינט ס׳לעבן. בין איך זייער אַ גוטער מענטש, כ׳קאָן דאָך נישט צוזען ווי מענטשן הונגערן, האָב איך אים געזאָגט:

— יונגערמאַן, איך וועל דיך אויסלערנען אַ „מעטיע״ און דו וועסט פאַרדינען געלט און ווערן אַ מענטש מיט מענטשן גלייך.

האָט ער מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, אַז ער וועט אַרבעטן טאָג און נאַכט. האָב איך אַוועקגעגעבן מיין צייט בחצי חינם און אים אויסגעלערנט דאָס פאַך. כ׳האָב געמיינט, אַז אַלץ וועט גיין. מיינט איר, אַז ער האָט געהאַלטן וואָרט? גייט שוין, ס׳הייבט זיך נישט אָן. אין מיטן פרעסן אַ שטיקל, גלוסט זיך אים מאַלן. ער וואָלט כאָטש געקענט מאָלן — אַ מענטש קומט ביי אים אַרויס ווי אַ לאָמטערן און אַן אָקס ווי אַ לאָקאָמאָטיוו.

אָט דער דאָזיקער מאָלער־פּרעסער האָט זיך געמאַכט אַ טבע צו שלעפּן די פאַסטריגעס מיט שפּילקעס. איר זאָלט זען, ווי ער האָט גענאָגט די שפּילקעס, ווי עס וואָלטן געווען ביינדלעך פון געבראָטענע טויבן... און דערביי געפירט גאַנצע דיסקוסיעס — מיט די שפּילקעס אין מויל. איך האָב צו אים גערעדט ווי אַ מאַמע, אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז עס קאָן געשען אַן אומגליק; און ער האָט מיך געהערט ווי דעם קאָטער. אין מיר, טייערע מענטשן, האָט דאָס האַרץ געציטערט: קוים געשעט אַן אומגליק, טאָ וואָס וועט זיין מיט מיין אַרבעט?... און דערצו בין איך נאָך אַ מענטש, וואָס פיל פון פאָראויס אַן אומגליק. און וואָס מיינט איר, ס׳איז טאַקע געשען אַן אומגליק. פונקט אין רעכטן סעזאָן, ס׳ברענט, מען יאָגט פון זיך אַרויס די קישקעס, דער טעלעפאָן קלינגט, די קליענטן זידלען אייך יעדע פאָר מינוט און מען איז געצווונגען צו פאַרלענגערן אַביסל די אַרבעטס־שעהן... און ער שפּילט זיך אַלץ מיט די שפּילקעס. און אָט אַזוי וואַרף איך אים צו אַ ציגאַרעט, ווייל ווען עס איז דאָ אַ סך אַרבעט, טייל איך מיינע מענטשן ציגאַרעטן... און אַזוי ווי איך בין דאָך אַ פאַריאָגטער מענטש, וועל איך דאָך נישט גיין יעדן צוטראָגן צום מויל די ציגאַרעטן. וואַרף איך זיי אַזוי פון דער ווייטן; און אַזוי ווי דער חברהמאַן וויל כאַפּן דעם ציגאַרעט, שלינגט ער דערווייל אַרונטער די שפּילקע. נו, האָט זיך עס געטאָן היימלעך. איר האָט באַדאַרפט זען, ווי דער מענטש האָט דאָס אַרומגעאַרבעט. ער האָט געשריגן: „אָ סעקור! אָ סעקור! רופט אַ דאָקטער!״. ער האָט זיך געלייגט אויף דער ערד, אויפגעשטאַנען, געלאָפן הין און צוריק, ווי אַ פאַרסמטע מויז... און איך, פאַרשטייט איר מיך, ווען

איך קאָן אים פאַטשן! איך האָב אים די גאַנצע צייט געבעטן ער זאָל נישט האַלטן קיין שפּילקעס אין מויל...

פונדעסטוועגן האָט מיר ס'האַרץ ווי געטאָן — אַ טאַטע פון פיר קינ־דער. קוים, חלילה שטאַרבט ער אַוועק... נאָך איין זאַך האָט מיך גוט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט גלייך אַוועקגעשטעלט דאָס אייזן און האָט שוין אויסגענוצט די געלעגנהייט און אויפגעהערט צו פרעסן. וואָס וועט זיין מיט מיין אַרבעט? — טראַכט איך — די קליענטן וועלן מיך אומברענגען. און ער מאַכט זיך גאַ־נישט וויסן, עפנט די טיר און אַנטלויפט ווי אַ גנב.

טאַ שטעלט אייך פאָר מיין לאַגע. נאָך גוט איך האָב אַ געזונט האַרץ... פאַר צרות, הייב איך אָן שרייען אויף מיין ווייבל און ווען איך קאָן צע־האַקן ס'גאַנצע געפעס פון שטוב, וואָלט עס מיך אַביסל אָפּגעקילט... נאָר דאָ הייבט מיין ווייבל אָן צו וויינען. „שטענדיק — שרייט זי — איז זי ס'כפרה־הינדל". איך זאָג אייך איך האָב אַ מאָדנע ווייבל. גלייך ווי איך עפן ס'מויל, וויינט זי שוין... כ'האָב אַפילו נישט קיין רעכט צו שרייען...

ערשט צומאָרגנס קומט ער צוגיין, דער פרעסער, און דערציילט מיר, אַז מען האָט אים געגעבן צו טרינקען באַלם און מען האָט אים ראַדיאָ־גראַפירט און ער ווייזט מיר אַ גרויסע פאָטאָ פון זיין מאָגן. טאַקע, יאָ, מען זעט קלאָר די שפּילקע, ס'איז אמת, מען קאָן נישט אָפּלייקענען, ס'איז אַלץ גוט און שיין, אָבער וואָס וועט זיין מיטן פרעסן?... בקיצור, ער דער־ציילט מיר, אַז ער מוז עסן אַספּערזש און אויב די שפּילקע וועט נישט אַרויס, וועט מען אים מוזן אָפּערירן.

לויפט מיין גוט ווייבל זוכן אַספּערזש... משוגע זענען זיי, די דאָק־טוירים. ווו קריגט מען אַספּערזש? אַ נס, וואָס מיין ווייבל איז אָן אויס־טויגעריין. זי ברענגט צעטראָגן גאַנצע צען קילאָ אַספּערזש און דאָס גייט אַלץ אויף מיין רעכענונג... און אייגנטלעך, פאַרשטיי איך נישט פאַרוואָס, ווען מען שלינגט אַראָפּ אַ שפּילקע, זאָל מען נישט מעגן פרעסן? וואָס האָט דאָס פרעס־אייזן צו טאָן מיט אַ שפּילקע?

יאָ, דער עיקר, וואָס זאָל איך אייך דערציילן? מען האָט דעם מענטש אָנגעהויבן צו שטאָפּן מיט אַספּערזש. אַ גאַנצן טאָג איז געקאָכט געוואָרן אַספּערזש און דער פרעסער איז געלעגן און מען האָט אים געשטאָפּט.

דער סוף איז געווען, אַז נאָך פיר טאָג איז טאַקע די שפּילקע אַרויס אינגאַנצן אַ פאַרשוואַרצטע ווי אַ נעגער... בין איך דאָך געווען צופרידן, גליקלעך, כ'האָב אַפילו געצאָלט אָן אָפּעריטיוו די גאַנצע אַטעליע. ער איז דאָך אַ טאַטע פון פיר קינדער און אַ גוט האַרץ האָב איך... דער עיקר,

טראַכט איך מיר: איצט וועט ער זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט, אַז די שטיקלעך וועלן פליען ווי די פייגל... און וואָס מיינט איר טוט ער, דער פּרעסער? ער טרינקט אויס דעם אַפּעריטיוו, פרייט זיך אָן. און איצט, זאָגט ער מיר, מוז איך אַ פּאָר טאָג אָפּרוען. יידן, כ'האָב געמיינט, אַז איך ווער איינגעזונקען...

אַזאַ סעזאָן האָב איך געהאַט. זאָגט, יידן, קאָן מען נישט משוגע ווערן? זאָגט איר אַליין...

יאַנקל=זשאַק
גייט אויף א באָקס=מאַטש

ס'איז מיר, יאַנקל־זשאַקן, הערט איר, איינגעפאַלן נישט אַנדערש, ווי צו גיין זען אַ באָקס־מאַטש. ווייל כ'האָב דערפילט אַ זייער שטאַרקן אינ־טערעס פאַר ספאָרט, פאַר אַנטוויקלען מיינע גלידער און מוסקולן. אמת, כ'בין נישט מער קיין יונגערמאַן און ס'איז שוין אפשר אַביסל צו שפעט צו ווערן פון אַ דאַמען־שניידער אַן אַטלעט. נאָר גאָרנישט, די פראַנצויזן זאָגן דאָך, אַז ס'איז קיינמאָל נישט צו שפעט גוט צו מאַכן...

האָב איך טאַקע אָנגעטאָן אַן עקאָסע־העמד, אַ פּאָר קורצע, שמאָלע, ווייסע הויזן, זיך געזעגנט מיט ווייב און קינדער און זיך אַ לאָז אַרויס געגעבן אין די גאַסן. כ'האָב גענומען אַ מעטראָ, געכאַפּט טראָלעבוסן, זיך אַריינגעזעצט אין אַ טאַקסי, געכאַפּט נאָך אַמאָל אַ מעטראָ און בין ענדלעך דערפאָרן.

אַרויס פון מעטראָ, בין איך גלייך אַוועק צום ספאָרט־פּאַלאַץ, צו זען דעם מאַטש פון די צוויי גרויסע באָקסערס־שאַמפּיאָנען. וואָס איז דען דער אונטערשיד ווי זיי הייסן? אַז מען זאָגט אייך ס'זענען גרויסע באָק־סערס, מעגט איר מיר גלויבן.

איך בין מיט פעסטע, ספּאָרטיווע טריט צו צו דער קאַסע, גענומען אַ בילעט און בין אַריין. איז מיר גלייך אָקעגנגעלאָפן אַ שיין פראַנצויזקעלע מיט אַ זיס שמייכעלע; כ'זאָג אייך, זי האָט געהאַט טויזנט טעם. זי האָט מיך אָנגענומען גוטברודעריש ביי דער האַנט און מיך געפירט איבער הונדערטער שטיגן און אַריינגעשטופּט צווישן צוויי דאַמען. איינע אַ יונגיטשקע, דער מאַמעס מילך איז איר נאָך געלעגן אויפן פּנים. די צווייטע שוין אַביסעלע אַן עלטערע.

וואָס אַן אמת, האָב איך נישט געוווסט ווו זיך אַהינצוטאָן, ווייל דאָס

פלאַץ מיינס האָט זיכער געמוזט זיין אַ קינדעריש פלאַץ פאַר אַ האַלבן בילעט, אַזוי שמאָל. כ'האָב זיך דאָרט ממש געמוזט אַריינקוועטשן און זאָגן „פאַרדאָן" דער גאָר יונגער דאַמע רעכטס און אַ „פאַרדאָן" אויף לינקס, דער עלטערער דאַמע אין די מיטעלע יאָרן.

ביידע האָבן צו מיר גאָר ליבלעך געשמייכלט, אַז כ'בין אַזש רויט געוואָרן ביז איבער די אויערן און געבליבן זיצן נישט ווויסנדיק וואָס ווייטער צו טאָן.

מיטאָמאָל רופט זיך צו מיר אָן די מיטליאָריקע דאַמע:

— מעסיע, מען זעט דאָך, אַז איר זענט נישט אַבי־וועער. אייערס אַ מיינונג דאַרף האָבן אַ גרויסן ווערט. טאָ זאָגט מיר — וועט מיין פיער געווינען?

— זיכער, מאַדאַם — ענפער איך.

מער האָט מיר נישט געפעלט! דאָס יונגע דאַמעלע גיט אַ שפרונג אויף:

— קעסקע ווו דיט? מיין פאַל וועט פאַרשפילן?...

באַקום איך רחמנות אויף דעם יונגן דאַמעלע און איך פאַרכאַפּ גלייך די פיס פאַר די נעץ און רוף אויס:

— ווער זאָגט דען, אַז אייער פאַל וועט פאַרשפילן? ער וועט זיכער געווינען.

— איר האָט דאָך אָבער געזאָגט, אַז פיער וועט געווינען? — קען זי זיך נישט באַרואיקן.

— אַוודאי וועט ער געווינען — ענטפער איך — אָבער אייער פאַל וועט אויך געווינען. ביידע וועלן זיכער געווינען... אַזוי וועט נישט זיין קיין זיגער און קיין באַזיגטער און עס וועט זיין שלום.

נו, האָט זיך דאָס אָנגעהויבן אַ דיסקוסיע. ביידע דאַמעס האָבן מיך געשלעפּט פאַר די אַרבל. נאָר צום גליק האָט עפּעס אַ גלעקל זיך צע־קלונגען און אין זאַל איז מיטאָמאָל שטיל געוואָרן. אַלע אויגן האָבן זיך געוואָנדן צו דעם פלאַץ, וואָס איז געווען אַרומגעבונדן מיט ווייסע שטריק.

באַלד האָבן זיך אַריינגעלאָזט צוויי שטאַרקע יונגען אין די „פּעניר־אַרס". פאַרוואָס עפּעס אין שלאָף־רעק? — האָב איך נישט פאַרשטאַנען. האָט מען זיי אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן? עס איז דאָך אַ חרפּה און אַ שאַנדע זיך אַזוי פאַרצושטעלן פאַר מענטשן! ווו איז דאָס געהערט גע־וואָרן? און דאָס ערגסטע, דער עולם פּאַטשט נאָך בראַוואָ... און גיי פאַר־שטיי. פאַר דעם נעמט מען געלט!

און נאָך אַ זאַך האָט מיר אויסגעזען קאָמיש: מען האָט עפּעס גע־

נומען די צוויי חברה־לייט אין די שלאַף־רעק און מען האָט זיי צוזאַ־מענגעפירט ווי חתן־כלה און מען האָט זיי דאָרט עפּעס איינגערוימט אין אויער אַריין. וואָס אַזוינס? — האָט קיינער נישט געהערט. דאָס אַליין איז שוין נישט פיין. צווישן אַזויפיל מענטשן זיך סודלען! איר האָט עפּעס צו זאָגן? זאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן. אמת, איך האָב געהאַט פאַרגרעסער־גלעזער, נאָר הערן מיט זיי האָב איך נישט געקאָנט.

בקיצור, ס'האָט אַזוי געדויערט אַ שיינע פּאָר מינוט, ביז זיי זענען זיך צעגאַנגען, יעדער אין זיין ווינקל אַריין און זיי האָבן געוואַרט ביז ס'האָט ווידער אַ קלונג געטאָן. דאַן זענען זיי זיך אַקעגנגעגאַנגען, זיך גענומען אַרומדרייען איינער אַרום אַנדערן, זיך גוט אָנגעקוקט, ביז איינער האָט מיט דער האַנט געגעבן דעם צווייטן אַ דראַפּע איבערן פּנים. איז דאָך דער צווייטער בייז געוואָרן, האָט ער אים צוריקגעגעבן צוויי „כמאַליעס", אַז דער קאָפּ האָט זיך יענעם אַזש אַ שאָקל געטאָן. האָט יענער ווידער אויסגעשטרעקט די האַנט און געוואָלט צוריקגעבן אַ קלאַפּ. האָט דאָס גלעקל ווידער אַ קלונג געטאָן און זיי זענען זיך פאַנאַנדער־געגאַנגען יעדער אין זיין ווינקל אַריין, ווי קיינמאָל גאָרנישט.

האָב איך זיך געטראַכט: אייגנטלעך איז גאַנץ גוט אויף אים, וואָס ער האָט באַקומען די צוויי „כמאַליעס". ווער האָט אים געבעטן אָנצו־הויבן? אַ שיינע, ריינע כפּרה אויף אים.

דערווייל האָט ווידער דאָס גלעקל אַ קלונג געטאָן און די צוויי חברה־לייט זענען זיך ווידער אַקעגנגעגאַנגען, זיך ווידער באַקוקט און ווידער האָט דער זעלבער אָנגעהויבן און מיט דער האַנט געגעבן דעם צווייטן אַ דראַפּ איבערן פּנים. עס האָט אים אָנגעהויבן רינען דאָס בלוט און מיר איז אַזש שוואַך געוואָרן אויפן האַרץ. אָבער אין זאַל האָבן מענטשן גאָר געקלאַפּט בראַוואָ. ס'האָט זיך געטאָן אויף טיש און אויף בענק. עס האָט געקאָכט ווי אין אַ קעסל, געשרייען, פייפערייען. און מיינע צוויי דאַמען האָבן זיך דאָס אָנגעהויבן צו קריגן. די יונגערע האָט געשריען: „וואַזי, פּאַל"... און די מיטליעריקע דאַמע האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, אַרויסגעריסן ביי מיר די פאַרגרעסער־גלעזער און זיך אויפגעשטעלט קוקן.

נו, האָט זיך דאָס געמאַכט אַ געשריי „אַסי!, אַסי!"... די מענטשן האָבן זי געוואָלט אויפעסן לעבעדיקערהייט. נאָך אַ נס, וואָס דאָס גלעקל האָט ווידער אַ קלונג געטאָן און דאָס געשריי האָט זיך אַביסל איינגע־שטילט.

נאָר איין זאַך האָב איך נישט געקאָנט פאַרשטיין: פאַרוואָס, ווען זיי האַלטן אין מיטן בעסטן ברען און עס ווערט לעבעדיק, גיט גאָר דאָס גלעקל אַ קלונג, זיי גייען זיך פונאַנדער און פאַרטיק?

כ׳דערמאן זיך, אז אין מיין שטעטל, שידלאָווצע, ווען יידן פלעגן זיך אַמאָל שלאָגן אין מיטן מאַרק, האָט מען זיי דאָך גאַרנישט געקאָנט פונאַנ־דערייסן. און דאָ גיט אַ גלעקל אַ קלונג און זיי גייען זיך אַוועק ווי קיינ־מאָל גאַרנישט. פון איינעם רינט ס׳בלוט, דער צווייטער האָט אַן אונטער־געהאַקט אויג און — גאַרנישט...

דערווייל גיט ווידער אַ קלונג און איינס־צוויי שפרינגען זיי ווידער אַרום ווי די הענער און ווידער הייבט דער ערשטער אָן, נאָר ער באַקומט יענע פאַר זעץ און פאַלט אום. און איינער ציילט עפּעס איבער אים. דער גאַנצער עולם שטעלט זיך אויף און עס הערן זיך געפּייפערייען. דאָס יונגיטשקע דאַמעלע שרייט: „מיין פאַל ליגט אויף דר׳ערד״... און פאַלט אויף מיר אַרויף מיט צעשפרייטע הענט און הייבט אָן חלשן...

דערווייל שטעלט זיך איר פאַל ביים ציילן „ניין״ אויף, אָבער זי חלשט נאָך אַלץ. נאָר איך, יאַנקל־זשאַק, דאַרפט איר וויסן, בין אַ קינסט־לער אויף ראַטעווען געחלשטע. דאָס האָב איך זיך אויסגעלערנט ביי אַ שידלאָווצער רבין. די מעשה איז געווען אַזוי: דער רבי האָט געהאַט אַ גרויסן זון, האָט ער זיך נישט געלאָזט פון טאַטן, דעם רבין... אַז דער טאַטע האָט געשלאָגן, האָט ער צוריקגעשלאָגן. נו, האָט זיך געגאָסן בלוט און די תלמידים האָבן צוגעקוקט און געוועזן צופרידן, וואָס דער רבי, וואָס שלאָגט זיי מיטן קאַנטשיק, באַקומט צוריקגעשלאָגן. אָבער אַז די רביצן האָט דאָס דערזען, האָט זי אָנגעהויבן חלשן. און אַז די רביצן האָט גע־חלשט, האָט זיך דאָס געשלעג אָפּגעשטעלט און דער טאַטע מיטן זון האָבן געבלאָזן אין דער רביצנס נאָז און אויערן אַריין און אַזוי אַרום האָבן זיי איר געראַטעוועט.

אַזוי האָב איך אויך איצט געטאָן. איך האָב געגעבן אַ נעם דאָס דאַמעלע און איר געגעבן אַ בלאָז אַריין אין די אויערן און אין די אויגן. זי איז טאַקע, ווי נאָר דאָס גלעקל האָט זיך ווידער צעקלונגען, אויפגע־קומען, מיך אָנגעכאַפּט ביי מיין נייעם קראַוואַט און מיך שיר נישט דער־שטיקט...

דערווייל האָבן דאָרט די צוויי חברה־לייט ווידער געפירט זייער ברוגז־טאַנץ. און ווער, מיינט איר, האָט אָנגעהויבן? ווידער דער זעלבער. נו, איז דאָס יענער געוואָרן אין כעס און אים געגעבן „לייגעס״ איינע נאָך די אַנדערע, אַז ס׳איז געווען גאָטס רחמנות. ביז ער האָט אים געגעבן אַ טראַסק אַוועק, אַז יענער האָט שיר נישט די פּאַדלאָגע איינגעבראָכן. עס האָט שוין גאַרנישט געהאָלפן, נישט דאָס ציילן, נישט דאָס „נעהאָרע אָפּשפּרעכן״. ער איז געלעגן ווי אַ „פּלאַץ״, ביז מען האָט אים אַרויס־געטראָגן.

נו, האָט זיך דאָס פראַנצוזקעלע צעוויינט. זי האָט געגאָסן מיט ביי־טערע טרערן. האָב איך איר געבאָרגט מיין טאַשן־טיכל און אויף איר גרויס רחמנות געהאַט. נאָר פונדעסטוועגן האָב איך איר געזאָגט: „מיין ליב קינד, דאַרפסט וויסן, אַז נישט שטענדיק געווינט דער, וואָס הייבט אָן. ס'איז נאָך דאָ יושר אויף דער וועלט"...

כ'בין אַרויס מיט אַ צעריסענעם קראַוואַט, די פּאַרגרעסער־גלעזער האָט די מיטליעריקע דאַמע מיר פאַרגעסן אָפּצוגעבן און מיט מיין טאַשן־טיכל האָט זיך דאָס יונגע דאַמעלע געווישט די אויגן.

און מיינט איר, אַז דאָס איז שוין אַלץ? ביים אַרויסגיין פאַלט אויף מיר אָן דער חברה־מאַן, וועלכער האָט געדראַפּעט און לאָזט מיר נאָך צוויי „לייגעס", אַז אַן אויג איז מיר באַלד אויפגעלאָפן.

— אַט האַסטו דיר! — זאָגט ער — פאַרן טשעפּען זיך צו מיין ווייבל!...

געהערט אַ מעשה? איך, יאַנקל־זשאַק, האָב אים אָפּגעראַטעוועט דאָס ווייבל זיינס, איר געבלאָזן אין די אויערן, איר געגעבן מיין טאַשן־טיכל, זי זאָל זיך אויסווישן די טרערן... און ער האָט גאָר טענות, אַז כ'טשעפּע זיך צו זיין ווייבל...

דעם חלק האָב איך באַקומען פון באָקסער. און איצט, וואָס וועל איך נאָך באַקומען פון מיין ווייבל, אַהיימקומענדיק מיט אַן אויפגעלאָ־פענער באַק און אַ צעריסענעם קראַוואַט? איר קענט זיך שוין אַליין פאָרשטעלן.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איר ווייסט דאָך, ווי איך, יאַנקל־זשאַק, האָב ליב ספּאָרט. נאָר דאָס דאָזיקע מין באָקס, דאָס זעט איר, הייבט מיר נישט אָן צו געפעלן... ניין, איך זאָג אייך בפירוש, איך, יאַנקל־זשאַק, וועל נישט ווערן קיין באָקסער, איר זאָלט מיר אַפילו צוצאָלן אַ פאַר־מעגן!...

מיר גייען צו־קינד...

איר הערט, איך האָב זיך גאָרנישט פאָרגעשטעלט, אַז עס איז אַזוי שווער דאָס גיין צו־קינד. ס'הייסט, איך האָב געוווסט מער־ווייניק, אַז מען האָט ווייען און אַז די ווייען דויערן א געוויסע צייט; אָבער איך האָב זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז זיי קאָנען אָנהאַלטן אזוי לאנג. מילא, איך ווי איך, נאָר זי, מיין ווייבל, זי האָט דאָס אַזוי מורא געהאַט, אַז כ'האָב געמיינט כ'קום אום. זי האָט געהאלטן אין איין טענהן, אז זי וועט עס נישט אויסהאלטן און אז ס'איז שווער צו טראָגן. כאָטש גיי העלף איר טראָגן! איר דאַרפט פארשטיין, אז דאָס איז געווען ביי איר צום ערשטן מאָל, זי האָט נאָך נישט געהאט קיין שום פראקטיק. איר האָט זיך גע־דאַכט, אז די גאנצע וועלט דאַרף מיט איר מיטליידן און מיטקרעכצן, אָדער מינדעסטנס — איר העלפן טראָגן...

כ'זאָג אייך מענטשן, איך האָב זיך געלייגט אין דער לענג און אין דער ברייט לייכטער צו מאכן מיין ווייבל די משא. וואָס האָב איך דען אַלץ נישט געטאָן? איך בין מיטגעגאַנגען צום דאָקטער; וואָס זאָג איך, צום דאָקטער? צו צענדליקער דאָקטוירים! און אַלע האָבן זיי דער־קלערט, אז אלץ איז אין בעסטן אָרדענונג. אָבער מיין ווייבל האָט זיי נישט געגלויבט און איך האָב זי געמוזט פירן צו אנדערע דאָקטוירים, וואָס האָבן צונישט געמאכט די פריערדיקע. מיין ווייבל האָט אָבער גע־האלטן אין איין טענהן, אז ס'איז איר ביטער, אז ס'קינד רירט זיך נישט גענוג, גלייך ווי ס'וואָלט זיך כאָטש באַדאַרפט שטופן ווי אין דער ריי צום סינעמאַ. אַחוץ דעם האָט זי געהאַלטן אין איין אַריינקלערן צי ס'קינד וועט אויך זיין אַ ייִנגל, ווייל קיין מיידל וויל זי פאַר קיין שום געלטער נישט...

וואָס האָב איך דען אַלץ נישט געטאָן די דאָקטוירים זאָלן איר פאַרזי־כערן, אַז ס'וועט זיין א ייִנגל? אוועקגעלייגט אין מיטן העלן טאָג די

ארבעט, געלאָפן צו זיי, געפלויגן אין טאַקסיס און אויטאָבוסן; און דאָ ברענט דער פעזאָן... ס'פלאַקערט...

דאָס ערגסטע איז געווען מיט די „פאַלשע אַלאַרמען", ס'הייסט, די כלומרשטע ווייען, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען פאַר די ריכטיקע. מיר האָבן בפירוש געמיינט, אַז אָט, אָט, אָט... קומט עס, אָט גייען מיר צו־קינד...

אָבער דאָס זענען געווען בלויז קליינינקייטן, א פאַרשפּיל צום גיין צו־קינד. און דאָס „גיין", דאַרפט איר וויסן, איז ערשט געקומען מיט עטלעכע חדשים שפּעטער. ערשט דעמאָלט האָבן זיך אָנגעהויבן אונדזערע ביידנס אמתע ליידן...

ס'האָט זיך אָנגעהויבן א סדרה פון לויפן אין די שפּיטאָלן, אין די קליניקעס. די דאָקטוירים האָבן אונדז געזאָגט, אַז ס'איז נאָך נישט די צייט, דאָס קינד איילט זיך נישט, דעריבער זאָלן מיר אהיימגיין און האָבן געדולד. האָבן מיר אַזוי געטאָן. אָבער אין האַרצן האָבן מיר געטראָגן אַ פּאַרדרוס און א ביטערניש צו די דאָקטוירים, וואָס ווייזן ארויס אזא לייכטע באַציאונג צו מענטשן, וואָס מוטשען זיך און טראָגן...

האָבן מיר געוואַרט; און דערווייל זענען מיר נישט געשטאַנען ליי־דיק. מיר האָבן געשטריקט „זאַכעלעך", מיר האָבן געניייט ווינדעלעך, מיר האָבן געקויפט אַ בעטעלע. און אַלץ אין בלוי, ווייל מיין ווייבל האָט געוואָלט א יינגל, נאָר א יינגל. און אז מיר האָבן צייט געהאַט, האָבן מיר גערעדט וועגן דער צוקונפט פון אונדזער זון... איך האָב געזאָגט, אַז מיין זון וועט גרויס ווערן, וועל איך אים מאַכן פאַר א שניידער. נו, האָט זיך דאָס מיין ווייבל צעוויינט:

— ווילסט עס שוין באַצייטנס פאַרשקלאַפן, מיין אָרעם קינד... קיין אנדער פאַך האָסטו שוין נישט געפונען, ווי א שניידער? אוי, האָסטו אַ טאַטן, מיין אָרעם קינד! נאָך גוט, וואָס די מאַמע איז דאָ, זי וועט דיך אָפּהיטן, ווי אן אויג אין קאָפּ!

— טאָ זאָל ער כאָטש זיין א שרייבער... — האָט זיך יאַנקל-זשאַק געבעטן.

נו, מער האָט שוין די יאַנקל-זשאַקעטע נישט באַדאַרפט.

— אָרעם קינד, נעבעך! א יידישן שרייבער וויל ער פון דיר מאַכן... כ'וויל שוין בעסער זאָלסט ווערן א קוילן־גרעבער, א גאַסן-קערער, א כ'ווייס אַליין נישט וואָס... אַבי נישט קיין יידישער שרייבער. כ'האָב דען ווייניק צרות פון דיין טאַטן?.. נאָר א דאָקטער וויל איך!

— טאָ זאָל כאָטש זיין אַ שרייבערישער דאָקטער! — האָט זיך יאַנקל־זשאַק געבעטן — אזא, וואָס גיט עצות די פרויען, ווי אזוי זיי

זאָלן ווערן שיין, ווי אַזוי זיי זאָלן זיך היילן די „האַרמאַטן", ווי אַזוי זיי זאָלן ליב האָבן זייערע מענער... וואָס פאַרא מינעראַל־וואַסערן זיי זאָלן טרינקען, און וואָס פאַראַ בלאָטעס זיי זאָלן זיך לייגן. כ'מיין, וואָס פאַרא בעדער זיי זאָלן נעמען. פון אַזאַ דאָקטער הערט מען דאָך עפּעס און די געזעלשאַפט גענימט פון אים. שטעל זיך פאָר — ער באַקענט אונדז מיט אַלע קרענק. אסור, צי אַ פּראָפעסאָר קען אַזויפיל קרענק, ווי איך. און פון וואַנען, מיינסטו? ווייל אין דער יידישער צייטונג שרייבט אַ דאָק־טערישער שרייבער. האָט דער מענטש עפּעס אַ באַגאַזש פון אַזויפיל קרענק, אַז כ'ווייס גאָרנישט ווו ער נעמט זיי... כ'זאָג דיר, ס'איז נישט קיין דאָקטער, נאָר אַ קינסטלער פון קרענק. פאַר אַזאַ דאָקטער וויל איך מאַכן מיין זון...

כ'ווייס נישט צי מיין יאַנקל־זשאַקעטע איז מסכים געווען מיט מיר, ווייל מיין ווייבל איז אין דער מיט איינגעשלאָפן און איך האָב געדאַנקט גאָט, וואָס די ווייען לאָזן אונדז אַביסל צורו...

איך האָב געוואַרט ביז... די אמתע צייט איז געקומען; און געקומען איז זי דווקא אין מיטן דער נאַכט, ווען אַלץ שלאָפט. איך דערשפּיר פּלוצלונג, ווי מען וועקט מיך. און אפשר מיינט איר, אַז זי וועקט מיך אײדל, מיין יאַנקל־זשאַקעטע, מיט אַ צאַרט וואָרט. הייבט זיך נישט אָן.

— יאַנקל־זשאַק! — שרייט זי — טו זיך אָן, ס'האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ רעכטן אמת!

גייען מיר, הייסט עס, טאַקע צו־קינד... זי האָט אַזוי געשריען, אַז די שכנים האָבן זיך אויפגעוועקט, אַריינגעקלאַפּט מיט שטעקענעס און אונדז געוואָרנט, אַז זיי גייען צום קאָמיסער... אָבער וואָס האָבן מיר מורא צו האָבן, אַז מיר גייען צו־קינד?

אָבער פאַרדראָסן האָט מיך פאָרט: פאַרוואָס עפּעס אין מיטן דער נאַכט? וואָסי, ס'ברענט? אַ בחורל קען שוין נישט צוּוואַרטן ביז אין דער פרי? דער חברהמאַן האָט מיר עפּעס גלייך אויסגעזען צו זיין צו חוצפּהדיק. פאַרוואָס זאָל ער מיך עפּעס וועקן אין מיטן דער נאַכט? און ווו איז עפּעס דרך־ארץ פאַר אַ טאַטן, ווו?...

אַזוי האָב איך מיר געטראַכט ביים ערשטן געשריי פון מיין ווייבל. ווען זי האָט אָבער געגעבן דעם צווייטן געשריי, בין איך אַראָפּגעשפּרונ־גען ווי אַ צעדולטער און אָנגעהויבן אַרומלויפן איבערן צימער: וואָס טוט מען? אין איילעניש האָב איך גענומען זוכן די הויזן. אָבער ווי אויף צו־להכעיס זענען נישטאָ, די הויזן! געוואַלד, יידן, ווו האָב איך די הויזן?! אַז כ'האָב שוין געפונען די הויזן, האָב איך נישט די שקאַר-

פעטן, די שיך! אָבער איך קוק שוין אויף גאָרנישט, איך לויף איבער די גאַסן זוכן אַ טאַקסי.

געפין איך שוין אַ טאַקסי, זיצט דער שאָפער און שלאָפט ווי גע-הרגעט. איך וועק אים און טרייסל אים, ס'העלפט נישט. בין איך אָבער יאַנקל־זשאַק, קלער איך נישט לאַנג, זעץ מיך אריין מיט מיין ווייבל און איך אליין פיר די טאַקסי. ס'איז גלאַט א רחמנות אויפצוּוועקן דעם שאָפער. איך לאָז אים רואיק שלאָפן און פאָר מיר צו דער קליניק. אויפגעוועקט האָט ער זיך פונקט צום כאַפּן א בליק וויפל דער זייגער האָט אויסגעקלאַפּט. א גאַנץ פיינער מאַן, דער שאָפער, ער האָט אונדז שטאַרק מיטגעפילט און ער האָט אונדז אפילו געהאָלפן טראָגן; ס'הייסט, ער האָט מיר געהאָלפן אַרויפטראָגן מיין ווייבל די שטיגן. מיינע האָט דערביי געריסן פון אונדז ביידן די האָר פון קאָפּ. דער שאָפער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט.

און אָט ליגט מיין ווייבל אין אַ ווייס בעט. מען באַהאַנדלט זי ווי אַ קייסערינע. פון צייט צו צייט כאַפּט זי אָן מיינע קלאַפּעס, און מיט אַזאַ כעס, אַז איך קריג מורא פאַר מיין וועסטאַן. נאָך גוט, וואָס עס זע־נען אַנגעלאָפן די דאָקטוירים און מיך אַרויסגעראַטעוועט פון אירע הענט, אַז נישט וואָלט נאָך מיין קינד געקענט געבוירן ווערן אַ יתום...

כ'בין געווען שטאַרק מיד און זעענדיק אין קאָרידאָר א סאָפע, בין איך אַריינגעפאַלן אין איר ווי א געהרגעטער. אָבער לאַנג בין איך נישט געשלאָפן, ווייל באַלד האָט מען מיך געוועקט מיט דער בשורה, אז בעת איך בין מיר אזוי געשלאָפן, האָב איך געהאַט א צווילינג, צוויי מיידע־לעך... און טאָמער גלויב איך איר נישט, נעמט מיך די שיינע אינפערמיערקע אונטערן אָרעם און פירט מיך צו צו א בעטעלע, צו באַווייזן מיר מיינע צוויי טעכטער. טאַקע מיינע טעכטער — יאַנקל־זשאַק אויסן אויג!

אָט אזוי זענען מיר געגאַנגען צו-קינד... כ'מיין, צו צוויי קינדער.

יאַנקל=זשאַק לערנט שכל זיינע קינדער...

יאַנקל־זשאַק לערנט שכל זיינע קינדער, וואָס ווילן נישט עסן קיין „זשאַמבאָן". קינדער זאָלן נישט וועלן פאַרשטיין, אַז „זשאַמבאָן" איז זייער אַ גוטע זאַך פאַרן געזונט, אַז אין „זשאַמבאָן" זענען פאַראַן וויטאַמינען און אַז וויטאַמינען זענען זייער געזונט פאַרן געזונט. יאַנקל־זשאַק רעדט אין זיי אַריין, גיט זיי צו פאַרשטיין מיט גוטן און מיט בייזן, ווי נויטיק ס'איז פאַרן מענטשלעכן קערפער „זשאַמבאָן", וויטאַמינען; האָרכן זיי זיך צו, אָבער ווילן נישט עסן, נאָר פרעגן זיך, וואָס איז עס אַזוינס וויטאַמינען, ווי אַזוי זעען זיי אויס... כאָטש גיי און נעם אַ פאָטאָ־אַפאַראַט און פאָטאָגראַפיר זיי אָפ די וויטאַמינען...

די קינדערשע פראַגע איז זייער שווער צו פאַרענטפערן פאַר יאַנקל־זשאַקן, ווייל ער אַליין האָט נאָך קיינמאָל אין לעבן נישט געזען פאַר זיינע אויגן קיין איינציקן וויטאַמין, טאָ ווי זאָל ער וויסן ווי וויטאַמינען זעען אויס?

וויטאַמינען, וויטאַמינען, וויטאַמינען, וואָס פאַר אַ נפש איז דאָס? וויפל פיס האָט עס? פיר, אָדער צוויי, אַכט, אָדער צוועלף? אין וועלכן לאַנד לעבן זיי, די וויטאַמינען, אין סיביר, אָדער אין ישראל?...

יאַנקל־זשאַק האָט שוין געזען פאַרשידענע ראַסן: יאַפאַנער, כינעזער, מאָנגאָלן, פראַנצויזן, עסקימאָסן, יידן אָבער קיין וויטאַמינען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען. אין זאָאָלאָגישן גאָרטן האָט ער שוין געזען פאַרשידענע חיות: לייבן, העלפאַנטן, קראָקאָדילן, מאַלפעס, זשיראַפן, אָדלערס, אָבער קיין וויטאַמינען האָט ער נאָך קיינמאָל נישט געזען פאַר זיינע אויגן. טאָ ווי אַזוי זאָל ער עס דערקלערן פאַר זיינע קינדער? אַזעלכע

ממזרים, איר האָט שוין געהערט אַ פראַגע? און יאַנקל־זשאַק שוויצט און קאָן נישט אַרויסקריכן. די קינדער גיבן אייך אַ שטעל אַ קלאָץ־קשיה און גיי ענטפער זיי. ס'איז טאַקע אַ שאַנדע, נאָר העלפן קען ער זיך נישט... אָבער אַ טאַטע באַדאַרף דאָך האַנדלען ווי אַ טאַטע, דאָס הייסט, ער טאָר נישט פאַרלירן קיין שלאַכט, נאָך דערצו קעגן אייגענע קינדער, שטעלט ער זיך אויף, יאַנקל־זשאַק, און באַפעלט צו עסן דעם „זשאַמבאַן", אַנישט וועט זיך טאָן חושך. און ער הייבט דערביי אָן צו דערציילן זיין אייגענע טרויעריקע קינדהייט, אַז קיינמאָל האָבן זיינע אָרעמע עלטערן נישט גע־האָט אים צו געבן כאָטש אַ לויט „זשאַמבאַן", ווי אַזוי ער האָט געהונ־גערט, ווען ער איז געווען אין זייערע יאָרן, אַפילו קיין שטיקל ברויט נישט געהאַט צו דער זעט, הונגעריק האָט ער זיך געלייגט און הונגעריק איז ער אויפגעשטאַנען.

שטעלן זיך טרערן אין די אייגעלעך פון די קינדער, זיי באַדויערן אים און זיי הויבן אָן צו וויינען.

נעמט ער זיך שרייען:

— איר האָט גאָרנישט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב אייך דאָ דער־ציילט, איר האָט נישט קיין רחמנות אויף אייער טאָטן יאַנקל־זשאַק, וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ אומגליקלעכע קינדהייט און איר ווילט נישט עסן קיין „זשאַמבאַן", וואָס האָט אין זיך אַזויפיל וויטאַמינען. דאָס טוט איר מיר צולהכעס אַזוי, ווייל איר זענט שלעכטע קינדער, איר זענט שלעכט דערצויגן. דאָס איז אייער מאַמעס שולד, זי גיט אייך צופיל נאָך.

אָבער די יאַנקל־זשאַקעטע האָט נישט ליב צו הערן אַזעלכע רייד און ס'ווערט אַ גערודער. מען צעהאַקט אַ טוץ טעלער, מען צע־קריגט זיך, מען בעט זיך איבער און דער סוף איז, אַז יאַנקל־זשאַק מיט דער יאַנקל־זשאַקעטע זעצן זיך אַוועק ווי צוויי טייבעלעך צום טיש און עסן אַליין אויף דעם גאַנצן „זשאַמבאַן".

אָבער מיט דעם איז די זאַך נאָך נישט געענדיקט; ווייל וואָלטן די קינדער בלויז נישט ליב געהאַט קיין „זשאַמבאַן", וואָלט שוין אַזוי שלעכט נישט געווען מיט זיי, האָבן זיי דאָך אָבער אויך נישט ליב קיין אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס האָבן דווקא אַ סך וויטאַמינען. נעמט צום ביישפיל ברויט; וואָס באַדאַרף מען דען אָן איינפאַכערע זאַך ווי ברויט? ס'הייסט, יאַנקל־זשאַק וועט אייך זאָגן אַ ליגן, אַז זיינע קינדער עסן אינגאַנצן נישט קיין ברויט. יאַנקל־זשאַקס קינדער האָבן אַ טבע איבערצולאָזן שטיקלעך ברויט אויפן טיש, און דאָס פאַרדריסט זייער יאַנקל־זשאַקן. ער גיט זיי צו פאַר־שטיין:

— ווען איר ווייסט ווי שווער מענטשן אַרבעטן אויף ברויט, וואָלט איר זיך נישט אַזוי געוואָרפן מיטן ברויט. צי ווייסט איר, שלעכט־דער־צויגענע קינדער, אַז כדי צו האָבן אַ שטיקל ברויט, וואָס פאַראַ האָרעװאַניע מען באַדאַרף אָנװענדן? כדי צו האָבן אַ שטיקל ברויט, מוז אַ פּויער, אַקערן, זייען, פאַרגיסן שווייס... דער הימל מוז אונדז געבן רעגן, זון, אַ שיין וועטער און נאָך דעם מוז מען ערשט שניידן די תבואה, לאָדעווען אויף וועגענער, פירן עס אין מיל אַריין. מען מאָלט דאָס מעל, דאַן קומט עס ערשט צום בעקער, וואָס האָרעוועט גאַנצענע נעכט, כדי צו באַקן דאָס ברויט. און איך, יאַנקל־זשאַק, מוז מאַכן מאַנטלען, כדי צו האָבן פאַרוואָס צו קויפן דאָס ברויט. זעט איר שוין ווי שווער עס קומט אָן ביז עס קומט אַ שטיקל ברויט אויפן טיש...

דערביי ווייזט ער זיי מיט אַ פינגער די שטיקלעך ברויט, וואָס זיי האָבן איבערגעלאָזט.

— איר וואַרפט אַרויס מענטשלעכע פּראַצע. איר לאַכט זיך אויס פון פּויערס שווייס, פון מילנערס שווייס, פון בעקערס שווייס און פון אייער אייגענעם טאַטנס שווייס...

פאַרטראַכטן זיך יאַנקל־זשאַקס קינדער און טרערן שטעלן זיך אין זייערע שיינע אויגן; ווייל זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, אַז אויף אַ קליין שטיקל ברויט באַדאַרפן אַזויפיל מענטשן פאַרגיסן שווייס. אָבער עסן די איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט, גלוסט זיך זיי פאָרט נישט.

— איך וועל אייך ווייזן, איך וועל אייך לערנען שכל! — שרייט יאַנקל־זשאַק — דאָס האָט אייך די מאַמע אַזוי דערצויגן. קינדער זאָלן נישט פאַרשטיין, גרויסע מיידן... אין אינדיע הונגערן קינדער, זיי האָבן נישט קיין פּיצל ברויט!

— אין אינדיע הונגערט מען? — פרעגט זיין גרויסע, צען־יאָריקע טאָכטער — טאָ גיב דאָס איבערגעבליבענע שטיקל ברויט די אינדיאַנער!

איר האָט געהערט אַן ענטפער פון היינטיקע קינדער? גיי און פאָלג מיך אַ גאַנג, פאַר קיין אינדיע מיט אַ פּאָר איבערגעבליבענע שטיקלעך ברויט.

מען קאָן ווידער נישט זאָגן, אַז זיי זענען שלעכטע קינדער, מען דאַרף זיי נאָר בלויז לערנען אַביסל שכל. און דערמיט קאָנט איר זיך פאַרלאָזן אויף יאַנקל־זשאַקן. זיי האָבן מורא פאַר אים. אָט האָט יאַנקל־זשאַק נישט ליב, אַז מען זינגט ביים עסן. מיינט איר, אַז מען פאָלגט אים נישט? די קינדער זינגען טאָקע אַביסל שטילער.

אַט האָט יאַנקל־זשאַק ליב נאָכן עסן צו כאַפּן אַ דרעמל. ווייסן זיינע קינדער, אַז זיי באַדאַרפֿן שטיל זיין, כּדי דער טאַטע זאָל קאָנען שלאָפֿן. און גיט אַ קוק, וואָס פֿאַר אַ ווילדע קינדער דאָס זענען: ווען ער ליגט אַזוי אויפֿן דיוואַן, הערט ער די גאַנצע צייט שרייען: „לאָז דעם פּאַפּאַ שלאָפֿן!" „לאָז דעם פּאַפּאַ שלאָפֿן!" ער קאָן טאַקע נישט צומאַכן קיין אויג, אָבער די געשרייען זענען דאָך, אַז ער זאָל קאָנען שלאָפֿן...

דאָס איז אַלץ דערפֿאַר, ווייל איך לערן זיי שׂכל; קינדער מוז מען לערנען שׂכל... זעט, וואָס פֿאַראַ געהאָרכזאַמע קינדער דאָס זענען. קינדער דערציִען דאַרף מען קענען. ס'מאַכט זיך נישט אַליין, פֿרעגט יאַנקל־זשאַקן, וועט ער אייך זאָגן.

יאַנקל-זשאַקס וואַקאַנסן

יאַנקל־זשאַק האָט באַשלאָסן צו פאָרן אויף וואַקאַנסן. אָנגעאַרבעט זיך אַ שווערן סעזאָן, זיין ווייבל חנהלע איז אויך נישט געשטאַנען אין דער זייט, צוגעהאָלפן געבן אַ שטאָך; ווייל אין סעזאָן ביי אַ שניידער טאָר קיינער נישט שטיין ליידיק, אויסער די צוויי קליינע קינדערלעך, וואָס חנהלע האָט געהאַט צו וואַשן, געבן עסן, און צו פאָרען זיך אין דערווירטשאַפט, האָט זי נאָך געפונען צייט צוצוהעלפן דעם מאַן.

דערפאַר האָט זיך דאָס פאָרפאָלק געטרייסט, אַז עס וועט קומען זומער וועט מען פאָרן אויף די וואַקאַנסן און מען וועט מאַכן אַ לעבן... וועגן די וואַקאַנסן פלעגן זיי נאָר רעדן אין די שפּעטע אָוונט־שעהן, ווען זיי זענען שוין געווען אַזוי מיד, אַז זיי האָבן קוים געקענט שטיין אויף די פיס.

— דו פאַרשטייסט — האָט יאַנקל־זשאַק געגעבן צו פאַרשטיין זיין ווייבל — מיר האָבן גענוג געהאָרעוועט, אַז מיר זאָלן זיך צאָלן אַ דאַטשעאָרט, ווו עס קומען מענטשן... מיר זאָלן האָבן אַ שטיקל וווינונג מיט אַ גאָרטן, די ביימער זאָלן אַריינקוקן אין די פענצטער און די פייגעלעך זאָלן פאַרטאָגס אַריינשפּילן. פאַרשטייסט מיין ווייבל, ס'זאָל זיין ראָמאַנטיש...

דאָס ווייבל האָט געקוואָלן פון זיינע רייד. זי האָט גאָר פאַרגעסן, אַז ס'איז שוין אַזוי שפּעט און אַז זי איז נעבעך מיד, זייער מיד פון אַ גאַנצן טאָג האָרעוואַניע.

— אַלץ איז גוט און וווּיל — זאָגט זי — נאָר ווו געפינט מען אַ פרייען טאָג צו גיין געפינען דאָס אויסגעבענקטע אָרט?

— מען וועט שוין געפינען. ווען זיי וועלן אונדז נישט אַזוי יאָגן מיט זייער „פאָרדעסיס"־ליווערן, וועסטו, מיין קרוין, נעמען דאָס „באַנדל" און דו וועסט שוין געפינען. דו ביזט דאָך עפּעס אַן אויסטויגערין.

ערשט אין חודש יולי, ווען די אַרבעט האָט זיך אַ ביסל געשטילט, האָט חנהלע גענומען דאָס „באַנדל", זיך פאַרהאַלטן אויף סטאַציעס, גע־

לאָפן פון איין אָרט צום צווייטן, ווייל אומעטום איז שוין געווען פאַר־נומען. האָט זי ווייטער גענומען דאָס „באַנדל", אַנגעקומען קיין עקס־לע־בען, געלאָפן אַהין און אַהער. איין באַלעבאָסטע האָט זי געשיקט צו דער צווייטער, ביז גאָט האָט געהאָלפן, זי האָט מיט מזל געפונען, און טאַקע ווי יאַנקל־זשאַק האָט געטרוימט: מיט אַ גאָרטן און מיט ביימער ביי די פענצטער. האָט חנהלע שנעל איינגעצאָלט, גענומען אַ קוויטל מיט אַן אונטערשריפט און אַהיימגעקומען אַ גליקלעכע.

— נו, זעסט — האָט יאַנקל־זשאַק געזאָגט — איך האָב געוווסט, אַז דו ביסט אַ לייט און אַז דו וועסט געפינען. נישט בחינם זענען מיך אַלע שניידערס מקנא מיט דיר. אָבער ווי זעט עס אויס?

— ווי דו האָסט אַליין געוואָלט. עס איז אַ „ווילאַ". אויבן איז עס הערלעך, דאָס הייסט דאָרט, ווו די באַלעבאָסטע וווינט. נאָר מיר זענען אונטן. און ס'איז דאָ אַ גאָרטן און בוימער. און ווו עס איז דאָ בוימער, זענען דאָך דאָ פייגעלעך...

אַז יאָ אַזוי, האָט מען צוויסן געגעבן אַלע באַקאַנטע און, פאַרשטייט זיך, די פאַמיליע אויך. מען האָט איינגעלאַדן אויף לינקס און אויף רעכטס: „איר וועט אונדז קומען זען?" — „אוודאי, פאַרשטייט זיך. עקס־לע־בען איז אַזאַ שיין שטעטל, אַז עס לוינט זיך אַ בליק צו טאָן"...

און אָט איז געקומען דער געבענטשטער טאָג. מען האָט געפאַקט. מען האָט זיך געפאַרעט, מען האָט גענומען דאָס „באַנדל" און מען איז אַהינגעפאָרן. אַנגעקומען, האָט מען זיך געפרייט: דאָ וועט מען זיך קענען אויסרוען. און באמת, ס'איז טאַקע דאָ אַ שיינער גאָרטן. די צוויי שטיבלעך זענען קליין, נאָר מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן. וועט מען עסן אין גאָרטן. עס גיט נאָך צו אַפּעטיט. די קינדערלעך האָבן געטאַנצט פאַר פרייד. יאַנקל־זשאַק און זיין ווייבל האָבן זיך געקוקט אין די אויגן, ווי צוויי טייבעלעך. מען האָט געבליקט צום הימל, צו די אַרומיקע בערג און מען האָט געצויגן מיט די נעז, אַריינצואָטעמען די גוטע לופט; מען איז גע־ווען גליקלעך. אין אָוונט איז מען געזעסן אין „זשאַרדען" און געקוקט צו די גרויסע שטערן. יאַנקל־זשאַק ווי אַ גרויסער קענער פון די שטערן, האָט געוויזן זיין ווייבל ווו עס געפינט זיך דער „גרויסער בער" און דער „קליינער בער" און ווו עס געפינט זיך דער שטערן פון „פאַסטעך". און גלייך זוכט ער אויס עפּעס אַ ברוינעם שטערן און זאָגט, אַז דאָס איז דער „מאַרס"; און מיט אַלע איינצלהייטן דערקלערט ער איר, וואָס עס וואַקסט אַלץ אויפן מאַרס. דערנאָך ווייזט ער איר עפּעס אַ „רייטוואָגן" און זיין ווייבל שמייכלט צו און באַוווּנדערט איר מאַנס קענטעניש.

שפּעט ביינאַכט האָט מען זיך געלייגט צופרידענע שלאָפן. מען איז

געשלאָפן ווי געהרגעטע. און שטעלט אייך פאָר, אַז פאַרטאָגס האָבן די פייגעלעך געשפּילט און געוועקט יאַנקל־זשאַקן. אַך, ווי גוט דאָס איז געווען! אויפהויבנדיק זיך, האָט יאַנקל־זשאַק געזאָגט צו זיין ווייבל:

— וואָס מיינסטו, חנהלע, ווי גוט וואָלט געווען דאָ אַרויסצונעמען דאָס מאַשינדל. אוי וואָלט מען דאָ געשיבט מאַנטלען, אַז ס'וואָלט געגאַנגען אַ רויך.

— לאָז מיך שוין אָפּ מיט דיינע מאַנטלען — ענטפערט אים זיין ווייבל.

— דאָ וויל איך פון גאַרנישט וויסן, דו הערסט?

יאַנקל־זשאַק וויל איר נאָך עפּעס דערקלערן, נאָר אין מיטן גאָרטן באַווייזן זיך צוויי געשטאַלטן, און פּלוצים כאַפּט מען זיך אַרום און מען קושט זיך. דאָס איז יאַנקל־זשאַקס שוועסטער מיט איר קראַנק טעכטערל. נאָכן אָפּקושן זיך, קוקט זיך די שוועסטער אַרום, אָטעמט אַריין די לופט, באַוווּנדערט דעם גאָרטן און אָטעמט אַרויס די ווערטער:

— אַ, ווי שמעקט דאָ! מען קען דאָ געזונט ווערן פון דער בלויזער לופט. פאַר מיין טייער טעכטערל גאָלדעלע וועט דאָס פּונקט גוט זיין. איך וועל זי אייך איבערלאָזן אַ מאָנאַט צייט. זי האָט דאָך אייך אַזוי ליב. זי האָט דאָך נאָך פעטערס און מומעס און נאָר פון אייך רעדט זי טאָג און נאַכט. איך וועל נאָר דאָ בלייבן אַ וואָך צייט. איך קען נישט לענגער.

יאַנקל־זשאַקס שוועסטער איז אַריינגעגאַנגען באַקוקן די שטיבלעך און זי האָט געמאָסטן און געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי מען וועט שלאָפן; און אַזוי ווי עס איז נישטאָ גענוג קיין פּלאַץ, האָט זי באַשלאָסן, אַז מען וועט אויפשטעלן אַן אויסלייג־בעטל.

— מיין ברודער יאַנקל־זשאַק איז דאָך אַ גאָלדענער מענטש, וועט ער שלאָפן מיט זיינע קינדער און, חנהלע, מיר ביידע וועלן שלאָפן צוזאַמען אין בעטל ביי דער וואַנט. דו פאַרשטייסט, מיין גאָלדעלע איז נעבעך קראַנק, זי מוז שלאָפן אַליין אין אַ בעט.

מיין ווייב האָט פאַר צרות גענומען צוגרייטן דאָס מיטאָג. מען האָט סערווירט אין הויף און יאַנקל־זשאַקס שוועסטער האָט זיך מחיה געווען.

נאָר אָט קלינגט ס'גלעקל און עס באַווייזט זיך אַן אַלטער באַקאַנטער יאַנקל־זשאַקס, באַלעק, אַ שמייכלדיקער, שטעלט ער זיך אַוועק אין מיטן גאָרטן:

— פיין, גאָר פיין, יאַנקל־זשאַק. דאָ לעבסטו דאָך ווי גאָט אין אֶדעס. מען האָט מיר איבערגעגעבן דיין אַדרעס צופעליק. טראַכט איך מיר, איך וועל גיין מאַכן אַ חבר פאַרגעניגן און וועל גיין מיט אים עסן אַ מיטאָג. כ'זע, דער טיש איז געגרייט, פּונקט ווי מען וואָלט זיך גערעכט אויף מיר.

— זייער פיין פון דיין זייט — זאָגט יאַנקל־זשאַק — זעץ זיך צום טיש. מיר וואַרטן בלויז אויף דיר...

ביים טיש האָט מען זיך צעשמועסט. מען האָט באַקענט באַלעקן מיט יאַנקל־זשאַקס שוועסטער, וועלכע האָט געהאַלטן אין איין רימען איר גאָלדענעם ברודער.

— א, יאָ, איצט וועל איך דיר זאָגן אַ נייעס, וואָס וועט דיר פאַר־שאַפן פיל פרייד — רופט אויס באַלעק, נאָכן ענדיקן דאָס מיטאָג, שוין ביים פאַרויכערן אַ ציגאַרעטל. — דו ווייסט ווער עס איז דאָ אין עקס־לע־בען? דו וועסט נישט טרעפן. דיין בעסטער חבר. דו ווייסט שוין, דער וואָס זאָגט, אַז ער האָט דיך ליב ווי זיין אייגענעם זון. ער היילט זיך דאָ זיין רעוומאַטיזם. ער איז דאָ מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, מיט זיין ווייב, מיט זיינע טעכטער און זין. אוי, יאַנקל־זשאַק, ווען ער ווייסט, אַז דו ביסט דאָ, וואָלט ער אַהער געפלויגן צו דיר.

יאַנקל־זשאַק האָט זיך געטראַכט: מיין אָרעם ווייבל, וואָס וויל זיך נעבעך אויסרוען. אָבער באַלעק האָט אים נישט געלאָזט אויפעפענען דאָס מויל.

— איך וועל דיר אים שיקן, האָב נישט קיין מורא. מאָרגן צו מיטאָג האָסטו אים — און קוקנדיק אויף זיין זייגער הויבט זיך באַלעק אויף, זאָגנדיק:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן. איך מוז אַנטלויפן. אַ מאַסאַזש... מיין רעוומאַטיזם. איר פאַרשטייט? אַ, מאַך דיר נישט קיין זאָרגן יאַנקל־זשאַק, איך וועל זיין אַן אָפטער גאַסט ביי דיר. דיין ווייבלס מאכלים שמעקן מיר זייער גוט.

יאַנקל־זשאַקס שוועסטער האָט זיך אויסגעצויגן אויף דער אויסלייג־שטול און אויך אַלע קינדער האָבן זיך געלייגט. חנהלע האָט געוואַשן ס'געפעס. יאַנקל־זשאַק האָט געווישט די טעלער און זיי האָבן זיךביידע אַנגעקוקט און געשוויגן. ווען זיי האָבן געענדיקט מיטן רוימען, האָט זיך זיי געוואָלט אַ ביסל לייגן, נאָר די בעטן זענען געווען פאַרנומען. האָבן זיי זיך געזעצט אויף דער באַנק הינטערן בוים און זענען איינגעשלאָפן...

אויפגעוועקט האָט זיי אַ גרויס געלעכטער. ווען זיי האָבן געעפנט די אויגן האָבן זיי געזען פאַר זיך שטיין מענטשן און קאַטשען זיך פון געלעכטער. יאַנקל־זשאַק האָט מיט פאַרשלאָפענע אויגן דערזען פאַר זיך זיין אַלטן פריינט דריינאָדל מיט זיין גאַנצער פאַמיליע; און איידער יאַנקל־זשאַק האָט זיך נאָך אויפגעשטעלט, האָט יענער אים שוין אַרומגעכאַפּט און געקושט. נאָכער האָבן אים זיין פריינדס ווייב און טעכטער געקושט. און דער גוטער פריינט דריינאָדל האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן:

— דו מאַכסטו אַ לעבן, האַ, האַ. דו ווייסט, אַזוי ווי באַלעק האָט מיר נאָר געגעבן דיין אַדרעס אויף דער פּלאַזשע, האָב איך אַ נעם געטאָן מיינע הויזן און געהייסן מיין ווייב און מיינע טעכטער שנעל זיך אָנטאָן, גע־כאַפּט דעם אויטאָקאַר הענדום־פּענדום און געקומען מיט מיין פאַמיליע צו דיר. כ׳זאָג דיר, יאַנקל־זשאַק, כ׳ווייס נישט וואָס פאַרא מזל דו האָסט ביי מיר. כ׳האָב געוווּסט, אַז ווען מיר וועלן קומען עסן צו דיר, וועט עס זיין ביי דיר אַ שמחה. כ׳האָב געוווּסט, אַז עס וועט דיר פאַרשאַפן פאַרגע־ניגן. איך קען מיינע אמתע פריינט, איך ווייס צו וועמען איך קום.

— זיכער, זיכער... — האָט יאַנקל־זשאַק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ מיט אַ זויער שמייכעלע — זיכער, זיכער...

ער און זיין ווייבל האָבן זיך גלייך געכומען צו דער קיך. זיי האָבן געשוויצט און געקאָכט. ער איז יעדע מינוט עפּעס געלאָפן צוקויפן, דאָ אין דער „עפּיסערי״, דאָ ביים בעקער, דאָ ביים קצב. ער האָט געהאָט וואָס צו טאָן. אין גאָרטן האָבן די געסט געשמועסט. יאַנקל־זשאַקס שוועס־טער האָט געריימט איר ברודער, וואָס פאַרא גאָלדענער מענטש ער איז. און ווען עס איז געקומען די צייט צום עסן, האָט מען צוזאַמענגעשטעלט טישן מיט טישלעך, מען האָט זיך געבאָרגט בענקלעך ביי די שכנים, כדי צו האָבן וווּ צו זעצן די געסט. מען האָט געגעסן און געשעפּט די פרישע לופט... דער פריינט דריינאָדל האָט דערציילט אויפן הויכן קול ווי לאַנג ער קען זיך שוין מיט יאַנקל־זשאַקן און אַז באַלד דאָס ערשטע מאָל ווי ער האָט געזען יאַנקל־זשאַקן, האָט ער אים ליב געקריגן, ווי אַן אייגע־נעם זון.

— עס שטימט, יאַנקל, אָדער נישט?

— יאָ, — שאָקלט יאַנקל־זשאַק, לויפנדיק הין און צוריק פון קיך אין גאָרטן, כדי צוהעלפן זיין ווייבל סערווירן.

— זע נאָר, נעבעך — הערט זיך די שטים פון דריינאָדלס ווייב — זיי עסן דאָך גאָרנישט...

— כ׳האָב אייך געזאָגט, אַז איך האָב אַ גאָלדענעם ברודער — רופט זיך אָן יאַנקל־זשאַקס שוועסטער.

— וואָס זעצט איר זיך נישט עסן? — צעשרייט זיך דריינאָדל.

— מיר וועלן שוין עסן, שטערט אייך נישט — ענטפערט חנהלע.

— „קאָם איל סאָן זשאַנטי״ — רופן זיך אָן פריינט דריינאָדלס טעכ־טער. און פּלוצלונג הערט זיך קלינגען דער טעלעפאָן אין אויבערשטן שטאָק און עס באַווייזט זיך אַ פרוי אויפן באַלקאָן.

— דאָס איז מיין באַלעבאָסטע — רוימט יאַנקל־זשאַק איין די געסט.

— מעסיע זשאַק — שרייט זי אַראָפּ — ס׳איז פאַר אייך.

יאַנקל־זשאַק לויפט אַרויף די שטיגן און נעמענדיק דאָס טרייבל צום אויער, הערט ער:

— אַלאָ, אַלאָ, דו ביסט עס, יאַנקל־זשאַק? וואָס הערט זיך? וואָס מאַכסטו און וואָס מאַכן דיינע קינדער, און וואָס מאַכט דיין ווייבל, און וואָס הערט זיך נאָך? וואָס רעדסטו גאָרנישט? וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס דיר? דו ביסט גוט אַנגעקומען? דו מאַכסט אַ לעבן? האַ? דו רוסט זיך גוט אויס? כ׳שטעל מיר פאָר, דו ליגסט ווי אַ בורזשוי אַ גאַנצן טאָג מיטן בויך אַרויף און מיט די פיס צו דער זון... יאַנקל, דו ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן, כ׳וועל דיר מאַכן אַ פאַרגעניגן און קומען צו דיר מיט מיין ווייב און קינד. נאָר כ׳האָב דאָ מיין שוואָגער. מוז איך אים אויך מיטנעמען... דו וועסט זען, ער איז אַ ווילער יונג, אַ נאַש־בראַט. נאָר איין באַדינג: מיר ווילן שלאָפן אויף דער פּאַדלאָגע. דו וועסט זען, ס׳וועט זיין ראָמאַנטיש. דו ווייסט דאָך שוין, ווי אַמאָליקע יאָרן, ווען מיר זענען יונג געווען.

— אָבער הערט זיך איין — בעט זיך יאַנקל־זשאַק — דו פאַרשטייסט...

אָבער יענער לאָזט אים גאָרנישט קומען צום וואָרט:

— ביי מיר איז שוין אַלץ געפּאַקט. מאָרגן ביי מיטאָג זענען מיר ביי דיר. זע נאָר צוצוגרייטן אַ גוט פרעסעריי. דו ווייסט דאָך — ווי מיר האָבן ליב.

יאַנקל בעט זיך:

— טייערער קנויל... דו ווייסט...

„מאָרגן צום מיטאָג" — האָט יענער אַריינגעשריגן און אויפגעהאָנגען דאָס טרייבל. ס׳איז גאָרנישט געווען וואָס צו מאַכן...

שפּעט אויפדערנאַכט, ווען די געסט האָבן זיך געהאַט איינגעאָרדנט אינעם „פּאַלאַץ", זענען נאָך יאַנקל־זשאַק מיט זיין ווייבל געשטאַנען ביים וואַשן דאָס געפעס.

— מאָרגן צום מיטאָג קומט אונדזער פריינט קנויל — האָט יאַנקל־זשאַק אַ זאָג געטאָן צום ווייב. חנהלע האָט עס דערהערט, איז איר שלעכט געוואָרן, און יאַנקל־זשאַק האָט זי געמוזט אָפּמינטערן מיט קאַלט וואַסער.

עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. צומאָרגנס צום מיטאָג האָבן זיך די פריינט קנויל, מאַן, ווייב, קינד און שוואָגער, צוגעשטעלט צו דער מינוט.

— אייגנטלעך — האָט קנויל געשריגן — האָב איך דיר אַפילו גאָר נישט געוואָלט טעלעפאָנירן, נאָר גאָרנישט, דו ווייסט דאָך וואָס פאַר אַן איידעלער מענטש איך בין. עסן, יאַק עסן — האָט קנויל ווייטער גערעדט, קייענדיק דאָס פלייש, — נאָר שלאָפן מוז איך אויף דער פּאַדלאָגע. איר וועט זען ווי עס וועט זיין ראָמאַנטיש. עס וועט מיך דערמאָנען אין די

יונגע יאָרן. ווערסט זען ווי מיר וועלן דאָ גוט פאַרברענגען — האָט ער גערעדט צו זיין קליין ווייבל. — מיר וועלן דאָ מאַכן יעגן לעבן.

און קנוילס פרוי האָט גערעדט צו חנהלען:

— אַך, ווי שיין דאָ איז. די וווינונג איז טאַקע צו קליין, דערפאַר האָט איר אַ גרויסן „זשאַרדען". גלייבט מיר, נאָך אַ מאָנאַט צייט ווערט מען דאָ אַ נייער מענטש.

— יאָ, יאָ... — האָט חנהלע געזיפצט און איז פארשווונדן אין דער קיך צום געפעס וואַשן.

צומאָרגנס נאָכמיטאָג האָט דער פּאָסט־טרעגער געבריינגט אַ בריוו פון חנהלעס פעטער און מומע, וווּ זיי שרייבן, אַז זיי וועלן איר פאַרשאַפן גרויס „פלעזיר" און אַרויסקומען אויף אַ צוויי וואָכן פאַרברענגען צוזאַמען די וואַקאַנסן; און נאָך אַ גרעסערן „פלעזיר" וועט איר זיכער מאַכן די ידיעה, וואָס דער קוזין מיט דער קוזינקע און אירע זין און טעכטער פון האָלאַנד זענען געקומען צופאָרן און זיי וועלן מיטקומען פאַרברענגען אַ שטיקל צייט.

דערהערנדיק עס, איז יאַנקל־זשאַק אַרומגעלאָפן צוויי טעג ביז ער האָט געפונען אַ געזונטע דינסט, איר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, זי אַריינגעזעצט מיט די געסט אין דער ווילאַ. און ער אַליין מיט זיין ווייבל חנהלע האָבן זיך קוים אַרויסגעגנבעט, ווען קיינער האָט נישט געזען, געכומען שנעל די באַן, כדי זיך אַ ביסל אויסצורוען פון די וואַקאַנסן...

יאַנקל־זשאַק אַנטשולדיקט זיך...

מיינע טייערע, ליבע, געשעצטע פריינט, איר ווייסט דאָך, וואָס פאַראַ גוטע, טייערע וואַקאַנסן מיר האָבן פאַרברענגט פאַראַיאָרן זומער; ווייל אַזעלכע גוטע טעג פאַרגעסן זיך נישט אַזוי שנעל. איך יעדנפאַלס, מיין ווייבל און מיינע קינדער האָבן די פאַראַיאָריקע וואַקאַנסן נאָכנישט פאַרגעסן... גלייך, פאַרשטייט איר מיך, ווי כ׳בין אַהיימגעקומען פון די וואַקאַנסן, האָב איך שוין געקלערט ווי אַזוי צוצוגרייטן די הײַיאָריקע וואַקאַנסן. מיין גאַנץ טראַכטן איז נאָר געווען, ווי אַזוי איך זאָל קאָנען איינלאַדן וואָס מער פריינט... אַזוי, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען אויסרוען צוזאַמען... אַזאַ מענטש בין איך, כ׳האָב ליב געזעלשאַפט... אַ סך געזעלשאַפט. כ׳האָב ליב ווען ס׳רודערט זיך... ווייל ס׳האָט מיר דאָרט אַ שוואַרצן, וויסטן טעם זיך אַוועקצוזעצן אין אַ דאָרף אַליין און אויסגיין פון בענקשאַפט נאָך גוטע פריינט... אין די שניידער־„סעזאָנען" האָט מען דאָך נישט קיין צייט אַרויסצוווייזן גוט־פריינטשאַפט צו אַ מענטשן, אָבער אין וואַקאַנס־צייט איז די בעסטע געלעגנהייט עס צו באַווייזן. כדי אייך צו איבערצייגן, אַז איך רעד נישט גלאַט אין דער וועלט אַריין, וועל איך אייך דערציילן אַט אַזאַ „פאַקטעלע" און איר וועט ערשט קאָנען פאַרשטיין ווער יאַנקל־זשאַק איז.

גלייך ווי איך בין אַהיימגעקומען פון די פאַראַיאָריקע וואַקאַנסן (מילא איר געדענקט דאָך זיכער די אומפאַרגעסלעכע מינוטן, ווען מיר האָבן זיך געזעגנט מיט טרערן אין די אויגן, אַז מיין האַרץ איז מיר צעגאַנגען ווי פוטער אויף דער זון, כ׳האָב געוויינט ווי אַ קליין קינד), אַזוי האָט זיך מיר געבענקט נאָך אייך. איך בין זייער אַ פילבאַרער מענטש, וואָס קאָן איך מיר דען העלפן, אַז כ׳האָב אַזאַ צעמאַזשעטע האַרץ. דעריבער וואָרנט מיך טאַקע מיין ווייבל:

— געדענק, יאַנקל־זשאַקעשי קרוין, אַז דו וועסט האָבן אַזאַ ווייך

האָרץ, ווערסטו אָוועקשטאַרבן אַזוי יונג ווי דיין באָבע און כ'וועל מוזן בלייבן אַ יונגע אלמנה... וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן מיט די קינדערלעך, אונדזערע טייערע נשמהלעך ?...

אַז מיין ווייבל נעמט אַזוי רעדן צו מיר, צעגייט מיר נאָך מער מיין האַרץ. נאָר וואָס זאָל איך טאָן, איך קאָן זיך נישט ענדערן, ס'איז אַ כאַ־ראַקטער־זאַך. נאָר די פּרויעקצימערס... זיי האָבן זייער שווערע קעפּ צו פאַרשטיין אונדזערע אידעאַלע, גאָלדענע הערצער...

אַז איך וויל עפּעס דערציילן, דריי איך זיך אַרום און אַרום און פאַר־געס דערווייל דעם תוך. יאָ, טאַקע ווי נאָר איך בין צוריקגעקומען, האָב איך אָנגעהויבן צו שפּילן אויף דער לאָטעריע, איך האָב יעדע וואָך גע־נומען אַ „צעטל". איך האָב מיר געזאָגט: דורכן יאָר וועל איך דאָך מינ־דעסטנס געווינען אַ פּאָר מאָל דאָס גרויסע געווינס; און אַזוי ווי דאָס געלט באַדאַרף גיין אויף אַ נאָבעלן צוועק, נישט אויף קיין עגאָאיסטישע צוועקן; האָב איך דאָס געלט נישט גערעכנט צו פאַרטאָכלעווען, צו גיין אין דער אָפּערע, אָדער אין פאָלי־בערזשער, אָדער גאָר עס פאַרפרעסן, אָדער גאָר גיין זען פּיקאַסאָס אַן אויסשטעלונג. ניין, אַזעלכע געדאַנקען האָט נישט יאַנקל־זשאַק. אָבער, וואָס יאַנקל־זשאַק האָט יאָ געטראַכט צו טאָן מיט דעם געוווּנענעם געלט, איז: אויפצושטעלן אַ גרויסן פּאַלאַץ און פלאַנצן באַנאַנען הינטער די פענצטער, און אַנאַנאַסן אויך, ווייל דאָס דערפרישט. דאַן איינצולאַדן אַלע גוטע פריינט, צוערשט, פאַרשטייט זיך, די שניידערס; זיי קומט דער אויבנאָן, ווייל יאַנקל־זשאַק איז אַליין אַ שניידער און ער האָט אַ שוואַכקייט צו די מענטשן, די ברידער פון פאַך. דערפאַר זאָגן זיי ביי אים די הויפּט־געסט. אין אַלע ווינקלען וועלן וואַקסן די שענסטע רויזן, אַזוי, אַז די שניידערס זאָלן זיך פילן ווי אין אַ גן־עדן.

און טאַקע דערפאַר האָט יאַנקל־זשאַק נישט פאַרפעלט קיין איין וואָך נישט צו נעמען קיין „צעטל" און געוואַרט אויף יעדן מיטוואָך אין אָוונט צי זיין שניידערישער נומער וועט אַרויס. אַזוי זענען אָוועק וואָכן מיט חדשים און — גאָרנישט. באמת, דער אויבערשטער וואָלט זיך באַדאַרפט צובייגן אַביסל אויף אַזאַ הומאַניטאַרן צוועק... יאַנקל־זשאַק איז פאַר־צווייפלט, ווייל ער וועט דאָס יאָר נישט קאָנען איינלאַדן זיינע טייערע פריינט, זיינע ברידער פון פאַך, די שניידער.

וואָס וועלן מענטשן טראַכטן וועגן אים ? וואָס וועלן עס בכלל זיין פאַר אַ וואַקאַנסן, נישט צו מאַכן יאַנקל־זשאַקן פאַרגעניגן און קומען צו אים אויף אַ פּאָר טעג, אים העלפן פאַרברענגען די וואַקאַנסן, ער זאָל זיך

נישט לאַנגווייליקן? צוהעלפֿן די יאַנקל־זשאַקעטע וואַשן דאָס געפּעס... אַלץ טאָן, אַבי ס׳זאָל זיין היימלעך.

אַבער יאַנקל־זשאַק האָט דאָס יאָר אַפֿילו נישט באַוויזן אָפּצושפּאַרן די פּאָר פראַנק צו דינגען זיך אַ קליין שטיבעלע אויפֿן דאָרף. זיצט ער אין דער היים, פּרעגלט זיך אין דער גרויסער שטאָט און מאַכט זיך זאָרגן: וואָס וועלן די גוטע פריינט טראַכטן פון אים?... וואָס וועלן זיי זאָגן וועגן אים? ווייל וואָס פאַר אַ טעם וועלן האָבן זייערע וואַקאַנסן, ווען זיי וועלן נישט זיין ביי יאַנקל־זשאַקן? זיצט ער טאַקע, יאַנקל־זשאַק, און וויינט ווי אַ קליין קינד, ער אַנטשולדיקט זיך טויזנט מאָל פאַר זיינע גוטע פריינט, איבערהויפּט פאַר די פאַך־קאָלעגן, די ברידער שניידער. זייט אים מוחל, דעם אָרעמען יאַנקל־זשאַקן, ער בעט עס אייך איבער פון גאַנצן האַרצן. יאַנקל־זשאַק ווייס אַפֿילו נישט ווי אַזוי ער וועט דאָס יאָר פאַרברענגען זיינע אייגענע וואַקאַנסן. כ׳בעט אייך, זאָגט עס קיינעם נישט אויס, ווייל ער וויל גאָרנישט, אַז עמיצער זאָל זיך חלילה דערוויסן דערפון...

יאַנקל־זשאַק איז אומרויִק

יאַנקל־זשאַק האָט באַשלאָסן אַוועקצושיקן זיין ווייבל אויף די וואַ־קאַנסן. אמת, אַז דאָס איז אים זייער נישט געווען צום האַרצן. ער האָט נישט ליב צו צעשיידן זיך מיט זיין ווייבל, ווייל אָן איר איז ער פאַר־לוירן.

אַוועקשיקן אַ ווייב אויף וואַקאַנסן באַדאַרף דאָך קאָסטן געלט, און די געשעפטן גייען אין דר׳ערד, צאָלן וועקסלען דאַרף מען, לייזן לייזט מען נישט, און דער שטייער־אַמט הערט נישט אויף צו שיקן „ראָזע ליבעס־בריוועלעך״, ווו ער האַלט אייך אין איין דראָען, אַז ער וועט אייך אַרויס־נעמען ס׳לעבן מיט די בעבעכעס אינאיינעם. פונקט ווי איר וואָלט ביי אים געקויפט און ווילט אים נישט באַצאָלן.

צו דעם אַלעמען פאָלט זיין ווייבל איין קראַנק צו ווערן אויף „האַר־מאָטן״. זי האַלט אין איין שרייען און וויינען, אַז זי וועט חלילה אַוועק־גיין פון דער זינדיקער וועלט. לויפט יאַנקל־זשאַק מיט איר צום דאָקטאָר. זאָגט דער דאָקטאָר, אַז זי מוז שוין אַוועקפאָרן זיך היילן, און דווקא קיין עקס־לע־בען, ווייל דאָרט, זאָגט ער, זענען עפּעס דאָ אַזעלכענע מינים בלאָטעס, וואָס היילן אויס די „האַרמאָטן״, מען מאַכט מאַסאַזשן.

פון דעם טאָג אָן, ווי זיין ווייב איז אַוועק פון שטוב איז יאַנקל־זשאַק מער נישט געשלאָפן. וואָס הייסט, געלאָזט ס׳ווייב אויף הפקר אין דער וועלט אַריין? ווער ווייס, נעמט זיך יאַנקל־זשאַק אויסמאָלן, וואָס ס׳קאָן חלילה געשען; וואָס אַ פרוי קען אַלץ איינפאַלן? מען איז דאָך נאָר אַ מענטש... און נאָך דערצו אַ פרוי...

אייגנטלעך האָט יאַנקל־זשאַק גרויס צוטרוי צו זיין ווייבל, נאָר צו וועמען ער האָט נישט קיין צוטרוי, דאָס איז צו די מענער, צו די ליידיק־גייערס, וואָס דרייען זיך אַרום און לויערן אויף די אומשולדיקע פרויען.

אַזוי טראַכט יאַנקל־זשאַק גאַנצע נעכט און וואַרט אויפֿן זונטיק, אַז ער זאָל שוין קאָנען פֿאָרן זען זיין ווייבל. ווי נאָר ער קומט אָן, קוקט ער איר צוערשט גלייך אין די אויגן אַריין. שפּעטער מאַכט ער איר פֿאַר־וורפֿן, פֿאַרוואָס זי טראָגט עפּעס דאָס קלייד מיט די קורצע אַרבל און פֿאַרוואָס עפּעס זי האָט גענומען קעמען די האָר אויף אַרונטער, און פֿאַר־וואָס זי גייט עפּעס אָן זאָקן און קאָן זיך נאָך פֿאַרקילן די פֿיס. מיט די „האַרמאַטן" צוזאַמען...

זיין ווייבל נעמט אים אַרום מיט גרויס צערטלעכקייט און יאַנקל־זשאַק פֿאָרט אַ היים אַ רואיקער.

נאָר גלייך ווי ער קומט אַ היים, צינדט זיך אין אים אָן אַ ניי פֿייער: עפּעס האָט זיין ווייבל גערעדט צו־גוט צו אים. אַ גאַנץ יאָר רופֿט זי אים יאַנקל־זשאַק און דאָ גאָר האָט זי אים כסדר גערופֿן „יאַנקל־זשאַקישע קרוין". ניין, עפּעס איז נישט אין אָרדענונג.

ער דרייט זיך אַרום אַ גאַנצע נאַכט און נעמט דאַן אָן אַ פֿייערלעכן באַשלוס: פֿאַרמאַכן ס׳געשעפֿטל — וואָס וועט זיין, וועט זיין, — און גלייך אַראָפּכאַפּן זיך קיין עקס.

פֿאַרטאָגס, ווען אַ בלאַסע, ציטערדיקע לבנה איז נאָך געהאָנגען אויפֿן הימל, האָט יאַנקל־זשאַק געכאַפּט זיין אויטאָ און זיך געלאָזט אין וועג אַריין. אין גרויס איילעניש האָט ער פֿאַרגעסן, אַז עס איז פּונקט ווי אַ פֿערד, וואָס אַז מען גיט עס נישט קיין האָבער, גייט עס נישט. איז ער טאַקע שטיין געבליבן מיט זיין אויטאָ עפּעס אויף אַ וועג, נישט אַהין, נישט אַהער. און קיין „פּלומפּ" זעט מען אויך נישט.

איז ער אַרומגעלאָפֿן צופֿוס אַ פּאָר קילאָמעטער אויף רעכטס, אַ פּאָר קילאָמעטער אויף לינקס, ביז ער האָט שוין באַוויזן צו באַקומען אַביסל בענזין פֿאַר זיין אויטאָ און פֿליט ווי אַ פֿייל פֿון בויגן און קומט אַ דער־שוויצטער אָן קיין עקס. דאָרט לויפֿט ער מיט אַלע כוחות אויף די שטיגן פֿון האָטעל, ווייל די ווינדע האָט ער נישט קיין צייט צו נעמען, טראַסקעט אין די טירן.

— עפֿן — שרייט ער — העלען, עפֿן.

נאָר קיינער עפֿנט נישט. זעט ער, אַז עס העלפֿט נישט. שרייט ער אויף פֿראַנצויזיש: „אוווּרע"!

נאָר קיינער עפֿנט די טיר נישט. קלאַפּט ער נאָך שטאַרקער אין די טירן, אַז דער גאַנצער האָטעל מענטשן לויפֿן זיך צוזאַמען, און ער יאַנקל־זשאַק, קלאַפּט אַלץ אין דער טיר...

— דו אומגעטרייע פרוי — עפּן, ווייל איך וועל דעם גאַנצן האָטעל צעברעכן, צעמאָלן, צעטראַסקען, עפּן!!!

דערווייל פּילט ער ניש, ווי מען רייסט אים ביי די אָרעמס. צוויי געזונטע דינערס שלעפּן אים, אָבער יאַנקל־זשאַק לאָזט זיך נישט און שרייט:

— מיין ווייב וויל איך.

עס געדויערט אַ צייט ביז מען באַרואיקט אים און מען דערקלערט אים, אַז זיין ווייב איז געגאַנגען שפּאַצירן.

לאָזט ער אַלעמען שטיין און לויפט אַראָפּ די פינף שטאָק שטיגן, ווייל די ווינדע האָט ער אַלץ קיין צייט נישט צו נעמען. לויפט און טראַכט: ווו קאָן זי זיין? אין קאַזינאָ? אין די טאַנץ־זעלער? אין די סינעמאַס?

בקיצור, יאַנקל־זשאַק איז געלאָפן אין די סינעמאַס, אין די טאַנץ־זעלער, אין דער קאַזינאָ, און אין ערגעץ האָט ער זי נישט געפונען. אַ פּאַרמאַטערטער, איז ער אַריין אין שטאָטישן פּאַרק, זי געזוכט אין אַלע באַהאַלטענע ווינקעלעך, הינטער די ביימער, און ווען ער האָט שוין גע־האָט אַרומגעקוקט אין אַלע באַהאַלטענע ווינקלען, האָט ער געטראָפן זיין העלען זיצן אין מיטן פּלאַץ פון פּאַרק ביי אַ פאָנטאַנע מיט נאָך אַ ווייבל און שמועסן וועגן די „האַרמאַטן"...

אַז יאַנקל־זשאַק האָט דערזען זיין ווייבל, איז ער אַ פּאָל אַוועקגע־געבן און אָנגעהויבן צו חלשן, אַז מען האָט אים גאַרנישט געקאָנט דעראַ־טעווען. באַלד האָט זיך געמאַכט אַן אָנגעלויף פון אַלע זייטן, ווייל די וואַקאַנסניקעס, קוקן בלויז אויס אויף אַזאַ געשיכטע. מאַכט מען אַ ראָד אַרום יאַנקל־זשאַקן, און זיין ווייבל העלען שטייט אין מיטן און ברעכט זיך די הענט און שרייט:

— יאַנקל־זשאַק, יאַנקל־זשאַקעשי קרוין! מענטשן, ראַטעוועט!

מען בייגט זיך אַראָפּ און מען קוועטשט אים די שלייפן, מען פּאַטשט אים איבער די באַקן און עס העלפט גאַרנישט.

קומט אונטער אַ קלוגער ייד מיט אַן עמער וואַסער און גיט אַ גאָס אַרויף אויף יאַנקל־זשאַקן; עס געשעט גלייך אַ נס פון הימל: יאַנקל־זשאַק וועקט זיך אויף און מען פירט אים מיט מוזיק אין האָטעל אַריין...

ווען יאַנקל־זשאַק און זיין ווייבל זענען געבליבן אַליין, פרעגט זי אים:

— וואָס איז געשען, יאַנקל־זשאַקעשי קרוין? נאָך וואָס ביסטו גע־קומען חלשן קיין עקס־לע־בען?

זאָגט איר יאַנקל־זשאַק, אַז ער האָט געלייענט אין די צייטונגען, אַז

ס׳איז געווען אַן ערד־ציטערניש אין עקס־לע־בען, דעריבער האָט ער זיך אַזוי איבערגעשראָקן...

יאַנקל־זשאַק איז אַהיימגעפאָרן צוזאַמען מיט זיין ווייב. זי וועט שוין אירע „האַרמאַטן" היילן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט... און עס וועט נישט מער פאָרקומען קיין ערד־ציטערניש און דער עיקר — ער וועט נישט מער זיין „זשאַלו".

א משוגע שטעטל...

יידן, איר האָט שוין אַמאָל געזען אַ משוגע שטעטל? אָבער אינגאַנצן משוגע, פון קאָפּ ביז פיס.

דאָס שטעטל האָב איך, יאַנקל־זשאַק, געפונען אויפן מיטללענדישן ים, צווישן קאַן און ניס. אַריינגעפאַלן בין איך דאָרט דורך אַ נס. איר ווייסט, אַז מען פאָרט אויף דאַטשע, שפּאַצירט מען זיך אַרום. מ׳האָט דאָך נישט וואָס צו טאָן! קיין מאַנטלען צו נייען נעמט מען נישט מיט, ליבע קאָלעגן שניידערס... דאָס האָט אונדז נאָך צוגעפעלט, אַנישט וואָלטן די פּאַטראָנען נישט געקאָנט שפּילן אין די קאַזינאָס...

געווען בין איך גאָר אין ניס, שפּאַצירט אויפן וועלט־באַרימטן „פּראָ־מענאַד דעז אַנגלע״, באַזעצט מיט פּאַלמען. האָב איך מיר געטראַכט, כ׳וועל גיין דאָרט שפּאַצירן, וועט מען מיך אויך אָננעמען פאַר אַן ענגלענדער; ווייל יידיש רעד איך גאַנץ פליסיק, וועלן די פראַנצויזן נישט פאַרשטיין וואָס איך רעד צו זיי...

אַזוי ווי כ׳שפּאַציר מיר אַזוי מיט מיין יאַנקל־זשאַקעטע, טרעף איך אַן נאָך אַן „ענגלענדער״, כ׳מיין נאָך אַ יידישן שניידער. שמועסן מיר אַזוי פון פאַרשידענע זאַכן, פון שניידעריי, ווי געוויינלעך, פון „העליקאָפּ־טערס״, פון „פליענדיקע טעלערלעך״. און ווען מיר האַלטן שוין ביים גע־זעגענען זיך, כאַפּט מיך מיין „ענגלענדער״ אַן ביי דער קלאַפּע און גיט מיר אַ פרעג:

— אין משוגענעם שטעטל, יאַנקל־זשאַק, ביסטו שוין געווען?

— וואָס פאַר אַ משוגע שטעטל? — פרעג איך אים — וואָס ווילסטו פון מיינע אָרעמע פּאַר יאָרן האָבן, חיים־בער? כ׳בין נישט געקומען אַהער זען קיין משוגענע שטעטלעך. כ׳בין געקומען אַהער אויסרוען מיינע ביי־נער; מיין ווייבל איז געקומען אויסהיילן אירע „האַרמאָטן״...

— היינט צוועלף ביינאַכט — זאָגט ער מיר באַפעלעריש — גייען מיר זען ס׳משוגענע שטעטל...

פינקטלעך צוועלף ביינאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין; פאַרשטייט זיך, מיט מיין, יאַנקל־זשאַקס, „וואַטיע". מיר זענען אָנגעקומען בשלום. און הערט וואָס כ׳האָב דאָרט צוגעזען:

ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן אַ טאַראַראַם, אָרקעסטרעס האָבן געשפּילט, הילכערס האָבן געהילכט, די גאַסן זענען פאַרגאָסן געווען מיט ליכט, אַלע געשעפטן זענען געווען אָפן, ווי אין מיטן העלן טאָג. מען לאָזט נישט אַדורך קיין וואָגן. און רעדן רעדט מען דאָ אַלע שפּראַכן, אויסער פּראָב־צוויזיש. דאָ זעט מען טאָקע ריכטיקע ענגלענדער, מיט ציגאַרן אין מויל און הויכע דאַמען, אָנגעטאָן אין די טייערסטע קליידער. מען טראָגט זיל־בערנע און גאָלדענע שיכלעך און מען פאָרט אין גלאַנציקע אויטאָס און מען קושט זיך אין מיטן גאַס...

דאָס אַלץ האָט מיר אַזוי אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן, אַז כ׳בין שטיינגעבליבן און נישט געוווסט וואָס עס טוט זיך מיט מיר. עפּעס האָבן מיר די מענטשן אויסגעזען צו זיין נישט פון דעם פּלאַנעט. אָבער מיין פריינט איז באַגייסטערט:

— האָסט כאָטש געזען די בתולות, יאַנקל־זשאַק? קום — נעמט ער מיך ביי דער האַנט — וועלן מיר זען ווי מען ווײלט אויס די שיינהייט־קעניגין.

מיר קומען אַריין אין אַ טונקעלן טאַנץ־זאַל, ווו מענער און פרויען דריקן זיך, קושן זיך, גלעטן זיך. באַלד ווערט אויסגעלאָשן ס׳ליכט. מען טאַנצט אין דער פינצטער, אַז כ׳ווייס גאָר נישט ווי אַזוי זיי זעען צו טאַנצן!...

ענדלעך, אַרום צוויי ביינאַכט, מעלדעט עפּעס אַ הער אין אַ פראַק, אַז עס הייבט זיך אָן דאָס גרויסע היסטאָרישע געשעעניש. און עס הייבן טאָקע באַלד אָן פאַרבייצומאַרשירן דריי־פּערטל נאַקעטע מיידלעך; מען מעסט זיי, מען וועגט זיי, מען קוקט זיי אַרום פון אויבן ביז אַראָפּ. עס גייען פאַרביי בלאָנדע, געלע, שוואַרצע און אַפילו ווייסע. זיי זענען נעבעך יונג גרוי געוואָרן. עס געדויערט אַזוי אַ שעה צייט; און די ריכטער, עלטערע הערן, שוויצן, נעבעך, מיט די אויסגעקראָכענע גלאָצערס. ביז זיי זענען ענדלעך אייניק אויף אַ דרייפּערטל נאַקעט מיידל. מען דערלאַנגט איר בלומען, מען הייבט זי אין דער הויך און מען לאָזט זי אַראָפּ. עס גיסט זיך שאַמפּאַניער, עס ווערט אַ גערודער פאַרדולט צו ווערן: הוראַ, זאָל לעבן די קעניגין!

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, מיר זענען קוים אַרויס מיטן לעבן. אין דער געשטופּעריי, האָב איך שיר נישט פאַרלוירן מיין יאַנקל־זשאַקעטע.

זאָגט צו מיר מיין „ענגלענדער", דער פאַריזער שניידער:

— אַצינד קום, וועל איך דיר ווייזן עפּעס אַזוינס און אַזעלכעס...

און ווידער פאַלן מיר אַריין אין עפּעס אַ קאַבאַרעט, ווו מ'האָט געזען בלויז אַ ראָזע, קופּערנע ליכט. כ'האָב געהערט מוזיק ווי פון זייער ווייט און געזען זיך וויגן אַ מענטשן־מאַסע. די פרויען האָבן געלייגט זייער איידעלע קעפּלעך אויף די מענערישע אַקסלען און געלאָזט זיך וויגן, ווי קליינע קינדער, און די מענער האָבן מיט פאַרגעניגן זיי איינגעוויגט...

— נו? — פרעג איך מיין „ענגלענדער" — דאָס האָסטו מיר געוואָלט ווייזן?

— „פּאַסיאָנס" — זאָגט מיר יענער און כ'שווייג. אַ ברירה האָב איך?

אַט צינדט זיך אָן דאָס ליכט און אַ ספּיקער מעלדעט, אַז אַט־אַט קומט אָן די טרופּע „קנאַקניסל". עס באַווייזט זיך אַ בלאָנד מיידל, זינגט, דרייט מיטן הינטן און דער עולם קלאַפּט בראַוואָ. באַלד קומט אַריין אַן אַנדערע און זינגט ווי עדיט פּיאַף, נאָר אַ ביסל ערגער. באַלד קומט אַ דריטע און זינגט ווי לילי פּאָנס, נאָר נאָך אַביסל ערגער. הייב איך נישט אָן צו פאַר־שטיין און פרעג מיין פריינט:

— וואָס קלאַפּן זיי אַזוי, די נאַראָנים?

לאַכט ער פון מיר:

— האָסט גאָרנישט באַמערקט, יאַנקל־זשאַק, אַז די אַלע שיינע מייד־לעך זענען גאָר... מענער: ריכטיקע מענער. אוי ביסטו אַ נאַר, יאַנקל־זשאַק...

עס איז מיר שלעכט געוואָרן, ס'האָט מיך אָנגעהויבן נודזשען, אַז כ'האָב געמיינט איך קום אום. איך האָב אַ כאַפּ געטאָן מיין יאַנקל־זשאַקעטע און בין קוים אַרויס מיטן לעבן. אַרויסקומענדיק פון דעם זינדיקן הויז, גיב איך אַ קוק אויף מיין זייגער. ווי שפּעט, מיינט איר, איז געוועזן? פיר אַזייגער פאַרטאָגס. די געשעפטן זענען נאָך אַלץ געווען אָפן. מיין „ענגלענדער" איז געגאַנגען הינטער מיר און האָט זיך עפּעס געפילט שולדיק. ער האָט מורא געהאַט כ'זאָל אים נישט אָוועקהרגענען. מיט איין מאָל נעמט ער מיך אָן ביי דער האַנט און בעט זיך ביי מיר, ווי אַ קליין קינד:

— יאַנקל־זשאַק, לאָמיר בלויז אַ קוק טאָן אין דער קאַסינאָ און דאַן גייען מיר אַהיים.

— וואָס האָב איך צו טאָן אין קאַסינאָ?

— ווערסט אָנקוקן ווי מענטשן וואַרפן זיך מיט טויזנטערס.

מיר קומען אַריין. ביי גרויסע טישן זענען געשטאַנען קאָפּ־אויף־קאָפּ מענער און פרויען און געוואָרפן נישט נאָר מיט טויזנטערס, נאָר מיט צענער־טויזנטערס. אַ מאַן וואַרפט מיט אַ באַלעם און אַ שטעקן האַלט ער אין דער האַנט. און צווישן די פאַרחלשטע „פרינצעסינס" און „בעסערע" מענער — אַ ברייטע יידענע, וואָס האָט כמעט פאַרנומען אַ האַלבן שפּיל־טיש. גיי פאַרשטיי אַ וועלט. דאָס איז נישט פאַר יאַנקל־זשאַקס קאָפּ.

מיר זענען באַלד אַרויס. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט ווי אַ ווינט־מיל. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? — טאַקע אַ משוגע שטעטל. שלאָפן ביי־טאָג זענען וואַך ביינאַכט, וואַרפן זיך מיט די צענער־טויזנטער, קלאַפּן בראַוואָ פאַרשטעלטע מענער, וואָס זינגען ווי צעבראָכענע זייגערס... קיין וואָרט פראַנצויזיש הערט מען דאָ נישט און דאָס הייסט ביי זיי געלעבט... נאָר גיי זוך ביי זיי יושר, אַז דאָ האָט איר צו טאָן מיט אַ משוגען שטעטל... פון קאָפּ ביז די פיס משוגע; און אַז יאַנקל־זשאַק זאָגט קאָנט איר אים עס גלויבן...

אין אַ „בעסערן" רעסטאָראַן

אַ גאַנץ יאָר האָט די יאַנקל־זשאַקעטע אַרייַנגערעדט אין יאַנקל־זשאַקן:

— מיר האָרעווען אַ גאַנץ יאָר שווער און ביטער, אָבער אַז גאָט וועט העלפֿן, מיר וועלן דערלעבן די וואַקאַנסן, וועסטו מיר, ליבער יאַנקל־זשאַק, אַזוי גוט זיין און צאָלן אַ מיטיק... און נישט גלאַט אַזוי אַ מיטיק, נאָר אַ מיטיק אין אַ בעסערן רעסטאָראַן. דאָרט, ווו עס עסן בעסערע מענטשן און ווו עס ברענען זשיראַנדאָלן מיט געלבלעכע אָדער ראָזע ליכט, און גאַרסאָנען מיט שליפּעס סערווירן, און מען בייגט זיך פֿאַר דיר אין דרייען... איך וויל כאָטש עסן איינמאָל אין אַ בעסערן רעסטאָראַן, ווי אַ בעסערע דאַמע... דו שטעלסט זיך פֿאָר, יאַנקל־זשאַק: כ'וועל נישט דאַרפֿן קאָכן, נישט דאַרפֿן דערלאַנגען, נישט דאַרפֿן וואַשן קיין געפּעס...

וואָס אַן אמת, האָבן יאַנקל־זשאַקן די אַלע זאַכן נישט געררייצט. ער האָט נישט ליב די איבערגעטריבענע מאַניערן און קונצן. נאָר וואָס טוט מען אַלץ נישט צוליב אַ ווייב, נאָך דערצו זיין אייגענע יאַנקל־זשאַקעטע? האָט ער מסכּים געווען און מ'האָט געוואָרט אויף די וואַקאַנסן. זיי זענען אָבער נישט געקומען אַזוי גיך. די טעג זענען געווען לאַנגע און הייסע, מ'האָט געשוויצט, מ'האָט געהאָרעוועט אין דער שניידער־אַטעליע. די יאַנקל־זשאַקעטע האָט געוואָרט אויף דעם גליקלעכן טאָג, ווען זי וועט זיצן ביי די טונקעלע, ראָזע און געלע ליכט אין בעסערן רעסטאָראַן און די גאַרסאָנען מיט די שליפּעס, ווי אָפּיצירן, וועלן איר סערווירן, ווי אַ קייסערינע, וועלן זיך בייגן פֿאַר איר און שמייכלען צו איר, ווי צו אַ גרויסער דאַמע...

און אַז ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, ווען מ'האָט אַרויסגעענדיקט די גרויסע באַשטעלונגען, האָט מען זיך געלאָזן אין וועג

אַריין. איבערן גאַנצן וועג האָט די יאַנקל־זשאַקעטע גערעדט פון דעם וווּנדערבאַרן מיטאָג, זי האָט געהאַלטן אין איין רעדן צו יאַנקל־זשאַקן:

— געדענק, וואָס דו האָסט מיר צוגעזאָגט! — מיר וועלן עסן אין אַ בעסערן רעסטאָראַן.

אויסגערעכנט האָט זי געגנוי, אַז זיי דאַרפן אָנקומען פּינקטלעך מיטאָג־צייט קיין ניס. זי האָט אויפגעוועקט יאַנקל־זשאַקן פיר אַזייגער פאַרטאָג, ווען אַ גרויער נעפּל איז נאָך געלעגן אויפן גאַס, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. יאַנקל־זשאַק איז נישט מער צעדרייט, ער ווייסט נישט פאַרגעסן אַריינצוגיסן קיין בענזין אין וואָגן אַריין. פאָרן פאָרן טאַפּט ער דעם דופק פון זיין וואָגן. ער קאַפּעט מיט די פיס אין די רעדער אַריין, צי זיי זענען גוט אָנגעבלאָזן, קוקט אין מאָטאָר אַריין, דרייט עפּעס דאָרט פאַראָסטע שרייפלעך, פאַרשמירט זיך דערביי די הענט, ער קוקט און קוקט און האַלט אין איין קוקן. פּלוצים דערמאָנט זיך עפּעס יאַנקל־זשאַק, לאָזט אַלץ שטיין, שטעלט אָפּ דעם מאָטאָר, ווייל דער קלאַנג געפעלט אים עפּעס נישט; קריכט אַרויס און גראַבלט דאָרט אפשר אַ שעה צייט. די יאַנקל־זשאַקעטע דענערווירט זיך:

— וואָס זוכסטו דאָרט אין מאָטאָר? ווען וועט מען שוין פאָרן? ס׳וועט דאָך זיין צו שפּעט צום מיטיק.

אָבער דאָס מאָל האָט גאַרנישט געהאָלפן יאַנקל־זשאַקס פאַרזיכטיקייט. אין מיטן וועג איז ער שטיין געבליבן. ס׳האָט געדויערט אַ פּאָר שעה צייט, די יאַנקל־זשאַקעטע האָט געמיינט, אַז זי גייט אויס.

זיי זענען טאַקע אָנגעקומען שפּעט אין אָוונט קיין ניס און ווו צו שלאָפן איז אויך נישט אַזוי לייכט אָנגעקומען. אַלע האָטעלן זענען געווען פאַרנומען, כאָטש נעם גיי און שלאָף אויף דער גאַס. שפּעט אין דער נאַכט האָבן זיי קוים געפונען אַ צימער דורכצושלאָפן. באַלד באַגינען האָט זיך די יאַנקל־זשאַקעטע אויפגעהויבן, האָט גענומען פּיילן אירע נעגל, שמירן זיי מיט ראָזן לאַקיר, דאַן האָט זי זיך געצופּט די ברעמען, זיי געקעמט מיט אַ קליין בערשטעלע, גענומען שמירן די באַקן מיט פאַרשידענע פּאָמאַדעס און מיט פּודער; און יאַנקל־זשאַק האָט אַלץ געשנאַרכט. ער איז, נעבעך, מיד געווען פון לאַנגן וועג און וואָלט אַזוי אָפּגעשנאַרכט אַ גאַנצן טאָג. אָבער אַכט אַזייגער האָט אים די יאַנקל־זשאַקעטע שוין געוועקט:

— ביז דו וועסט זיך ראַזירן, אָנטאָן, ביז וועסט זיך אויספּאַקן, וועט שוין זיין צו שפּעט צוגיין אין אַ בעסערן רעסטאָראַן — האָט זי געשריען.

ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס בעטן זיך יאַנקל־זשאַקס, אַז עס איז נאָך צו פרי, אַז מען האָט נאָך צייט, אַז דער קאָפּ טוט אים וויי. ער האָט זיך

געמוזט אויפהויבן און האַלב־צען אַזייגער אינדערפרי האָט מען זיך אַרויס־געלאָזט זוכן דעם בעסטן רעסטאָראַן...

זענען זיי געגאַנגען און געקוקט אַלע רעסטאָראַנען. אַזוי האָבן זיי זיך געדרייט אַ פאָר שעה צייט, ביז דער יאַנקל־זשאַקעטע איז געפעלן געוואָרן אַ רעסטאָראַן, וווּ ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ מאַן מיט שליפעס, ווי אַן אַדמיראַל... אַריינקומענדיק אינעווייניק, האָט יאַנקל־זשאַקן אַ ציטער געטאָן דאָס האַרץ... — טונקעלע ליכט, זשיראַנדאָלן און מענער מיט די שוואַרצע פראַקן, מיט ווייסע קעלנער און מיט רויטע קראַוואַטן. אַלע האָבן זיך אָנגעהויבן בייגן און נייגן פאַר אים, שמייכלען צו אים און צו זיין ווייבל, ביז זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל מיט בלומען. יאַנקל־זשאַק האָט שווער אָפגעאָטעמט. ס'האָט אים געשראָקן, ווייל קיין סך געלט האָט ער נישט געהאַט, קוים צו פאַרברענגען צוויי מאָגערע וואָכן. ער האָט זיך אומגעקוקט — דאַמעס מיט נאַקעטע אָרעמס, הינטעלעך זענען געזעסן אויף לעדערנע שטולן; די דאַמעס האָבן זיי געשטופט גוטע זאַכן אין די הינטישע פיסקלעך אַריין, זיי געקושט...

אָבער לאַנג האָט יאַנקל־זשאַק נישט קיין צייט געהאַט צו קוקן, ווייל באַלד האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום זיין טישל אַ פאָר מענער מיט שוואַרצע פראַקן, מיט גרויסע בויגנס פאַפיר אין די הענט, וואָס כדי דאָס אַלץ איבערצולייענען באַדאַרף מען אַ האַלבן טאָג. עפעס אַזעלכע מאכלים, וואָס פאַר יאַנקל־זשאַקן איז עס געווען טערקיש, כינעזיש, האָטענטאָטיש, אויסלענדישע נעמען, וואָס נאָר אַ „בעסערער" מענטש קאָן עס פאַרשטיין... און דאָ טרעטן זיי, די הערן מיט די שוואַרצע פראַקן, נישט אָפ פון יאַנקל־זשאַקס טישל, זיי קוקן אויף אים אָן אויפהער. באַלד קומט עפעס צו אַ בלאָנדע דאַמע מיט צוויי הויכע הערן. די הערן שטעלן פאָר פאַר יאַנקל־זשאַקן די דאַמע, אַז דאָס איז די „פאַטראָנקע" פון בעסערן רעסטאָראַן. די דאַמע הויבט גלייך אָן צו שמייכלען און פרעגט יאַנקל־זשאַקן, צי עס גייט אים גוט און ווי ער געפינט איר רעסטאָראַן. אויך זי דערלאַנגט יאַנקל־זשאַקן אַ לאַנגן פאַפיר, ווי אַ מגילה, מיט ספעציעלע מאכלים...

אייגנטלעך, טראַכט יאַנקל־זשאַק, נאָך וואָס באַדאַרף איך קאָנען די פאַטראָנקע און וואָס ווילן די אַלע שוואַרצע פראַקן פון מיר האָבן? איך וויל עסן אַ מיטאָג און שוין. טאָ וואָס דרייען זיי זיך אַרום אַרום מיר און היטן מיך ווי אַ גנב?

אַ האַלבע שעה צייט האָט יאַנקל־זשאַק געקוקט אין די פאַפירן אַריין און נישט געקאָנט אַרויסקריכן פון זיי, האָט ער זיי איבערגעגעבן דער יאַנקל־זשאַקעטע און זי האָט אויסגעקליבן אַזויפיל מאכלים, אַז די הערן מיט די שוואַרצע פראַקן האָבן פאַרשריבן גאַנצע זייטן פאַפיר און זענען

אַוועק. ווען יאַנקל־זשאַק איז ענדלעך פאַרבליבן אַ מינוט אַליין מיט זיין ווייבל, האָט ער זי געפרעגט:

— וואָס האָסטו אַזויפיל אויסגעשריבן?... ווייסט דאָך, אַז מיר האָבן נישט קיין סך געלט?

— שוין, דו פאַרגינסט מיר שוין נישט? ווילסט מען זאָל אונדז באַהאַנדלען ווי שנאָרערס?...

דערווייל האָבן די שוואַרצע פראַקן אָנגעהויבן צו טראָגן זילבערנע טאַצן און פאַרצעלייענע טעלערס, זענען אָנגעקומען מיט וועגעלעך, פול מיט מאכלים. עס האָט זיך געטאָן אַרום אונדז, ווי אויף אַ יאַריד; און אַלץ צו יאַנקל־זשאַקס טישל. די אַלע מענער אין די שוואַרצע פראַקן האָבן גע־האַלטן אין איין שמייכלען.

עפּעס אַזוי פיל ווערים — רויטע ווערים, גרינע ווערים, ראַקעס, זשאַ־בעס, עסקאַרגאָס. ווער קאָן עס עסן? עס גייט זיך אַ ברעכונג אָן. און יאַנקל־זשאַק האָט נישט געוווּסט פון וואָס פריער אָנצוהויבן. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און געזען ווי די אַרומיקע הערן און דאַמען עסן מיט אַזאַ אַפּעטיט און מיט אַזאַ „עלעגאַנץ"... זיי האַלטן גאָפּל און מעסער מיט אַזאַ געשיקטקייט, און ער אַליין האָט מורא געהאַט צו נעמען די עס־כלים אין די הענט אַריין. די יאַנקל־זשאַקעטע האָט זיך גענומען צום עסן און ער האָט נישט געקענט עסן, ווייל די שוואַרצע פראַקן האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן. זיי זענען שטיין געבליבן און געקוקט; און יאַנקל־זשאַק האָט נישט ליב, ווען מען קוקט אים אין טעלער אַריין... זיי שטייען לעבן אים, רירן זיך נישט און קוקן אויף אים. רירט ער דעם טעלער, זענען זיי דאָ, רירט ער אַ לעפל, זענען זיי דאָ, רירט ער אַ מעסער, זענען זיי דאָ. זיי האַלטן אים אין איין העלפן, פּונקט ווי ער וואָלט באַדאַרפט מען זאָל אים העלפן עסן... זיי האָבן אים אַוועקגעשטעלט אַ פלעשל ווייז אין אַ גע־פלאָכטן קיישעלע, מיט פיל שטויב, און אַ ווייס טיכל אויפן העלדזל פון פלעשל, אַז עס זאָל זיך, חלילה, נישט פאַרקילן, דאָס פלעשל... ער האָט נישט פאַרשטאַנען; וואָס עפּעס אַזויפיל שטויב? ווי שעמט מען זיך נישט, חזרים...

— אַז דו פאַרשטייסט גאָרנישט... — האָט זיך אָפּגערופן די יאַנקל־זשאַקעטע — דאָס איז דאָך אַלטער וויין...

— הייסט דאָס — האָט יאַנקל־זשאַק זיך אָפּגערופן — אַז מיר צאָלן אַזוי טייער פאַרן שטויב...

דערווייל האָבן אַלץ די שוואַרצע פראַקן געהאַלטן אין איין אַרומ־שטעלן פאַרצעלייענע טעלערס, האָבן זיך געהאַלטן אין איין אַרומפאַרן לעבן יאַנקל־זשאַקס טישל און אים קוקן אין די אויגן אַריין. אָבער דאָס

איז נאָך אַלץ גאָרנישט. דאָס ערגסטע איז געשען, ווען מ׳האָט צוגעברענגט דאָס פערטל הינדל און די יאַנקל־זשאַקעטע האָט אים גלייך איינגערוימט אין אויער אַריין, אַז ער זאָל נישט עסן מיט די הענט, נאָר אַלץ מיט גאָפל־מעסער, אַפילו די ביינער אויך... דאָ איז יאַנקל־זשאַקן באַפאַלן אַ שווייס. ער האָט געדרייט אַהער און אַהין דעם גאָפל־מעסער און דאָס הינדל האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן... ביז... ביז... עס איז געשען דאָס גרויסע אומגליק: דאָס פערטל הינדל האָט זיך אים אַרויסגעגליטשט פון טעלער און געשפרונגען גלייך אין פנים אַריין אַן עלטערן הער, וואָס איז געזעסן לעבן יאַנקל־זשאַקס טישל מיט אַ יונג מיידל און זי געהאַלטן אין מיטן קושן... נו, האָט זיך דאָס געמאַכט אַ גערודער. דער אַלטער הער האָט זיך געבייזערט. די אויגן זענען אים פאַרקלעפט געוואָרן מיט פעטס, זיין ווייס העמד פאַרשמירט, זיין אַנצוג — פאַרפלעקט; און דאָס יונגיטשקע ווייבל האָט געהאַלטן אין איין לאַכן... די מעשה האָט איר פאַרשאַפט פאַרגעניגן...

באַלד זענען זיך אַלע בעסערע מענטשן צוזאַמענגעלאָפן, ס׳איז געווען היימלעך. אַלע האָבן געמאַכט מיט די הענט, עפעס געשריגן. דערווייל האָט יאַנקל־זשאַק געכאַפט זיין ווייבל און איז צו צו דער קאַסע באַצאָלן. מען האָט ביי אים פאַרלאַנגט פאַר דעם נישט־פאַרענדיקטן מיטאָג אַן אוצר מיט געלט, אַז ס׳איז אים הייס און קאַלט געוואָרן, די הענט האָבן ביי אים געציטערט, ציילנדיק דאָס געלט...

— און וואָס וואָלט נאָך געווען — האָט ער זיך דערנאָך אָפגערופן צו זיין יאַנקל־זשאַקעטע — ווען מיר עסן די אַלע „דעסערטס”, מיט די לייקערן, מיט די קאַפעס, וואָלטן זיי מיר דאָך צוגענומען די גאַנצע פאַר פראַנק...

ער האָט געכאַפט זיין ווייבל ביי דער האַנט און קוים אַרויס אַ לעבעדיקער.

אַזוי האָט זיך געענדיקט דאָס מיטאָק אין „בעסערן” רעסטאָראַן...

דער „בעסערער” רעסטאָראַן האָט פאַרקירצט יאַנקל־זשאַקס וואַקאַנסן אויף אַ וואָך צייט. אנשטאָט צוויי וואָכן צייט, האָט ער קוים געהאַט געלט אויף אַ וואָך צייט. אָבער די יאַנקל־זשאַקעטע איז צופרידן געווען, אַבי זי האָט אירס דערגרייכט. זי האָט קיינמאָל אין איר לעבן נישט געגעסן אין אַ „בעסערן” רעסטאָראַן און ס׳איז אַלץ ווערט געווען. איבערהויפט איז איר געפעלן געוואָרן, וואָס יאַנקל־זשאַקס הינדל איז געפלויגן דעם אַלטן מאַן אין די אויגן אַריין, ווייל ס׳האָט איר פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געהאַלטן אין איין קושן אַזאַ יונג, שיין מיידל... און דערפאַר איז איר אַלץ ווערט געווען, וואָס ס׳האָט געקאָסט...

יאַנקל־זשאַק פאַרזיכערט זיך...

יאַנקל־זשאַק האָט זיך איינמאָל אין אַן אָוונט פאַרט אָפּגעריסן פון זיין צושנייד־טיש און אַרומגעשפּילט זיך אַביסל מיט זיין קליין טעכ־טערל, אַרומגעטאַנצט מיט איר אין קיך־צימערל; ס׳קליינע, צוויי־יאָריקע נפשל האָט זיך געקאָטשעט פון געלעכטער, ווייל יאַנקל־זשאַק האָט גע־מאַכט אַזעלכע קאָמישע סיגעס און קונצן — דאָ איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ בער, דאָ אין אַ קאַץ, דאָ אין אַ הונט, איז געלאָפן אויף אַלע פיר, אַז דאָס מענטשעלע האָט זיך אַזש פאַרקייכט, און די יאַנקל־זשאַקעטע האָט אויך אַנגעקוואָלן און האָט צוגעגעבן:

— אוי ביסטו, יאַנקל־זשאַק, אַ נאַר, ביסט נאָך נאַרישער ווי דיין טאָכטער...

אין מיטן דערינען האָט דאָס טיר־גלעקל אַ קלונג געטאָן, מיט אַזאַ רעש, ווי גזלנים וואָלטן זיך אַריינגעריסן. אין דער טיר האָט זיך באַוויזן אַ יונגער מענטש, איז אַריין אין שטוב מיט אַ ברייטן „באַנזשור” און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער גלייך אַנגעהויבן צו רעדן:

— גוט מאָרגן, מעסיע יאַנקל־זשאַק! ווי גייט עס אייך מעסיע יאַנקל־זשאַק? אַרבעט מען, מעסיע יאַנקל־זשאַק? ווי איז מיטן געזונט, מעסיע יאַנקל זשאַק? די צייטן זענען שווערע, פאַרשטייט זיך, מעסיע יאַנקל־זשאַק...

יאַנקל־זשאַק איז געשטאַנען אין גרויס פאַרלעגנהייט. דעם מענטשן האָט ער נאָך קיינמאָל אין לעבן פאַר די אויגן נישט געזען, אויף וויפל ער געדענקט. פרעגן אים: ווער ביסטו? ער האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן. דער פרעמדער האָט דערווייל גענומען רעדן צו יאַנקל־זשאַקס קליין טעכטערל, געפרעגט זיך ווי אַלט זי איז; און ווען ער איז געוווּיר געוואָרן, אַז זי איז צוויי יאָר אַלט, האָט ער זיך שטאַרק צעלאַכט און צוגעגעבן, אַז ער האָט אויך אַ קינד אין זעלבן עלטער, די זעלבע נאַכט געבוירן,

אַפילו די זעלבע שעה, טאָקע דעם 8־טן אַפּריל, פיר אַזייגער פאַרטאָג. נאָר זיין קינד איז אַ יינגל; אַזוי, אַז ס׳איז גאַנץ מעגלעך, אַז די צווייי קינדער, ווען זיי וועלן גרויס ווערן, וועלן זיי נאָך אפשר חתונה האָבן אויך. ער האָט געגומען רימען זיין זון, ווי קלוג ער איז, ווי אינטעליר־ גענט ער איז, ווי ס׳וואָלט שוין געהאַלטן ביי פירן די צוויי קינדער צו דער חופה.

ער האָט זיך גאַרנישט געפרעגט, זיך ברייט אָוועקגעזעצט אויף אַ שטול און זיך גענומען אויספרעגן ווי יאַנקל־זשאַק אַרבעט, וויפל ער פאַר־ דינט און צי ער קאָן אויסקומען מיט זיין פאַרדינסט.

ביי יאַנקל־זשאַקן איז באַלד אויפגעגאַנגען אַ פאַרדאַכט, אַז דער מענטש איז נישט אַנדערש ווי אַ געהיים־אַגענט און ער וויל זיכער אַרויס־ באַקומען עפּעס פון אים. דער מענטש פאַראינטערעסירט זיך עפּעס צופיל. אויף זיין פּנים איז געווען אומרו און מיט פאַרדאַכט האָט ער גענומען קוקן אויפן פרעמדן, וואָס איז אַריין אין זיין הויז, אים צעשטערט זיין פרייד. ס׳טעכטערל, וואָס ער האָט געהאַלטן אויף דער שויס, האָט יאַנקל־ זשאַק אַ קוש געטון און איבערגעגעבן עס דער פרוי, זי זאָל עס לייגן שלאָפן. מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס אַ פרעמדן קאָן אַלץ איינ־ פאַלן; אפשר איז ער געקומען אים צורויבן זיין קינד? אפשר האָט ער גאָר אַ רעוואָלווער אין טאַש? און ס׳האָט אים שוין אינגאַנצן באַנג גע־ טון, וואָס ער האָט די טיר פאַר דעם פרעמדן געעפנט. און אַז דער פרעמ־ דער האָט באַמערקט, אַז יאַנקל־זשאַק ווערט אומרואיק, האָט ער זיך ערשט דערמאַנט, אַז ער האָט זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט וועער ער איז, האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך אַנטשולדיקט פאַר זיין נישט־טאַקטישקייט און זיך ערשט איצט פאָרגעשטעלט אַלס רעפּרעזענטאַנט פון דער פירמע „אַסיראַנס דע טראַוואַי״, וואָס עקזיסטירט נאָך פון... פאַר קריסטוסעס געבורט; און געשאַפן געוואָרן איז זי נאָר כדי צו העלפן די אַרבעטער און די אָרעמע מענטשן, ווען עס קומען שווערע צייטן, זיי זאָלן נישט בלייבן אויף הפקר...

אַז יאַנקל־זשאַק האָט עס דערהערט, האָט ער קודם כל לייכטער אָפּ־ געאָטעמט. ער האָט אים אָבער נאָר געוואָלט זאָגן, אַז ער זאָל זיך צופיל נישט מטריח זיין, ווייל פון אַלע יאָרן באַציט זיך יאַנקל־זשאַק סקעפּטיש צו אָט די זאַכן... וואָס הייסט, מען וויל אים, יאַנקל־זשאַקן, גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין, העלפן?... פאַר גאַרנישט העלפן?... דאָ, האָט ער זיך געטראַכט, שטעקט שוין עפּעס אַ קינצעלע דערין... און יאַנקל־זשאַק האָט אים געוואָלט זאָגן, אַז ער דאַנקט אים זייער. אָבער יענעם האָט נישט

אינטערעסירט, וואָס יאַנקל־זשאַק וויל זאָגן. ער אַליין האָט געהאַלטן אין איין רעדן:

— ווי איר זעט, בין איך אייך געקומען העלפן, מען קאָן קיינמאָל נישט וויסן, וואָס עס קען געשען מיט אַ מענטש. קיין עגאָאיסט דאַרף מען נישט זיין... ס'הייסט, עס זענען פאַראַן מענער, וואָס נעמען אין איי־נעם אַ טאָג און שטאַרבן אַוועק... זיי האָבן זיך גאָרנישט אינטערעסירט וועגן זייערע פרויען און קינדער... די פרויען בלייבן אומגליקלעך און די קינדער — יתומים, אָן אַ צוקונפט... און אַזוי ווי עס האָבן זיך געפונען צוויי גוטע מענטשן, וואָס האָבן די שרעקלעכע ליידן נישט געקאָנט צו־זען...

און ווען יאַנקל־זשאַק מאַכט אים אויפמערקזאַם, אַז אַלץ איז גוט, וויל און פיין, נאָר ער האָלט נישט דערפון, אַז מען זאָל אים בחינם באַ־גליקן... האַקט אים יענער איבער:

— אַז ס'קאָסט אייך גאָרנישט!... וועט איר וועלן, וועט איר זיך פאַר־זיכערן, אַז נישט, וועלן מיר בלייבן די זעלבע גוטע פריינט... איר וועט מיר גאָרנישט שולדיק זיין און איך אייך אויך נישט...

באַלד דערנאָך ווענדעט ער זיך צו יאַנקל־זשאַקס ווייבל:

— מאַדאַם, צו אייך מוז איך רעדן, ווייל אייך גייט עס אַמיינסטן אָן, ווייל איך וויל נישט, אַז איר זאָלט בלייבן, ווי אַנדערע פרויען, אָן אַ פראַנק, ווען אייער מאַן וועט זיך פאַרגלוסטן אַ שטאַרב אַוועק צו געבן... שטעלט אייך פאָר, מאַדאַם, אַז אונדזער אַרטיקל זיבן לויטעט: ווען איר צאָלט היינט איין פינף טויזנט פראַנק און אין זיבן טעג אַרום שטאַרבט אייער מאַן אַוועק, קומט איר צו אונדז און מען גיט אייך גלייך זיבן הונדערט טויזנט פראַנק... איר שטעלט זיך פאָר, וואָס פאַראַ גליק, אַז אַ מאַן שטאַרבט אַוועק און מען האָט באַלד אַזאַ סומע געלט?... אין אויסנאַמס־פאַלן צאָלן מיר אייך אויס אין משך פון פיר און צוואַנציק שעה דאָס געלט... דאָס הייסט, אייער מאַן שטאַרבט, לאָמיר זאָגן, די נאַכט אַוועק, וועל איך זיך שוין אינטערעסירן, אַז איר זאָלט גלייך באַקומען אויסגעצאָלט די זיבן הונדערט טויזנט פראַנק... עס זענען פאַראַן פונקטן ווינציקער געפערלעכע; דאָס איז דער פונקט דריי און נייַנציק. ער לוי־טעט: אַז מען שניידט אייער מאַן אָפּ די פיס, ביידע פיס, פאַרשטייט זיך, קאָנט איר אויך באַקומען אַ פינף הונדערט טויזנט פראַנק... ס'זאָל זיך אַזוי נישט טרעפן, ווי ס'טרעפט זיך... ס'פאָרן היינט אַרום אַזוי פיל אויי־טאָס... מען גיט אַ פאַל אַרונטער, איז אויס מיט די פיס... אָדער אונטער אַ שנעל־צוג... ער גיט אייך בלויז אַ „קוש", איז אויס מיט די פיס... און איר, ליבע מאַדאַם, האָט זיך פינף הונדערט טויזנט פראַנק אין טאַש...

דאַן — די ווינציקע געפּערלעכע „אַקצידאַנטן"... אונדזער פּונקט זעקס זאָגט: לאָמיר זאָגן, אַז אייער מאַן ווערט בלינד, אָבער בלינד אויף ביידע אויגן, אַזוי, אַז ער זאָל נישט קאָנען זען די ליכטיקע שיין (ווייל ביי אונדז איז נישטאָ קיין קונצן, מיר האָבן אונדזערס אַ דאָקטאָר, וואָס מוז דאָס פעסטשטעלן, צי אייער מאַן איז טאַקע באמת בלינד...), באַקומט איר אויך דריי הונדערט טויזנט פראַנק... זעט איר שוין, אַז מיר ווילן בלויז אייער גוטס...

יאַנקל־זשאַק האָט זיך דאָס אַלץ צוגעהערט און ס'איז אים נישט גוט געוואָרן. ער איז בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט, האָט זיך געטאַפּט אין דופּק, צי לעבט ער נאָך, זיך באַרירט די אויגן, צי ער האָט זיי נאָך... זיינע פיס... קיינמאָל זענען זיי אים אַזוי טייער נישט געווען, ווי איצט. ער האָט געפּרוווט אַ גיי צו טון איבערן צימער, צי זיי גייען, זיינע פיס...

אָבער דער פאַרטרעטער האָט זיך דערפון קיין גרויסעס נישט געמאַכט און ווייטער פאַרגעזעצט:

— און איצט — דער פּונקט דריי און דרייסיק: אַז מען באַדאַרף, צום ביישפּיל, אייער מאַן אָפּערירן, אָבער נישט גלאַט אַזוי דאַרט אָפּערירן אַ נאַרישן „פּאַנדעסיט", נאָר ערנסטע זאַכן, ווי אַרויסשניידן אַ לונג, אַ שטיק מאָגן, אַ האַלב מויל, אַ צען ריפּן, באַקומט איר אויך אַ דריי הונדערט טויזנט פראַנק. ווי איר זעט, האָט איר אַלע מעגלעכקייטן צו מאַכן אַ געשעפט, אַכיבע איר וועט נישט האָבן קיין מזל — און... ס'וועט אייער מאַן גאָרנישט געשען; וועט איר אויף דער עלטער דאָך באַקומען אַ געוויסע סומע. אָבער אין אַלגעמיין גיט מען אייך אַ שאַנס, אַז איר זאָלט נישט דאַרפן וואַרטן אַזויפיל יאָרן... ס'איז פּונקט ווי מיט דער לאָטעריע — אַז אַ פרוי האָט מזל און דער מאַן שטאַרבט איר אַוועק, אָדער ווערט בלינד, לאָם, אָדער פאַרלירט אַ לונג, באַקומט זי דאָס געלט און מוז נישט וואַרטן ביז אויף דער עלטער. דאָס ווענדט זיך שוין אין די מענער; ווייל עס זענען פאַראַן איינגעשפּאַרטע, וואָס ווילן נישט שטאַרבן. דאָס איז שוין נישט אונדזער שולד... איר פאַרשטייט עס אַליין, מאַדאַם... חוץ דעם זענען פאַראַן אַזויפיל אומגליקן, וואָס קאָנען געשען אייער מאַן, און אויף יעדן אומגליק איז ביי אונדז פאַראַן אַן אַרטיקל... אַ פּונקט, וואָס פאַרזיכערט אייך, אַז איר זאָלט זיך נישט באַדאַרפן שרעקן יעדן טאָג וועגן בידנעם לעבן פון אייער מאַן...

דאַ האָט שוין יאַנקל־זשאַק גענומען לויפן איבערן צימערל. ער האָט שוין אַליין נישט געוווסט, צי ער לעבט, צי ער האָט נאָך אויגן, אַ מאָגן, לונגען, ריפּן. די גאַנצע שטוב האָט זיך שוין איצט געדרייט מיט אים. ער האָט שוין איצט גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן; ווייל נישט צו אים

האָט דער פאַרטרעטער גערעדט, נאָר צו זיין ווייבל, צו דער יאַנקל־זשאַקעטע. דער פאַרטרעטער פון דער פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט האָט אַרויסגעשלעפּט אַ בויגן פּאַפּיר, עפּעס אָנגעפּינטלט, געפרעגט ביי יאַנקל־זשאַקן ווען ער איז געבוירן; און, אַז יאַנקל־זשאַק האָט ווייטער געפרווט האַלטן זיך ביי זיינס, אַז עס אינטערעסירט אים נישט, האָט זיך יענער גוטמוטיק צעלאַכט:

— עס קאָסט דאָך אייך גאָרנישט. וואָס אַרט אייך, אַז איך שרייב? זאָגט מיר נאָר, ליבער הער יאַנקל־זשאַק, ווו זענט איר געבוירן, ווי האָט געהייסן אייער פאָטער און אייער מוטער, ווען איז דאָס מען דאָס געלט אויסצאָלן, ווען איר שטאַרבט, חלילה, אַוועק, אָדער ווען ס׳געשעט אייך אַן אומגליק? אוודאי אייער ליבער פרוי...

דערביי האָט ער צוגעשמייכלט צו יאַנקל־זשאַקס ווייבל, כדי איר צו ווייזן, וואָס פאַראַ טובה ער טוט איר דאָ; און יאַנקל־זשאַקן האָט ער דער־ווייל אונטערגערוקט דאָס אויסגעשריבענע פּאַפּיר, אַז ער זאָל אונטער־חתמענען; און ווען יאַנקל־זשאַק האָט זיך נאָך אַלץ געקווענקלט אונטער־צושרייבן, האָט דער פאַרטרעטער גענומען בעטן זיך ביי אים:

— ס׳איז דאָך נישט פאַר מיר, נאָר פאַר אייער פרוי... ווייל אַזוי עגאָאיסטיש זענט איר דאָך נישט, ליבער הער יאַנקל־זשאַק, צו לאָזן אייער פרוי הפקר אויף דער וועלט, אויסגעשטעלט אויף אַלע אומגליקן...

יאַנקל־זשאַק האָט שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן און האָט אונ־טערגעשריבן. ער האָט נאָך געמוזט צוגעבן אַ פינפער טויזנטער און דער פאַרטרעטער איז באַלד פאַרשווונדן. פאַרן פאַרקלאַפּן די טיר, האָט ער נאָך געבעטן נישט צו פאַרגעסן און יעדע דריי מאָנאַטן איינצוצאָלן פינף טויזנט פראַנק...

און איצט... איצט וייס שוין יאַנקל־זשאַק אַליין נישט, צי זיין ווייבל וויל טאַקע באמת נישט, אַז ער זאָל אַ ליאַדע טאָג בלינד ווערן, לאָם ווערן, מען זאָל אים נישט דאַרפן אויסשניידן אַ לונג, אַ שטיק מאָגן, אַ פּאָר ריפּן... ווייל מיינט נישט, ס׳איז נישט קיין קלייניקייט — זיבן הונ־דערט טויזנט פראַנק גייט נישט צופוס... און — ביז אויף דער עלטער איז דאָך נאָך אַזוי לאַנג צו וואַרטן...

יאַנקל־זשאַק
איז נישט מיט אַלעמען...

יאַנקל־זשאַק איז זיכער, אַז ער האָט אַ ראַק; כאָטש ער האָט נישט שטודירט קיין מעדיצין, ווייסט ער גענוי די סימפּטאָמען פון דער קראַנקהייט. אַז אַ מענטש איז קראַנק, ווייסט ער דאָך וואָס עס טוט אים וויי! טאָ גיי רעד מיט די דאָקטוירים, אַז זיי פאַרשטייען אַ קרענק, אַז זיי ווייסן נישט פון זייערע הענט און פיס צו זאָגן. זיי זענען נאָר דאָ צו נעמען געלט און צום סוף אייך אָוועקצושיקן מיט אייער נישט־אָנערקענטן ראַק און — פאַרטיק. און טאָמער מיינט איר, אַז איינער איז בעסער פון אַנדערן, האָט איר אַ טעות. זיי האָבן זיך אַלע אויסגעלערנט איין פּזמון: „לויט מיין פעסטגעשטעלטן דיאַגנאָז קען מען דערווייל גאָרנישט פעסטשטעלן, אַז איר זאָלט האָבן אַ פעסטגעשטעלטן ראַק”... גיי, טו זיי עפּעס, אַז דאָס זענען בלינדע מענטשן, זיי זעען גאָרנישט.

צו דעם זאָגט מען נאָך אין דער וועלט, אַז די פּראַנצויזישע דאָקטוירים זענען נישט קיין שלעכטע דאָקטוירים; טאָ ווי קומט אַזאַ אומוויסנקייט פון זייער זייט? איך פרעג אייך: וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט יאַנקל־זשאַק צו האָבן אַ ראַק? וואָס, עס מאַכט אַ שיינעם נאָמען? ס'גיט צו מער כבוד? און דאָס פּרווּט דאָך יאַנקל־זשאַק צו געבן צו פאַרשטיין זיינע דאָקטוירים. ער האָט אַ פרוי מיט קינדער... ער האָט אַן אַטעליע, וואָס באַדאַרף אים...

אָבער וואָס עס פאַרדריסט יאַנקל־זשאַקן אַמערסטן, איז דאָס, וואָס די חברה ווילן נישט זאָגן דעם אמת. ווי מאַטערט מען עס אַזוי אַ מענטש? יעדעס מאָל מוז מען זיך אויסטאָן, אַריינגיין אין אַ פינצטער צימער, וווּ מען שטעלט אייך אַוועק הינטער עפּעס אַ שוואַרצער פּלאַכטע און מען הייסט אייך אָטעמען, נאָר אָטעמען... אַריינאָטעמען, אַרויסאָטע־

מען... און דערווייל שלינגט מען איין מיליאָנען מיקראָבן. זיי, די דאָק־טוירים, פאַרגעסן גאָר, אַז די לופט איז פול מיט מיקראָבן...

זיי מיינען, די נאַראָנים, אַז ער, דער ראַק, הייסט עס, איז עפּעס דאָרט אַ יאַלד, ער וועט זיך לאָזן כאַפּן. זיי ווייסן נישט, אַז דאָס איז אַ פּיפּיקער חברהמאַן און אַזוי ווי יאַנקל־זשאַק קומט צו אַ דאָקטער, פאַר־באַהאַלט ער זיך און גיי זוך אים און שיט אים זאַלץ אויפן עק...

אָבער געוואַלד געשריגן, אויף דעם זענען זיי דאָך דאָקטוירים, אַז זיי זאָלן אים כאַפּן ביי דער האַנט, איבערהויפּט ווען ער שפּאַצירט זיך אַרום איבערן גאַנצן קערפּער, ווי ביי זיך אין ווייגאָרטן. אַמאָל איז ער אין די פּיס, אַמאָל אין די הענט, אַמאָל אין די פּלייצעס, אין די זייטן און ווו נישט ? אפילו אין דער נאָז לייגט ער זיך טיילמאָל אריין און לאָזט נישט אָטעמען. און יאַנקל־זשאַק יאָגט זיך נאָך אים אַרום, ווי אַ קאַץ נאָך אַ מויז, נאָר דער חברה־מאַן לאָזט זיך נישט כאַפּן.

נו, אַז יאַנקל־זשאַק האָט געזען מיט ווּעמען ער האָט דאָ צו טאָן, האָט ער באַשלאָסן צו גיין צום גרעסטן פּראָפעסאָר; און איר מיינט, אַז עס איז געווען אזוי לייכט אַנצוקומען צו אים ? מען מוז מאַכן אַ ראַנ־דעווו און מען מוז ווארטן פינף חדשים און דערווייל דרייט זיך דער ראַק ארום אין אייך, ווי א דיבוק. נאָר וואָס קען מען זיך העלפן, אַז מען מוז וואַרטן, וואַרט מען. פינף חדשים איז טאַקע זייער לאַנג, אָבער זיי גייען אויך פאַרביי. און אז ס'איז געקומען דער גליקלעכער טאָג, איז יאַנקל־זשאַק אוועקגעגאַנגען אַ געוואַשענער פון קאָפּ ביז פיס און ער איז גע־ווען זיכער, אז איצט וועט נעמען א סוף צו זיינע ליידן. ווען ער האָט דערזען דעם גרויסן פּראָפעסאָר, איז ער אים זייער געפעלן. אַ סימפּאַ־טישער מענטש, דער פּראָפעסאָר. ער האָט יאַנקל־זשאַקן אַנגענומען ביי דער האַנט און אים זייער העפלעך געהייסן אוועקזעצן זיך אין אַ גרויסן לעדערנעם פאָטעל און צו אים גערעדט, ווי אַ טאַטע. דער פּראָפעסאָר האָט זיך גוט צוגעהערט צו יעדן וואָרט, וואָס יאַנקל־זשאַק האָט אים דערציילט, און דאַן אים געגעבן אַ לעקציע מעדיצין. ערשט דערנאָך האָט ער אים געהייסן זיך אויסטאָן און האָט זיך גענומען צו דער שווארצער ארבעט. ער האָט יאַנקל־זשאַקן געקוועטשט אין בויך, געקנייפּט, גע־קלאַפּט מיט א גומענעם האמער אין די קניען און ווידער אים געהייסן הויך אָטעמען און שטיל אָטעמען און נאָך אַמאָל אָטעמען; ארונטערגע־פירט אים היבטער א פלאַכטע, אויסגעלאָשן דאָס ליכט, אים געזעצט ביי פאַרשידענע אַפּאַראַטן, אים אַריינגעלויכטן אין די אויגן, אַריינגעקוקט אין די אויערן און צום סוף זיך אַוועקגעזעצט ביי א גרויסן שרייב־טיש, געקלאַפּט מיט די פינגער אין טיש אריין און יאַנקל־זשאַק האָט באמערקט,

אַז עפּעס האָט זיך אַזאַ מין שמייכעלע אויסגעלייגט אויף דעם פּראָפעסאָרס פּנים, בעת ער האָט געשריבן. דאָס שמייכעלע האָט קיין גוטס נישט אָנ־געזאָגט... ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרשריבן א גאַנץ בלעטל, האָט זיך דער פּראָפעסאָר אויפגעשטעלט און פאַרלאַנגט ביי יאַנקל־זשקן זיבן טויזנט פראַנק. נו, האָט יאַנקל־זשאַק געטראַכט, זיבן טויזנט פראַנק איז אַ ביסל צו טייער פאַר אַ שעה אַרבעט... נאָר מסתמא איז ער ווערט.

— זייט אַזוי גוט, הער פּראָפעסאָר — רופט זיך אָפּ יאַנקל־זשאַק, אויסצאָלנדיק אים די ממתקים — האָט איר כאָטש געפונען דעם ראַק ? ס'קאָסט מיך אַזוי טייער, טאָ זאָל איך כאָטש עפּעס האָבן פאַרן געלט...

און וואָס, מיינט איר, האָט דער גרויסער פּראָפעסאָר געענטפערט ?

— יונגערמאַן, איר האָט נישט קיין ראַק, טאָ ווי אַזוי ווילט איר, אַז איך זאָל אים אייך געפינען ?

און ער האָט אים אָנגעהויבן געבן צו פאַרשטיין, אַז א ראַק איז אַ שרעקלעכע זאַך און אַז מען באַדאַרף זיך גאָרנישט אַזוי צו יאָגן נאָך אים...

האָט עס יאַנקל־זשאַקן שוין אביסל פאַרדראָסן. טאָ מיט וואָס איז ער בעסער פון די אַנדערע דאָקטוירים און צוליב וואָס הייסט ער זיך געבן זיבן טויזנט פראַנק פאַר א וויזיט ? וואָס הייסט, יאַנקל־זשאַקן גייט ער דערציילט מעשיות ? ער פילט אים, ער טאַפּט אים אָן מיט די הענט. ווייל וואָלט עס נישט געווען קיין ראַק, וואָלט ער דאָך נישט גע־האַט קיין קאָפּ־ווייטיק, ווען ער שלאָפט צו לאַנג, און נישט געהאַט קיין מאָגן־ווייטיק, ווען ער עסט צו־פעטע זאַכן, און דער האַלדז וואָלט אים נישט וויי געטון ביים אויסרויכערן צוויי פּעקלעך „גאַלואַז" אַ טאָג, און דאָס האַרץ וואָלט אים נישט געקלאַפּט, ווען ער גייט אַרויף די זיבן שטאָק שטיגן, און עס וואָלט אים נישט געשווינדלט פאַר די אויגן, ווען ער לייענט ביז אַרום צוויי ביינאַכט !...

און דאָס ערגסטע, וואָס יאַנקל־זשאַקן פאַרדריסט, איז וואָס זיין אייגן ווייבל האַלט נאָך מיט די נאַכאַלניקעס, וואָס נעמען ביי אים צו געלט פאַר גאָרנישט...

יאנקל-זישאק

האט זיך ארויפגעארבעט

יאַנקל־זשאַק
ווערט א פאַבריקאַנטל...

יאַנקל־זשאַק האָט געאַרבעט אין דער היים, געגאַנגען זוכן מיטן שוואַרצן טוך צום פאַטראָן אַרבעט און אָפּגעטראָגן די פּעקלעך, די פּאָר שטיקלעך אַרבעט. און געאַרבעט האָט יאַנקל־זשאַק פאַר אַ גרויס „הויז". די טיר האָט דאָרט נישט געררוט. אין די ביוראָס האָבן געהאַלטן אין איין קלאַפּן אַ גאַנצן טאָג די שרייב־מאַשינדלעך, ווי זיי וואָלטן געשפּילט אויף אַ פּיאַנאָ.

אַז יאַנקל־זשאַק האָט זיך אַרומגעקוקט, איז אים געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק אין קאָפּ אַריין: פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען מאַכן די זעלבע קונץ? איך מאַך דאָך די אַרבעט, נישט מיין פאַטראָן. ער איז אַפּילו נישט קיין שניידער, מיין פאַטראָן, און קוקט אויף דער אַרבעט, ווי אַ האָן אין בני אדם. דאַקעגן איך, יאַנקל־זשאַק, קאָן די גאַנצע תורה, וועט דאָך מיר זיין לייכטער.

געזאָגט און געטאָן. אַזוי ווי ער איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיין ווייבל געגומען דערקלערן זיין גאַנצן פּלאַן:

— שטעל זיך פאָר, מיין ליבע יאַנקל־זשאַקעטע, אַז ס'איז מיר איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק!

זיין ווייבל האָט אויף אים געקוקט מיט דערשטוינונג און מיט אומצוטרוי; אָבער יאַנקל־זשאַק איז געווען אין זיבעטן הימל:

— פאַרוואָס זאָל איך מוזן דאָס גאַנצע לעבן זיין אַן אַרבעטער, שלעפּן פּעק אויף די פּלייצעס פאַר דעם „גראָבן בויך"? פאַרוואָס זאָל איך נישט קאָנען מאַכן די זעלבע קונץ? איך בין דאָך פון פאַך. איך וועל ווערן אַ פאַטראָן און דו, מיין ליבע יאַנקל־זשאַקעטע, אַ פאַטראָנקע, פאַרוואָס נישט? ס'קומט אונדז נישט?

— און געלט? — האָט די יאַנקל־זשאַקעטע געפרעגט — מען באַדאַרף דאָך האָבן געלט!

— צוביסלעך... מיר וועלן שטייגן... מיט געלט — וואָלט דאָך נישט געוועזן קיין קונץ... אָן געלט, זעסטו, דאָס איז די קונץ... מיר האָבן ביי אַ הונדערט פופציק טויזנט פראַנק, קויפן מיר פאַר דעם געלט סחורה, מיר מאַכן מאַנטלען, „טאַיערן" און מיר פאַרקויפן זיי... און פון די הונדערט און פופציק טויזנט ווערט צוויי הונדערט און פופציק טויזנט... דאַן נעמען מיר די צוויי הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק, מיר קויפן ווייטער סחורה, מיר אַרבעטן אויס, מיר פאַרקויפן ווייטער און מיר נעמען איין אַ פיר הונדערט טויזנט פראַנק... מיר אַרבעטן עס ווייטער אויס און מיר נעמען איין אַ קנאַפּן מיליאָן... און אַז מען האָט אַ מיליאָן, מיין ליב ווייבל, מיין טייערע יאַנקל־זשאַקעטע, רעכנט מען זיך שוין מיט דיר... מען ווערט שוין בעסערע מענטשן... מען איז שוין אַ פאַבריקאַנטל... מיר וועלן האָבן אַ סך אַרבעטער און דו וועסט זיין די פאַטראָנקע...

— און ווער וועט גיין פאַרקויפן די אַרבעט, יאַנקל־זשאַק? — האָט זי געפרעגט, ווי זי וואָלט געפילט, אַז מען גייט דאָ אַרויפלייגן אַ שווערע מאַסע אויף אירע שוואַכע אַקסלען.

— ביסט אַ פראַנצוזקע, קאָנסט רעכענען און שרייבן, קאָנסט רעדן צו מענטשן — וועסטו זיך געבן אָן אייל צו, וועסט געבן אַ פאַרקויף די פאָר שטיקלעך און דאַן וועסטו זיך אָפּרוען...

— און די קינדער? ווער וועט זיך מיט זיי פאַרנעמען, יאַנקל־זשאַק?

— בלויז אַ קורצע צייט... און דאַן וועלן מיר צונעמען אַ פּאָר דינסטן, מיר וועלן האָבן געלט, און דו וועסט לעבן ווי אַ פּרינצעסין. וועסט בלויז פאַרקויפן די פּאָר שטיקלעך אַרבעט און דאַן וועסטו דיר גיין שפּאַצירן אין פּאַרק, זיך שפּילן מיט די מאַלפּעס, מיט די וועלף און לייבן און אַפילו מיטן גרויסן העלפאַנט... דו פאַרשטייסט, מיר וועלן דאָך זיין רייך, וואָס אַ יאָר ווייטער, אַלץ רייכער וועלן מיר ווערן. און ווען מיר וועלן שוין זיין גענוג רייך, וועלן מיר זיך קויפן אַ „שאַטאָ". די קינדער וועלן מיר שנעל חתונה מאַכן און מיר ביידע וועלן זיך אַריינזעצן אין „שאַטאָ" און לעבן ווי די טייבעלעך...

די יאַנקל־זשאַקעטע האָט עפּעס מורא געהאַט פאַר דעם גאַנצן פּלאַן, אָבער העלפן האָט זי זיך נישט געקאָנט.

צומאָרגנס האָט מען זיך אָנגעטאָן יום־טובדיק און מען האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו די סוחרים קויפן סחורה. מען האָט געזוכט אין אַלע געשעפטן, מען האָט זיך באַראַטן, מען האָט זיך אַפילו שיר נישט צעקריגט, ווייל וואָס עס איז געפעלן די יאַנקל־זשאַקעטע, איז נישט גע־

פעלן געוואָרן יאַנקל־זשאַקן. ביז מען איז געוואָרן איינשטימיק, אַדורכ־געקומען און יאַנקל־זשאַק האָט אַהיימגעבראַכט אַ פעקל אויף דער פלייצע, אָבער שוין נישט אין קיין שוואַרץ טוך; און אויסגעגעבן האָט מען די גאַנצע פּאָר פראַנק, מען האָט גאָר פאַרגעסן, אַז מען דאַרף צו לעבן אויך. און נאָך אַ זאַך האָט מען פאַרגעסן: אַז צו אַ מאַנטל און אַ „טאַיער" באַדאַרף מען האָבן לייוונט, קישעלעך, קנעפּ און אַפילו פאָדעם אויך. טאָ וואָס טוט מען, אַז מען האָט שוין נישט קיין געלט? איז דאָך זייער ביטער... האָט די יאַנקל־זשאַקעטע געפונען אַן אויסוועג: זי האָט זיך צעוויינט. אָבער יאַנקל־זשאַק האָט געטראַכט און געטראַכט און זיך דערטראַכט, אַז אַזוי ווי ער האָט אַ פּאָר גוטע פריינט, וועט ער גיין זיך באָרגן ביי זיי און גלייך ווי ער וועט פאַרקויפן זיינע אויסגעאַרבעטע סחורה, וועט ער זיי גלייך אָפּגעבן.

און ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט צו זיינע פריינט. יאַנקל־זשאַק איז געלאָפן איבער שטיגן און שטאָקן, געקלונגען אין טיר־גלעקלעך און אומעטום האָט מען אים אויפגענומען מיט אַ שמייכל.

— אַ מעסיע יאַנקל־זשאַק, ווי גייט עס? וואָס מאַכט אייער פרוי? וואָס מאַכן אייערע קינדער? זעבען זיי געזונט? אַך, ווי עס מאַכט אונדז פאַרגעניגן אייך צו זען... וואָס איז, יאַנקל־זשאַק, איר זעט עפּעס אויס פאַרקלערט. וואָס איז געשען?

אָבער יאַנקל־זשאַק איז געזעסן, ס'איז אים אומעגלעך געווען אַרויס־צוברענגען אַ וואָרט. נאָר אַז מען האָט אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי און קיכעלעך, האָט ער דאָך באַקומען מוט... ער האָט אָנגעהויבן צו דערקלערן, וואָס ער מיינט מיט זיין וויזיט, אַז עס איז אים נאָך נויטיק אַ פּאָר פראַנק אויף אַ קורצער צייט און גלייך ווי ער וועט פאַרקויפן זיינע פאַרטיקע זאַכן, וועט ער צוריקברענגען די פּאָר פראַנק. האָבן זיך די פנימער פון זיינע פריינט פאַרפינצטערט, אַז עס איז באמת אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געקומען נעכטן, ווייל זיי האָבן דאָס געלט אַוועקגעגעבן אין דער באַנק אַריין, צו צאָלן וועקסלען, און אַז די געשעפטן גייען שלעכט און אַז עס טוט זיי באמת ווייל, נישט צו קאָנען מאַכן אַזאַ קליינעם „סערוויז" אַ גוטן פריינט... אַך ווי עס טוט זיי וויי, אָבער זיי קאָנען זיך גאָרנישט העלפן...

איז יאַנקל־זשאַק געלאָפן צו אַנדערע גוטע פריינט, ווידער געלאָפן איבער שטיגן און שטאָקן, געקלונגען אין טיר־גלעקלעך און אומעטום האָט מען זיך געפרייט מיט אים... מען האָט אים סערווירט טיי מיט קי־כעלעך און אַפילו אַ גלעזעלע ליקער אויך, נאָר קיין געלט האָט מען פונקט נישט געהאַט... אַז ס'איז באמת אַ שאָד, וואָס ער איז נישט געקו־

מען נעכטן, ווייל זיי האָבן דאָס געלט אַריינגעלייגט אין דער באַנק אַריין צו צאָלן די וועקסלען... מיט איין וואָרט, עס קאָסט זיי געזונט און לעבן די זאַך...

אַנדערע גוטע פריינט זענען פונקט געהאַט אָוועקגעפאָרן און זייערע פרויען האָבן זיך פאַרענטפערט:

— ווען מיין מאַקס וואָלט דאָ געווען, ווייסט איר דאָך, ליבער יאַנקל־זשאַק, אַז ער וואָלט אייך גלייך געבאָרגט... אָך, ווען איר קומט נעכטן, וואָלט אַלץ גוט געווען...

יאַנקל־זשאַק האָט שיר נישט פאַרלוירן די פיס. אַ שווייס האָט זיך אים אַרויסגעזעצט אויפן גאַנצן קערפּער. אַהיים צו גיין האָט זיך אים נישט געגלוסט, ווייל וואָס וועט די יאַנקל־זשאַקעטע זאָגן? פון גרויס פאַר־צווייפלונג איז ער אַריינגעפאַלן צו אַ פאַך־קאָלעגע, אַ „פּאַסאַניער", און האָט אים דאָרט אויסדערציילט אַלע זיינע צרות... נו האָט זיך עס יענער צעבייזערט און אָנגעשריגן אויף יאַנקל־זשאַקן, ווי אַ רבי שרייט אָן אויף אַ חדר־יינגל:

— גאַנץ גוט אויף דיר, נאַרישער יאַנקל־זשאַק! ס'האָט דיר נישט געפּאַסט צו קומען צו מיר, צו די „בעסערע" מענטשן ביסטו געלאָפן, טאָ כאַפּט דיך דער טייוול... וויפל דאַרפסטו, יאַנקל־זשאַק?

און דער הויכער בערל איז אויפגעשטאַנען פון דער מאַשין, צוגעע־גאַנגען צו יאַנקל־זשאַקן, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אים אַריינ־געשטופּט עפּעס אַ פּאַק איינגעוויקלטע טויזנטער פראַנקן. יאַנקל־זשאַק איז אויפגעשטאַנען, נישט געוואָגט מער צו קוקן זיין פאַך־קאָלעגע אין די אויגן אַריין און איז אַנטלאָפן ווי אַ גנבֿ פון שטוב אַרויס...

צומאָרגנס האָט מען זיך גענומען צו פאַבריצירן. מ'האָט געקויפט אַ פּאָר מעטער לייוונט, אַ פּופּציק פּאָר קישעלעך, אַביסל קנעפּלעך, אַ פּאָר רולקעס פאָדעם און די אַטעליע האָט זיך געלאָזט אין גאַנג... יאַנקל־זשאַק האָט פּאַמעלעך געשניטן, ס'זאָל אַמאָל נישט אַריינגיין קיין צענ־טימעטער שטאָף מער, ווייל ער אַרבעט דאָך עפּעס פאַר זיך אַליין... און געאַרבעט האָט מען ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווייל וואָס פריער מען וועט פאַרטיק מאַכן, אַלץ פריער וועט מען פאַרקויפן; און וואָס פריער מען וועט פאַרקויפן, אַלץ פריער וועט מען האָבן געלט.

אַז די פּאָר שטיקלעך זענען פאַרטיק געוואָרן, האָט מען זיך גענומען מאַכן די פּרייזן. דאָ האָט זיך אונדזער פאַר־פאָלק אָוועקגעזעצט ביים שנייד־טיש מיט בלייפעדערס אין די הענט, יעדער מיט אַ בויגן פּאַפּיר אין האַנט, און מען האָט געשריבן ציפערן, מ'האָט גערעכנט, מ'האָט זיך געקריגט; ווייל יאַנקל־זשאַק האָט געשטעלט צו הויכע פּרייזן און די

יאַנקל־זשאַקעטע איז נישט געווען מסכים, ווייל זי באַדאַרף זיי גיין פּאַר־קויפן און נישט ער. האָט מען זיך געקריגט אַ טאָג צייט, ביז מ׳איז גע־קומען צו אַ הסכם און די יאַנקל־זשאַקעטע האָט זיך געלאָזט אין וועג אריין...

אַ גאַנצן טאָג איז זי געלאָפן, אין איין געשעפט אַריין, פון אַ צווייט גע־שעפט אַרויס, אַז ס׳איז איר פּאַרמיאוסט געוואָרן ס׳לעבן...

דעם ערשטן טאָג איז די יאַנקל־זשאַקעטע אַהיימגעקומען מיט אַ גע־וויין, אַז זי וועט עס נישט אויסהאַלטן, אַז מען באַהאַנדלט זי ווי אַ שנאָ־רער, וואָס קומט בעטן אַ נדבה, אַז עס איז נישט פּאַר אירעטוועגן. אָבער צומאָרגנס האָט זי ווייטער געכאַפּט דאָס וואַליזקעלע און איז ווייטער געלאָפן. און גאָט האָט געהאָלפן, זי איז אַהיימגעקומען אַ פריילעכע, זי האָט פּאַרקויפט די פּאָר שטיקלעך, נאָר קיין געלט האָט מען איר נישט גלייך געגעבן, נאָר עפּעס אַ וועקסל; און ווי קאָן מען עפּעס עסן אַ וועקסל? — גיי קויף פּוטער פּאַר אַ וועקסל, גיי קויף זאַלץ, גיי קויפן קאַרטאָפּליעס פּאַר אַ וועקסל. און אַזוי ווי מען האָט נישט געוווסט וואָס צו טאָן, האָט מען זיך דערווייל געוועֶרטלט:

— דאָס האָסטו, יאַנקל־זשאַק, אַזוי געוואָלט... דו האָסט אויסגעפּוּר־בען, אַז איך האָב נישט גענוג אַרבעט מיט מיינע קינדער, האָסטו מיר אויסגעזוכט אַ באַשעפטיקונג... „שאַטאָס״ האָסטו מיר צוגעזאָגט און צרות גיסטו מיר... כ׳האָב אָבער באַלד מורא געהאַט פּאַר דיין פּאַבריקאַציע...

יאַנקל־זשאַק האָט זיך געבעטן ביי זיין ווייבל ווי אַ קליין קינד:

— האָב געדולד אַ יאָר צייט. אין איין טאָג קאָן מען דאָך נישט מאַכן קיין פּאַרמעגן. וועסט זען, ביסלעכווייז וועט מען זיך שוין אַרויסדרייען און מיר וועלן זיין פּאַבריקאַנטן ווי אַלע... וועסט מיך קושן דערפּאַר...

די יאַנקל־זשאַקעטע האָט זיך געלאָזט צורעדן און מ׳האָט אויסגעהאַלטן. דאָס ווייבל איז שטענדיק געווען אין גאַס און די קינדער האָבן אין שטוב געוויינט. זיי זענען געקומען פון דער שול און נישט געטראָפן דער מאַמען. האָט זיי יאַנקל־זשאַק געטרייסט, אַז אין גיכן וועט מען רייך ווערן און מען וועט זיצן אין אַ „שאַטאָ״... און די מאַמע וועט זיין שטענדיק אינדער־היים, זיך שפּילן מיט אייך.

ס׳איז אַוועק אַ יאָר מיט קריגערייען און טרערן. די ערגסטע קריגע־רייען זענען געווען, ווען די יאַנקל־זשאַקעטע איז אַהיימגעקומען און זיך געקלאָגט, אַז די אַרבעט איז נישט גוט געמאַכט, אַז די קליענטן זענען נישט צופרידן, אַז די אַרבל ליגן נישט גוט, אַז די „דובלעס״ ציען און אַז די „רעווערן״ זענען נישט גלייך... דאָס האָט יאַנקל־זשאַקן זייער באַ־ליידיקט.

— וואָס הייסט, דו וועסט מיך אפשר גיין לערנען שניידעריי! איך קען מיין פאַך!

— טאָ גיי דו פאַרקויפן דיין סחורה!

דאָ האָט זי אים אַריינגעטראָפן גלייך אין דער לעבער; ווייל זי ווייס, אַז ער טויג זיך נישט אויס צום פאַרקויפן, ווייל זי ווייס, אַז ער קאָן נישט רעדן צו קיין קליענטן. און אַזוי ווי ער האָט נישט געוואָלט אַראָפּ־שלינגען אַזאַ שווערן ביסן, האָט ער געמאַכט אַ קאָנטער־אָפּענסיווע:

— ווער בעט דיך גיין פאַרקויפן? וועסט באַלד אפשר אויך זאָגן, אַז דו גיסט מיר די גאַנצע פרנסה!...

אָבער אַז דער שטורעם איז פאַרביי, דער הימל האָט זיך אַביסל אויס־געלייטערט, האָט מען ווייטער געהאָרעוועט ביז שפּעט אין דער נאַכט און צו ענדע יאָר האָט מען געמאַכט דעם „בילאַן" און ס'האָט זיך אַרויס־געשטעלט, אַז מען האָט אַ גרויסן „שותף", וואָס טוט גאָרנישט און עסט אויף אַלץ... דאָס איז די רעגירונג... די שטייערן... דער פּערסעפּטער... מען האָט געגעסן, מען האָט אַ ביסל איבערגעבליבענע סחורה און אַ ביסל פּאַרטיקע זאַכן הענגען און קיין איין פראַנק נישט אין טאַש. פאַרקערט, מען דאַרף זיך נאָך ברעכן דעם קאָפּ ווי אַזוי צו צאָלן די וועקסלען, די שטייערן...

זענען זיי געזעסן גאַנצע טעג און געטראַכט, וואָס מען טוט. אָוועק־וואַרפן, ווערן אויס פאַבריקאַנט, וועלן אַלע מענטשן לאַכן; זיי וועלן זאָגן, אַז יאַנקל־זשאַק איז נישט קיין לייט. ווייטער פאַרזעצן, איז אויך נישט לייכט. מען האָט געפרעגט עצות ביי גוטע פריינט: וואָס טוט מען?

דערווייל האָט זיך אין שטאָט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז יאַנקל־זשאַק איז אַ גביר, אַ מיליאָנער און מען האָט אים געשאַצט — איינער אויף צוויי מיליאָן, אַן אַנדערער אויף צוואַנציק מיליאָן; מען האָט אָנגעהויבן קומען צו אים נאָך באַשטייערונגען און נדבות... און ווען ער האָט נישט געגעבן וויפל מען האָט פון אים פאַרלאַנגט, האָט מען זיך געבייזערט און אים גערופן: קאַרגער, קמצן... מען האָט אים געקלאַפּט אין די פּלייצעס:

— יאַנקל־זשאַק, האָסט זיך געזונט געמאַכט... דו ביסט אין אָרדע־נונג... מיין נישט, אַז איך בין „זשאַלו"... איך ווינטש דיר אַלדאָס גוטס... נאָר מיין נישט, אַז מען באַקומט די פאַר גראַצערס... דאַרף מען שוין ווערן אַ חזיר?...

יאַנקל־זשאַק האָט געוואָלט קומען צום וואָרט. אַפילו אין זיין אייגע־נער אַטעליע, ווו עס איז נאָר געשטאַנען בלויז אַ פּרעסער און צוויי „הענט", נייערינס — ווייל ביי דער מאַשין איז נאָך אַלץ יאַנקל־זשאַק אַליין גע־זעסן, געלאָפן פון דער מאַשין צום שנייד־טיש, פון שנייד־טיש צו דער מאַ־

שין — האָט מען אים אויך נישט געוואָלט גלויבן, אַז ער איז נישט קיין מיליאָנער, אַז די מיליאָנען וואַלגערן זיך נישט אַרום ביי אים אונטערן בעט... און ווען ער האָט זיך פֿאַרטרויט פֿאַר זיינע אַרבעטער, אַז ער האָט מער זאָרגן ווי פֿאַרדינסטן און אַז דער איינציקער, וואָס פֿאַרדינט דאָ, איז די רעגירונג, האָבן די אַרבעטער איראָניש געשמייכלט... און דאָס האָט יאַנקל־זשאַקן מער ווי אַלץ וויי געטאָן, איז שטום געבליבן, נאָר איין זיך האָט ער געטראַכט: האָסט עס אַליין געוואָלט, האָסטו עס... און ס'בעסטע איז צו שווייגן... אַבי יאַנקל־זשאַק איז אַ פֿאַבריקאַנטל... אָפּלייקענען עס איז שווער. קיינער וועט עס אים נישט גלויבן. אַפֿילו ווען ער וועט שווערן איבער טאַטע־מאַמע, וועט מען עס אים אויך נישט גלויבן...

דאָס געשעפט גייט נישט...

ווער ס׳איז ווען מקנא, וואָס ער האָט אַ געשעפטל, זאָל מיר נאָר אַליין געשטראָפט ווערן מיט אַ געשעפטל... כ׳זאָג אייך, מענטשן, אַז די, וואָס האָבן נישט קיין געשעפטל, ווייסן גאָרנישט, וואָס עס איז. אָט האָב איך, יאַנקל־זשאַק, אַ געשעפטל... ס׳הייסט, נישט איך האָב דאָס געשעפטל, נאָר ס׳געשעפטל האָט מיך. צי עס גייט יאָ, צי עס גייט נישט, מוזט איר עס אָפּהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ, אַנישט איז אויס, די קליענטן גייען אַוועק פון אייך. ניין אַזייגער אינדערפרי — צו דער אַרבעט, און קיין אַרבעט פעלט נישט. איר מוזט אויפשליסן די סטאָרן, אויפמאַכן די וויטרינען, זאָגן „באָנזשור" אַ פּאָר באַקאַנטע, וואָס גייען פאַרביי. הענגט אַ מאַנטל אין דער לינקער זייט, הענג איך אים ווידער איבער אין דער רעכטער זייט; אַזוי, אַז קיין אַרבעט פעלט נישט. און דאַן — דאָס וואַרטן אויף די קונים. זעסט פאַרבייגיין אַזויפיל פרויען, זיי קוקן אַריין צו דיר און ווילן נישט אַריינשטעלן זייערע שיינע פיסלעך. גייט דאָס האַרץ אויס שיר פון בענקשאַפט נאָך אַ פרוי. נאָך אַ מיידל, וואָס זאָל אַריינקומען, שמייכלען מיט אירע אלאבאסטער־ציין, (וואָס דער דענטיסט האָט זיי איר ערשט יענע וואָך אַריינגעזעצט), זאָל קויפן אַ מאַנטל, אַ בלוזקעלע, אַ פּאָר פעלערהאַפטע זאָקן. אָבער אַזוי ווי די ווייבלעך און מיידלעך ווייסן אַוודאי נישט ווי איך בענק נאָך זיי, אַז זיי זאָלן מיר אַרויסגעבן די פּאָר פראַנק, וואָס זיי האָבן אין זייערע טייסטערלעך, קומען זיי נישט אַריין און איך האָב צייט צו טראַכטן. איך טראַכט, אַז די מאַראָקאַנער זענען שלעכטע מענטשן, די פראַנצויזישע קאָלאָניאַליסטן גיבן זיי אַזוי פיל גוטע זאַכן... קולטור... הונגער... שפּיטעלער... אַרבעטסלאָזיקייט... פּאַשאַס און סולטאַנען... ווילט איר נישט דעם סולטאַן, ווען מיר אייך געבן אַ צווייטן... אַבי לאָזט אונדז צורו...

דאַן טראַכט איך וועגן דעם, וואָס פּאָר אַ וועטער ס׳וועט היינט זיין,

צי ס'וועט בלאָזן אַ מזרח־ווינט, אָדער אַ מערב־ווינט, צי ס'וועט רעגע־נען, ווייל איך פאַרקויף אויך רעגנמאַנטלען... איך טראַכט, אַז עפּעס הייגט אינדערפרי האָט מיין ווייבל צו מיר אַ קרומען שמייכל געגעבן און ס'וואָלט גוט געווען, ווען מיר גטן זיך... און קוים מיינט איר, אַז איך וויל זיך גטן ווייל איך האָב אין זינען אַנדערע געשעפטן... כ'מיין, אַנדערע ווייבלעך, אָדער מיידלעך? האָט איר אַ טעות; ווייל איך האָב ליב מיין ווייבל ס'לעבן. ווען כ'וועל זיין געגט, וועל איך דווקא צוריק חתונה האָבן מיט מיין ווייבל און נישט מיט קיין אַנדערע... ווי מיינס אַ שידלאָווצער לאַנדסמאַן, אַ זייער קלוגער מענטש, האָט זיך געגט זיבן מאָל מיט זיין ווייב און זיבן מאָל מיט איר צוריק חתונה געהאַט; און נאָך יעדעס מאָל צוריק חתונה האָבן, האָבן זיי זיך ליב געהאַט ס'לעבן, געלעבט ווי די טייבעלעך... ביז זיי האָבן אַזוי אויסגעלעבט זייער נישט־מאַנאַטאָן לעבן...

אפשר, טראַכט איך, וועט פּאַרט אַריינפאַלן אַ משוגענע אַנמעסטן אַ מאַנטל, אַלץ באַקוקן, באַטאַפּן, זיך דרייען אַרום שפּיגל, זיך קוקן פון הינטן, פון פאַרנט; זי וועט אַלץ לאָזן ליגן און זאָגן, אַז זי וועט באַלד צוריקקומען און מער וועט מען זי שוין נישט אָנזען... דערפאַר אָבער וועל איך כאָטש האָבן עפּעס וואָס צו טאָן און נישט האָבן קיין צייט צו טראַכטן פון אַזעלכע נאַרישע זאַכן... איר שטעלט אייך פאָר? ערשט נעכטן האָב איך געשווירן אייביקע ליבע מיין יאַנקל־זשאַקעטע און איצט טראַכט איך גאָר פון גטן זיך... ווען זי ווייסט עס, הרגעט זי מיר אָוועק...

נישטאָ קיין ערגערע זאַך ווי צו האָבן אַ געשעפטל, וואָס גייט נישט. דירה־געלט מוז מען צאָלן, אַ פוטער־מאַנטל מוז מען די יאַנקל־זשאַקעטע אויך צאָלן, אויף וואַקאַנסן מוז מען פאָרן, אַ שיינעם וואָגן מוז מען קויפן... און די וועקסלען מוז מען אויך צאָלן. נאָך איין גוטע זאַך איז, וואָס וועקסלען קאָן מען רוקן און איבעררוקן... מען קאָן זיי אַהער רוקן און אַהין רוקן, מיט וועקסלען קאָן מען מאַכן וואָס מען וויל... כ'זאָג אייך דער ארבעטער ווייס גאָרנישט ווי גליקלעך ער איז, ער האָט נישט קיין זאָרגן, ער אַרבעט זיך אָפּ די נאַרישע פאָר שעה און נאָכדעם פייפט ער אויף דער וועלט...

ווען איך דאַרף נישט קויפן מיין ווייב קיין פוטער־מאַנטל, קיין לוק־סוס־וואָגן און קיין ברילִיאַנטן, וואָלט איך גלייך געוואָרן אַן אַרבעטער. נאָר איך האָב דאָך אַזוי פיל אויסגאָבן... אַז איך קאָן נישט ווערן קיין אַרבעטער... און אַ סוחר צו זיין איז אויך ביטער... דאָס הייסט, ווען די געשעפטן גייען, וואָלט נישט אַזוי שלעכט געווען; גייען זיי דאָך אָבער נישט. ווילסטו ווידער איבערמאַכן אַ געשעפט, קאָסט עס באַלד אָפּ מיי־ליאָנען. כ'וועל אייך דערציילן אַ סוד, איך האָב איבערגעמאַכט מיין גע־

שעפט, האָט עס מיך טאַקע אָפּגעקאָסט ביז אַ פינף מיליאָן. וואָס אַן אמת איז פינף מיליאָן נישט קיין סך געלט, אָבער אַז מען לייזט נישט... איז נישט גוט.

מענטשן זאָגן, אַז כ׳בין רייך, וואָס עס הייסט ביי זיי רייך, פאַרשטיי איך נישט. גלויבט מיר, אַז ראָטשילד איז רייכער פון מיר. כ׳וועל נישט זאָגן, כ׳האָב מיינע מיליאָן פראַנק, אָבער זייער שווער אויסגעהאָרעוועטע... עס קומט נישט פון זיך אַליין. כ׳האָב זיך טאַקע דאָס יאָר געקויפט אַ גאַנץ שיינע ווילע, אויף מיינע גוטע פריינט געזאָגט געוואָרן, אָבער וואָס קומט אַרויס, אַז מען לייזט נישט... און ווען איר ווייסט וואָס פאַראַ זאָרגן איך האָב אויף מיין קאָפּ? די עלטסטע טאָכטער גייט אַרום מיט אַ יונג, וויל ער נישט פריער חתונה האָבן, ביז איך וועל אים נישט געבן אַ פאָר מיליאָן אויף אַ געשעפט; און איך וועל עס אים מוזן געבן אויך, כ׳בין דאָך אַ טאַטע... און וואָס מיינט איר וועט ער האָבן, מיין איידעם? — אַזאַ סוף ווי איך, אַ געשעפט, וואָס גייט נישט.

כ׳ווייס טאַקע נישט ווי אַזוי איך לעב און ווי אַזוי איך האָב נאָך דערצו אַ פאָר פראַנק אויך... אַז דאָס געשעפטל מיינס גייט נישט. אַ גאַנצן טאָג שטייט מען און מען שטעקט אַרויס די צונג, ביז עס איז זיך ווער טועה און פאַלט אַריין. פאַרדינט מען אויפן לעבן... און אַז איך גיב דאָס צו פאַרשטיין מיין יאַנקל־זשאַקעטע, לאַכט זי גאָר און פרעגט מיך עפעס נאַריש קלאָץ־קשיות:

— דו האַלטסט אין איין נישט־לייזן, טאָ ווו נעמסטו די מיליאָנען?

איר האָט שוין געהערט אַ פרעגעניש פון אַן אייגן ווייב?... וואָס זאָלן נאָך זאָגן פרעמדע מענטשן? אַז מיין אייגענע יאַנקל־זשאַקעטע גלויבט מיר נישט, ווי אַזוי זאָלן מיר אַנדערע פרעמדע מענטשן גלויבן? איך קאָן אייך שווערן, אַז ווען איך באַדאַרף נישט צו האָבן אַזוי פיל געלט אויף פרנסה... לאָז איך שטיין ס׳געשעפט און ווער אַ „זאָרגלאָזער" אַרבעטער...

ווייל ס׳איז נישט פאַראַן קיין ערגערע זאַך ווי אַ געשעפט, ווו מען לייזט נישט... היט זיך פאַר אַ געשעפט ווי פאַר פייער. גלויבט מיר, כ׳בין אייך נישט קיין שלעכטער פריינט...

מען קאָנקורירט זיך...

יאַנקל־זשאַק האָט געהאַט אַ געשעפטל, איז עס גאָרנישט שלעכט געגאַנגען, מ׳האָט געצויגן פרנסה. נישט ער האָט ווען געטשעפעט, נישט ער האָט זיך אומגעקוקט אויף אַנדערע. יאַנקל־זשאַק האָט פשוט קיין צייט נישט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט אַנדערע; ווייל מיינט נישט, ס׳איז נישט קיין קלייניקייט — אַ געשעפט, און נאָך דערצו אַ געשעפט פון „דאַמען״־זאַכן. וואָס מען באַדאַרף אַלץ נישט צו האָבן — נאַכט־העמדער, פולאָווערס, זאָקן, ביז פרויען־הייזלעך, „סליפּן״. עס זענען דאָ אַזויפיל מאָדעלער, אַזויפיל אויסנייעכצן און שפּיצן, אַז מען קאָן פאַרבלאָנדזשעט ווערן. איר טאָרט נישט פאַרגעסן, אַז מען מוז זיין אַ ריזן־פאַכמאַן, האָבן אַ סך, זייער אַ סך געשמאַק, צו וויסן, וואָס דעם פרויען־מין וועט געפעלן; און נישט בלויז די פרויען דאַרף עס געפעלן, אויך די מענער באַדאַרף עס געפעלן, ווייל נישט איינמאָל קומען די פרויען מיט זייערע מענער אויסקלויבן זייערע נאַכט־העמדער און אַפילו זייערע סליפּן... און אויף יאַנקל־זשאַקן, פאַרשטייט איר מיך, איז געלעגן דער שווערער עול אויסצושטאַטן אַ גאַנצן קוואַרטאַל מיט נאַכט־העמדער, האַלקעס, „שעמיזיעס״, זאָקן, קרינאַלינעס און סליפּן. אין אַ קאַרטיע־געשעפט זענען אַלע פרויען מיט אייך היימיש, זיי פרעגן אייך עצות, צי דער „שעמיזיער״ קליידט זיי גוט, צי דאָס נאַכט־העמד וועט געפעלן ווערן איר מאַן און צי די זאָקן זענען צוגעפּאַסט צו אירע פיס...

יעדעס יאָר האָט זיך יאַנקל־זשאַק געמאַכט זיין „בילאַן״ און פעסטגעשטעלט, אַז אין געשעפט געפינט זיך אַביסל מער „סטאָק״, אין די טאַשן — אַ פּאָר פראַנק מער. וואָס פאַרלאַנגט דען אַ ייד מער? אַ ייד באַגנוגט זיך, אַבי ער האָט אַ שטיקל ברויט מיט זאַלץ... אַמאָל אַ געבראָטן הינדעלע... אָבער אַז ס׳איז באַשערט אַן אומגליק — קומט עס אין שטוב אַריין. — הערט, וואָס עס געשעט אַלץ:

לעבן אונדזער יאַנקל־זשאַקס געשעפטל איז געווען נאָך אַ געשעפטל. דאָרט איז געזעסן אַן עלטערע פרוי און האָט פאַרקויפט אָפּגענוצטע הענטשקעס. נו, האָט עס יאַנקל־זשאַקן נישט געאַרט; פאַרקערט, ער איז מיט איר גאָר געווען גוטע פריינט, איר אַפילו אַ ברייטן „באַנזשור״ אַנט־קעגנגעטראָגן. וואָס אַרט עס יאַנקל־זשאַקן, אַז די אַלטע פאַרקויפט הענטשקעס? אדרבא, זאָל זי לעבן הונדערט און צוואַנציק יאָר, פאַרקויפן אָפּגענוצטע הענטשקעס און זיך פאַרדינען איר חיונה.

איינמאָל, אין אַ מאַנטיק אינדערפרי, יאַנקל־זשאַק קומט זיך צוגיין, זעט ער עפּעס ווי לעבן זיין געשעפט בראַקט מען און מען האַקט, עס שיט זיך שטויב, עס פאַלט פּרוכנע האָלץ. דער גאַנצער גערודער איז אים גלייך נישט געפעלן געוואָרן. וואָס איז דאָ געשען? ווו איז די הענטשקע־פאַרקויפערין? זי וועט דאָך נישט איבערמאַכן דעם געשעפט; ווו האָט זי כוח דערצו? ווו האָט זי געלט דערצו? טאָ ווער קלאַפּט דאָ אַזוי אין די טויערן אַריין?...

די הענטשקע־פאַרקויפערין איז פאַרלוירן געגאַנגען. ער האָט אַליין נישט געוווסט פאַרוואָס, נאָר קיין גוטס האָט עס אים נישט צוגעזאָגט. קיין רו האָט ער שוין נישט געהאַט און אַנשטאָט צו שטיין אין זיין געשעפט און לייזן געלט, איז ער געשטאַנען און צוגעקוקט ווי אַזוי די אַרבעטער קלעפּן דעם צעמענט, קלאַפּן צו נייע שטיקלעך האָלץ; און ביסלעכווייז הויבן אָן די ווענט צו ווערן שענער, יינגער, פּונקט ווי אַ מענטש, וואָס טוט אָן אַ נייעם מלבוש. אין איינעם אַ טאָג איז דאָס נייע געשעפטל געשטאַנען אַ בלאַנקענדיקס און געקוקט מיט לייִדיקע אויגן אין דער גאַס אַריין. עס איז געשטאַנען ליידיק און יאַנקל־זשאַקן האָט עס ווידער פאַרדראָסן. וואָס הייסט, מען מאַכט אַ געשעפט און מען ציט זיך נישט אַריין? און עפּעס ווי אויף צו להעכיס, האָבן זיך די נייע באַלעבאַטים נישט געוויזן. ווידער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכן ביז... ביז ער האָט זיך דערוואוסט.

אין איין טאָג זענען אָנגעקומען די נייע באַלעבאַטים מיט אַ קאַמיאָן און זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינטראָגן אין נייעם געשעפטל שאַכטלעך, ענלעכע צו זיינע. ס'האָט אים אָבער באַלד אַ שטאָך געטון אין האַרצן — אוי, א קאָנקורענט! ער קומט מיר צונעמען דאָס ברויט פון מיינע קינדער! עס האָט זיך אים פאַרדרייט דער קאָפּ, דער באָדן האָט זיך אים געוויגט אונטער די פיס. ער האָט קוים באַוויזן אַריינצולויפן אין געוועלב און איז געפאַלן אין חלשות.

אַז יאַנקל־זשאַקס ווייב האָט דאָס דערזען, האָט זי נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. זי האָט אים קוים דערמונטערט.

— יאַנקל־זשאַק, גאָט איז מיט דיר, וואָס איז דיר געשען?

אָבער יאַנקל־זשאַק האָט געהאַלטן אין איין לויפן הין און צוריק און שרייען:

— באַנדיטן! גזלנים! וואַלד־מערדערס! אין מיטן העלן טאָג!

ווען ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט האָט ער זיך אָפּגערופן צום ווייב:

— קום אָנקוקן אונדזער חורבן. קום זען אונדזער בראָך... קאָנקור־רענטן האָבן זיך אַריינגעצויגן.

ווען זיי זענען אַרויסגעקומען, האָבן זיי טאַקע שוין דערזען אין די פענצטער פון דעם נייעם געשעפטל: „שעמיזיעס", נאַכט־העמדער, זאָקן, סליפּן. נו, זענען זיי ביידע צו צום נייעם געשעפטל און גענומען „באַ־זינגען" די נייע באַלעבאָטים מיט טויטע קללות, געשאָלטן אויף יידיש. האָבן די נייע באַלעבאָטים אויך געענטפערט אויף יידיש. אָבער יאַנקל־זשאַק האָט פון גאָרנישט געוואָלט הערן, ער האָט וואָס אַמאָל העכער געשריגן, אַז אַ האַלבע גאַס מענטשן זענען זיך צונויפגעלאָפן.

— כ׳וועל אייך דערטרינקען — האָט יענער געשריגן — כ׳בין רייך, איך קאָן זיך דערלויבן צו פאַרלירן אַ פּאָר מיליאָן פראַנק, איך וועל אייך ווייזן! איר וועט שוין זען מיט וועמען איר האָט אָנגעהויבן...

באַלד האָט יאַנקל־זשאַק גענומען טוישן די פּרייזן אויף ביליקער, ער האָט אַרויסגעשטעלט אַ שילדל, אַז ער פאַרקויפט צו האַלבע פּרייזן. אַז דער שכן האָט עס דערזען, האָט ער אויך אַרויסגעשטעלט אַ שילד, אַז ער פאַרקויפט אויך צו האַלבע פּרייזן; און אַז יאַנקל־זשאַק האָט געזען ביים שכן אַ פּאָר קונים, איז אים שלעכט געוואָרן און מ׳האָט אים געמוזט לייגן נאַסע האַנטעכער צום קאָפּ. אַז ער האָט געזען, אַז די פּרייזן־גע־שיכטע העלפט נישט, איז אים איינגעפאַלן: ער וועט אויך איבערמאַכן זיין געשעפט, ס׳זאָל זיין אַזוינס און אַזעלכעס, וואָס מ׳האָט נאָך נישט געזען. ער האָט גערופן דעם בעסטן אַרכיטעקט, מען האָט צעהאַקט אַלץ, וואָס איז געווען, מען האָט געמאַכט אַ בוים, אַ גרינעם בוים, אין מיטן געשעפט און אויפגעהאַנגען שטייגן מיט פייגעלעך. מען האָט אויפגע־האַנגען שפּיגלען, ווו מען האָט זיך געקאָנט זען פון הינטן און פון פאָרנט און פון אַלע זייטן; אין די שויפענצטער האָט מען אַריינגעצויגן נעאָן־ליכט, וואָס האָט געברענט אַ גאַנצע נאַכט און באַלויכטן די גאַנצע גאַס.

אַז דער שכן האָט עס דערזען, האָט ער צו זיך געזאָגט: איך וועל זיך אויך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין, איך וועל אים ווייזן, דעם פּאַרך... און ער האָט אויך געלאָזט רופן אַן אַרכיטעקט און מען האָט ווידער געקלאַפּט אין די טויערן אַריין, מען האָט ווידער זיי צע־

האָקט און מען האָט אַריינגעשטעלט גאַנצע צוויי ביימער אין געשעפט אַריין, מיט פיל שטייגן, מיט קאָלירטע קאַנאַריקלעך. אין שויפענצטער האָט מען אויך אַריינגעצויגן נעאָן־ליכט, וואָס מען האָט געלאָזט ברע־נען אַ גאַנצע נאַכט. און אַז יאַנקל־זשאַק האָט עס דערזען, איז אים אַזוי שלעכט געוואָרן, אַז מ׳האָט אים ווידער געמוזט לייגן נאָסע האַנטעכער צום קאָפּ. ער איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן. ער איז געוואָרן אַ לונאַ־טיקער. ער פלעגט זיך אויפהויבן אין מיטן שלאָף און אַרומקריכן אין די גאַטקעס. איינמאָל איז ער אַפילו צו צום פענצטער און אַרויסגעקראָכן אויף אַ שכנותדיקן דאַך, אַז מ׳האָט געמוזט רופן די פייערלעשער, זיי זאָלן אים אַראָפּנעמען.

געטראָפן האָבן זיך ביידע קאָנקורענטן אין שטייער־אַמט. זיי זענען ביידע געקומען וויינען מיט ביטערע טרערן, אַז מען זאָל רחמנות האָבן, מען זאָל זיי פאַרלענגערן... מען זאָל זיי פאַרקירצן... די צייט איז ביטער... ס׳זענען דאָ קאָנקורענטן... שלעכטע קאָנקורענטן... ביטערע קאָנקורענטן...

ווער ווייס, צו וואָס עס וואָלט דערגאַנגען צווישן די צוויי ביטערע קאָנקורענטן, ווען עס מישן זיך נישט אַריין גוטע מענטשן און מאַכן שלום צווישן די צוויי שכנים. ווייל ס׳איז שוין סיי־ווי נישט געווען מיט וואָס צו קאָנקורירן זיך. זיי זענען ביידע געבליבן איזאָלירט און האָבן די גע־שעפטן געמוזט פאַרמאַכן, פאַרהאַקן אויף זיבן שלעסער. און איר זאָלט זען ווי די צוויי מענטשן לעבן זיך היינט בשלום, מען קושט זיך אין די פּיסקעלעך, מען האָט זיך ליב ס׳לעבן.

גוטע מענטשן האָבן זיי אויסגעליגן אַ פּאָר פראַנק און זיי פאָרן ביידע אויף „מאַרשעס"...

יאַנקל=זשאַקס צרות פון א וואָגן

1

הערט אַ מעשה: איך, יאַנקל־זשאַק, האָב זיך מיט מזל געקויפט אַ וואָגן. און פאַרוואָס דען נישט? ס׳קומט מיר נישט? וואָס, מיין נשמה איז אַ ראַזשינקע? בין איך דען נישט קיין בעסערער מענטש... ס׳הייסט, בין איך דען נישט קיין שניידער?... אַלע מעגן, און איך נישט?

האָב איך געקליבן אַ פראַנק צו אַ פראַנק, געשפּאָרט און געשפּאָרט און זיך אַזוי אין אַ שיינעם טאָג געגעבן אַ לאָז ארויס איבער די בולווארן און גענומען נאָכקוקן די וואַגנס, וואָס האַלטן אין איין פליען איבער די הויפּט־גאַסן. ווייל איר מוזט וויסן, אַז נישט אַלע וועגן געפעלן מיר אַזוי שנעל. די „ווערדעטן" האָב איך דערהויפּט נישט ליב. זיי זענען עפּעס אַזוי גרויס, מיט אַזויפיל לעמפּ. דאָס ברענט דאָך אויס אַ וועלט מיט עלעקטריע. און דער הויפּט-פעלער, וואָס די „ווערדעטן" האָבן, וואָס איך, יאַנקל־זשאַק, קען זיי נישט מוחל זיין, איז וואָס זיי זעען אויס ווי אַ טאַנק און אַז מען קוקט אָן דעם פאָרנט, האָט מען דעם איינדרוק ווי אַ וואָלפיש וואָלט גע־עפנט דעם פיסק און געשטשירעט מיט זיינע ריזיקע ציין. ניין, יאַנקל־זשאַק איז אַ צו פרידלעכער מענטש אַרומצופאָרן אין אַזאַ חיה...

די „פּעזשאָס 203" וואָלטן מיר שוין יאָ געפאַלן, נאָר בלויז פון פאָרנט. פון הינטן זענען זיי עפּעס נישט אַזוי ווי איך האָב ליב. צו שמאָל. און איך האָב דווקא ליב אַ ברייטן הינטן.

זעט איר, די „טראַקסיאָן" איז גאַנץ נישקשה. נו, איז דאָך ס׳אומגליק, וואָס איך האָב נישט געניג די ממתקים. משוגע זענען זיי: זיי פאַרלאַנגען דאָך עפּעס אַזויפיל געלט. זיי שינדן פון אייך די הויט. זיי גיבן אייך אַזוי אַ זאָג: אַכט הונדערט טויזנט פראַנק, און ווערן גאָרנישט רויט, זיי שעמען זיך גאָרנישט אין זייער ווייטן האַלדז אַריין. ווו זאָל איך נעמען אַכט הונ־דערט טויזנט פראַנק? זאָל איך גיין שלעסער איינברעכן? — פרעג איך

דעם אָנגעשטעלטן אין דער פירמע. ענטפערט ער: „אַז איר האָט נישט קיין געלט, איז דאָך כּלל נישטאָ וואָס צו רעדן״.

נו, וואָס זאָגט איר עפּעס? ביים אַריינקומען האָט ער זיך פּאַר מיר געבויגן אין דרייען און אַז ער האָט נאָר געהערט, אַז איך האָב נישט די אמתע פּאָליטיקע, לויפט זיך אים שוין נישט צו רעדן מיט מיר.

גיי גיב אַזאַ איינעם צו פאַרשטיין, אַז איך גיי אויס נאָך אַ וואָגן און אַז מיין ווייבל האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז קום ברענג איך נישט אַהיים קיין וואָגן, וועט זיך טאָן חושך.

האָב איך נישט קיין עצה, גיי איך ווייטער. גיי איך אַזוי און זוך און מיטאַמאָל דערזע איך עפּעס אַ גרויסע וויטרין. איך קוק אַריין: יאָ, עס געפעלט מיר נישקשהדיק. איך לייען איבער דעם נאָמען פון געשעפט: „ראָלס ראָיס״. טראַכט איך זיך, זאָל זיין „ראָלס ראָיס״, אַבי אַ וואָגן. מאַך איך מיר גלייך דעם קראַוואַט און גיי מיר אַריין. עס לויפט מיר שוין אַקעגן אַזאַ פראַנטל מיט גלאַנציקע האָר. ווער ווייסט וויפל אייל ער האָט אין זיי אַריינגעגאָסן, אַז זיי זאָלן אַזוי בלישטשען. הויזן טראָגט ער עפּעס קורצע און שמאָלע, ווי אויסגעוואַקסן. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך האָב באַלד צו דעם מענטש נישט געהאַט קיין „קאָנפיאַנס״. נאָר גאָרנישט, איך האָב עס אים נישט אַרויסגעוויזן. און איידער איך פרעג אים אַ וואָרט, נעמט ער מיך אָן ביי דער האַנט און פירט מיך און וויזט מיר די וועגן. ער הערט זיי נישט אויף צו רימען און צו לויבן. ער הייסט מיך אַריינזעצן זיך, כדי צו זען ווי באַקוועם מען זיצט. יאָ, זאָג איך אים, ס׳קאָן מיטגיין. איך קאָן אַפילו נישט אייער פירמע „ראָלס ראָיס״, נאָר גאָרנישט, איך גלייב אייך. טאָ זאָגט־זשע מיר וויפל באַדאַרף עס קאָסטן די מציאה?

— דריי און אַ האַלב מיליאָן — זאָגט ער מיר — און איר מאַכט אַ גוט געשעפט... ווייל מיר מוזן אין גיכן הויבן די פרייזן...

קוק איך אים אַזוי גלייך אין די אויגן און גיב אים אַ זאָג:

— יונגערמאַן, איר האָט נישט פון וועמען חוזק צו מאַכן? איך בין אַ טאַטע פון פיר קינדער, צוויי יינגלעך און צוויי מיידלעך, און זיי זענען אַלע פראַנצויזן. איר פאַרשטייט, צי נישט? און רעכנט אייך מיט די רייד, ווייל איך האָב זייער נישט ליב, ווען מען מאַכט פון מיר לייטיש געלעכטער... איך פרעג אייך ווי אַ מענטש דעם פרייז און איר רעדט מיר גאָר פון מיליאָנען. יונגערמאַן — גיב איך אַ געשריי — גיי אַהיים, וועט דיר די מאַמע אָפּווישן די נאָז און רעספּעקטיר די קליענטן!...

נו, ווערט דאָס אַ געלויף פון אַלע באַאַמטע. דער דירעקטאָר אַליין קומט אַריינצולויפן. עס ווערט אַ גערודער און מען פירט מיך אַרויס.

פאַרוואָס — ווייס איך נישט. אָבער איין זאַך האָב איך מיך געשווירן, אַז מער וועל איך שוין דאָרט מיין פוס נישט אַריינשטעלן. זיי האָבן פאַר־לוירן אַ גוטן קליענט. אויף מיין ערן־וואָרט, ווי איך האָב געהאַט ס׳גאַנצע געלט אין דער טאַש. פאַרן אָוועקגיין פון שטוב האָב איך אָנגעציילט גאַנצע הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק און איך האָב זיי אַריינגעלייגט אין מיין בוזים־טאַש און גוט פאַרקנעפלט און וואָס אַן אמת, האָט זיך מיר געדוכטן, אַז איך בין רייכער ווי ראָטשילד. אַ קלייניקייט, הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק צו הונדערט פראַנק, איז דאָס אַ שיין פעקל. איר שטעלט אייך פאָר וויפל מאַנטלען מען באַדאַרף אויפנייען, כדי עס זאָל בלייבן הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק?

האָב איך זיך אַזוי אַרומגעדרייט אַ פאַרטראַכטער. פּלוצים גיט מיר אַ קלאַפּ ווער אין דער פּלייצע.

— אָ, יאַנקל־זשאַק, וואָס מאַכסטו? ווי גייט דיר? זעסט מיר עפּעס אויס אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס איז, חלילה אַן אומגליק געשען?

— ניין — זאָג איך אים — מיין טייערער מילגרוים, קיין אומגליק איז נישט געשען, נאָר אויף גרויסע צרות בין איך. פאַרשטייסט, איך מוז האָבן אַ וואָגן, מיין יידענע וויל זען די וועלט, אַנישט האָב איך נישט נאָכוואָס אַהיימצוגיין.

— דו ווילסט האָבן אַ וואָגן? און געלט האָסטו?

— יאָ, איך האָב הונדערט און פופציק טויזנט פראַנק, נאָר זיי איז עס צו ווייניק, די הויט־שינדערס, די קאַניבאַלן, די בלוט־זויגערס...

— רעג דיך נישט אַזוי אויף — בעט מיך מיין חבר מילגרוים — איך האָב פאַר דיר אַ געשעפט. אָבער אַן ערשטקלאַסיק געשעפט. שטעל דיך פאָר, איך האָב אַ פריינט, האָט ער אַ וואָגן און ער וויל אים פאַרקויפן. און נישט טייער. פאַר הונדערט בלעטלעך אינגאַנצן האָסטו אים. דו האָסט אַ מזל, וואָס דו ביסט מיר אונטערגעקומען...

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, איך פאַל אים אויף זיין האַרץ און קוש אים און זאָג אים:

— ס׳קאָן אַנדערש נישט זיין, נאָר גאָט אַליין האָט דיך אונטערגעע־שיקט מיך צו ראַטעווען פון אַ זיכערן אונטערגאַנג. כ׳זאָג דיר, איך וואָלט זיך ס׳לעבן גענומען, איך וואָלט זיך פאַרסמט און אויפגעהאַנגען זיך און נאָכער זיך אַריינגעוואָרפן אין טייך אַריין...

— קום — נעמט מיך מיין חבר מילגרוים ביי דער האַנט — דו וועסט מיר שוין שפּעטער דאַנקען.

אין אַ פּאָר מינוט, אַרום זענען מיר שוין געווען אויף אַ הויף און מען האָט מיר פּרעזענטירט די מאַשין. איר ווייסט, כ׳בין נישט קיין ליגנער. אַזוי

שטאַרק געפעלן איז מיר נישט די כלי, אָבער מיין איבערגעגעבענער חבר מילגרוים, און עפּעס נאָך אַ הויכער פראַנצויז, האָבן מיך שטאַרק צוגערעדט צו דעם געשעפט. זיי האָבן אים אויסגעפּרוווט, ווייל איך אַליין האָב דאָך נישט געקאָנט פאָרן, און זיי האָבן געזאָגט, אַז ער גייט גוט.

וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב אַרויסגענומען מיינע בלוטיקע געלטער און באַצאָלט און מיר זענען אַהיימגעפאָרן, דאָס הייסט, מיין חבר מילגרוים איז געזעסן ביים רעדל און געפירט, און איך בין געזעסן דער־לעבן.

ווען מיר זענען געגעבן אַ קום אַריין אין גאַס, האָבן אַלע שכנים אונדז נאָכגעקוקט און מיך פייערלעך באַגריסט, פּונקט ווי איך וואָלט געהאַט געמאַכט דעם „טור דע פראַנס". זיי האָבן זיך אַלע אַרומגעשטעלט אַרום מיין וואָגן און נישט געוואָלט אָפּטרעטן, אַריינגעקוקט, אים באַטאַפּט, צי ער האָט נישט קיין היץ, און געזאָגט, אַז עס איז גוט, עס איז אַן אייזערנער וואָגן. ער איז אַלעמען געפעלן, אויסער מיין ווייבל.

— זע נאַר, וואָס ער האָט מיר געברענגט פאַר אונדזערע אויסגעהאָ־רעוועטע געלטער! האָסט שוין נישט געקאָנט ברענגען עפּעס קיין גרעסער פּאַרזעניש? ווו האָסטו דאָס געקויפט? אויפן פליי־מאַרק? מען דאַרף אים גלייך „דיזענפעקציאָנירן", אַנישט וועלן אים די פליי אויסנאָגן דאָס ביסל בלוט...

זעט איר שוין, אַזוי זעט אויס די דאַנקבאַרקייט פון די ווייבער!

כ'בין געוואָרן אַזוי אויפגעקאָכט, אַז ווען נישט די פיר קינדער, וואָלט איך גלייך געלאָפן צום רב נאָך אַ גט...

כ'האָב אָבער געכאַפּט אַ בליק אויף מיין וואָגן, קאַנעהאָרע, און זיך גלייך באַרואיקט; אין פּראָפיל האָט ער מיר אויסגעקוקט וווּנדערבאַר.

— נישקשה — האָב איך געזאָגט צו מיין ווייב — מיר האָבן שוין מיט מזל אַ וואָגן. וועסט זיך צו אים צוגעוווינען און מיר וועלן נאָך מיט אים אויספאָרן אַ וועלט.

אָט אַזוי, זעט איר, מיינע טייערע פריינט, בין איך געוואָרן אַ שניי־דער מיט אַ וואָגן.

אָבער דאָ ערשט האָבן זיך אָנגעהויבן מיינע ריכטיקע צרות.

2

ווי זאָגט מען עס: אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, קומט עס גלייך אין שטוב אַריין.

אַזוי האָט זיך מיר, יאַנקל־זשאַק דעם שניידער, פּאַרגלוסט צו האָבן אַן אייגענעם וואָגן. און נישט אַזוי מיר, ווי מיין ווייב, האָב איך מיר איינ־

געהאַנדלט אַ מציאה פון אַ וואָגן, איינגאַנצן פאַר 100 טויזנט שווער־אָפּגע־האַרעוועטע פראַנק. דאָס האָב איך געהאַט צו פאַרדאַנקען די מבינות פון מיין פריינט מילגרוים.

ווייל ווען מען האָט עס געקאַנט איינפאַלן, אַז ווען מען האָט אַ וואָגן, מוז מען האָבן וווּ אים צו לייגן שלאָפן? און איר מיינט, אַז ס'איז אַזוי לייכט צו באַקומען אַ גאַראַזש? שטעלט אייך פאָר, אַז אַלע גאַראַזשן זענען אָנגעשטאָפּט מיט וואָגנס. וואָס זאָל איך אייך זאָגן? איך האָב שיר נישט די פיס פאַרלוירן, ווייל פאָרן מיט אים קאָן איך נאָך נישט.

מיינט איר, אַז איך האָב באַקומען? אַ נעכטיקער טאָג. כאַטש נעם און שלאָג זיך קאָפּ אין וואַנט. האָב איך אים געלאָזט שטיין פאַר מיין טיר. אָבער דאָ ערשט האָב איך געהאַלטן אין איין ציטערן: מען קאָן דאָך אים מיר אַוועקגנבענען. אין דער שטאָט רויעט מיט גנבים. האָב איך יעדע מינוט געמוזט לויפן צום פענצטער צו זען, צי ער איז נאָך דאָ. ביינאַכט האָב איך זיך געוועקט פון שלאָף און געלאָפן צום פענצטער. וואָס איך האָב געהערט אַדורכפאָרן אַן אויטאָ, בין איך שוין געווען זיכער, אַז מען גנבעט מיר אים צו. אַ חוץ דעם האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז מיין וואָגן כאַפּט ביינאַכט אַ פאַרקילונג, ווייל יעדעס מאָל, ווען מען האָט אים גע־לאָזן אין גאַנג, האָט ער זיך שרעקלעך צעהוסט. האָב איך מיין וואָגן יעדע נאַכט צוגעדעקט מיט אַ וואַטענער קאָלדרע.

יאָ, דאָס איז אַלץ שיין און גוט, אָבער מען מוז דאָך קאָנען פאָרן. בין איך אַוועק צו אַ פּראָפעסאָר, וואָס לערנט פירן אויטאָס. נו, האָט דער מענטש מיך געמאַטערט! אין עטלעכע טעג האָב איך אָנגעווירן אַ שיינע פּאָר קילאָ. ס'איז פון מיר געבליבן הויט און ביינער. עפּעס אַזוי פיל קנעפּ־לעך איז דאָ אינעווייניק אין וואָגן און מען מוז וויסן מיט אַלעם זיך אומ־צוגיין. איז דאָס, כ'בעט אייך, פאַר יאַנקל־זשאַקס קאָפּ?

דאָס ערגסטע, זעט איר, איז מיטן צוריקפאָרן. ביי אונדז אין שיד־לאָווצע האָט מען געזאָגט, אַז אַ קאָזע גייט צוריק. ווי קען מען עפּעס פאָרן צוריק? מען באַדאַרף דאָך האָבן אויגן אין דער פּלייצע. נאָך אַ צוויי וואָכן זיך אַזוי מאַטערן, האָב איך באַקומען דאָס ראָזע צעטעלע.

ס'איז מיר נישט געגאַנגען אַזוי לייכט. כ'בין צוויי מאָל אַדורכגעפאַלן און צום דריטן מאָל האָב איך זיך צעוויינט ווי אַ קליין קינד. האָט דער פראַנצויז רחמנות באַקומען אויף מיר און מיר אַ שטופּ אַריין געגעבן דאָס ראָזע צעטעלע. דערפאַר האָב איך אים געזאָגט דריי מאָל „מערסי" און אים געגעבן צו פאַרשטיין, אַז די פראַנצויזן זענען אַ ווויל פאָלק, זיי קומען אַרויס פון גרויסע מענטשן: וויקטאָר הוגאָ, פעליקס פאָטען, לעאָ־נאַרדאָ דאַ ווינטשי, דאַנטע, טאָלסטאָי... נישט קיין קלייניקייט, אַזאַ יחוס!

ווי איר זעט, קען איך זיך אין די קליינע אותיות. איך וואָלט אים געקענט אויסרעכענען נאָך נעמען, נאָר כ׳האָב נישט געהאַט ביי זיך דעם דיק־ציאָנער...

בקיצור, אַז איך האָב שוין געהאט דאָס ראָזע צעטעלע, האָט מען מיר געזאָגט, אַז איך מוז פאַרזיכערן דעם וואָגן. איך ווייס אָבער נישט קעגן וועלכע קרענק. האָב איך זיך געטראַכט, אַז דאָס איז זיכער אַ מיטל ווי אַזוי ביי מיר אַרויסצוציען מיינע בלוטיקע פאַר פראַנק. נאָר כ׳האָב זיך געלאָזט איינרעדן.

אַז דאָס אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, האָט מיין ווייבל, זי זאָל מיר געזונט זיין, אָנגעהויבן פאַקן די וואַליזקעס און פעקלעך. פרעג איך איר:

— נאָך וואָס עפּעס אַזויפיל פּעק?

ענטפערט זי מיר:

— צו וואָס האָבן מיר אַ וואָגן? אַז ער זאָל אַרומפאָרן אינגאַנצן ליי־דיק?

איך האָב גענומען אַראָפּטראָגן פון די פיר שטאָק שטיגן פּעק מיט וואַליזקעס. מיינע שכנים האָבן געמיינט, אַז מיר ציען אַוועק אויפן נאָרד־פּאָל. בלויז די שענק האָט זי נישט מיטגענומען, ווייל עס האָט געפעלט פּלאַץ.

ס׳האַרץ האָט מיר וויי געטאָן, ווען איך האָב אָנגעקוקט מיין וואָגן, ווי ער איז באַלייגט געווען פון אויבן און פון אינעווייניק. איך האָב גע־הערט ווי ער קרעכצט נעבעך. נאָר וואָס האָב איך געקאָנט טאָן? כ׳וועל זיך דאָך נישט גיין אַרומקריגן מיטן ווייב און זיך פאַרביטערן די וואַקאַנסן.

אין אַ מזלדיקער שעה האָבן מיר זיך אַוועקגעלאָזט אין וועג אַריין. פאַרשטייט זיך, אַז מיין ווייבל איז געזעסן לעבן מיר און האָט נישט אויפ־געהערט צו שרייען: „אַטאַנסיאָן", אַ פערד, „אַטאַנסיאָן", אַן אויטאָ, „אַטאַנסיאָן", אַ קאַץ, „אַטאַנסיאָן", אַ הונט! יאַנקל־זשאַקעשי, געדענק, מיר האָבן קליינע קינדער, זיי באַדאַרפן אונדז צו האָבן, מאַך „אַטאַנסיאָן". מיך האָט דאָס דענערווירט. כ׳האָב מיר געביסן די צונג, נאָר כ׳האָב גאָרנישט געזאָגט. איך האָב מיר נאָר געטראַכט, אַז באַלד וועט זי מיר זאָגן: „אַטאַנ־סיאָן", אַ בין! „אַטאַנסיאָן", אַ פליג!

אין אָנהייב איז געגאַנגען נישט שלעכט. אָבער אין מיטן שטאָט איז מיר געוואָרן קאַלט און וואַרעם. אַ קלייניקייט, די רויטע לעמפּעלעך, די געלע לעמפּעלעך, די גרינע לעמפּעלעך! מען מוז זיך אָפּשטעלן און צוריק לאָזן גיין דעם וואָגן און נישט שטענדיק וויל ער הערכן... עס טוט זיך נישט אַזוי לייכט, ווי עס רעדט זיך. טוישן די שנעלקייט איז נישט אָפּ־שטעפּן אַ מאַנטל. און אַדורכפאָרן דורך אַ פּאָליס מיט אַ ווייסן שטעקן

און אים נישט איבערפאָרן, איז אויך נישט אַזוי לייכט. איך האָב געשוויצט. עס האָט זיך פון מיר געגאָסן טייכן שווייס...

מיין ווייבל, הערט איר, קאָן זיך אויף קאַרטעס און מאַפּעס. זי איז אַ שטודירטע. האָט זי מיר געזאָגט: דו אינטערעסיר דיך גאָרנישט מיטן וועג. איך וועל דיר שוין זאָגן ווו מיר זאָלן פאָרן. האָב איך זיך געלאָזט פירן פאַר דער נאָז. זי האָט אויסגעקליבן דעם וועג צו פאָרן קיין קאַן דורך די אַלפּן. וואָס ווייס איך? זאָל זיין, זאָג איך, דורך די אַלפּן. וואָס איז אַן אונטערשיד ווו מען פאָרט? אַבי מען זעט די וועלט...

ביז גרענאָבל איז עס טאַקע געגאַנגען ווי אַ מזמור. אויפן וועג האָב איך געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט אַ צענדליק קעץ און הינט, וואָס האָבן, זעט אויס, געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. כ׳זאָג אייך, זיי זענען פּראָסט־פּשוט געלאָפן אונטער מיינע רעדער. נאָר איך האָב זיי געזאָגט, אַז ערשטנס, איז נישט איצט די צייט דערצו. און צווייטנס, אַז איר ווילט באַגיין זעלבסט־מאָרד, איז נישט אונטער מיין וואָגן. ווייל איך האָב אַ שוואַך האַרץ, איך קאָן גלייך חלשן.

אָנגעקומען קיין גרענאָבל, וויל איך זיך אַזוי אָפּשטעלן אין צענטער פון שטאָט לעבן אַ קאַפע; טאָ שטעלט אייך פאָר, אַז כ׳האָב זיך אַביסל טועה געווען. אַנשטאָט צו טאָרמאָזירן, האָב איך פאַרשנעלערט און כ׳בין אַרויף אויפן טראָטואַר און אומגעוואָרפן צוויי בענקלעך מיט טישן.

פאַרשטייט זיך, אַז ס׳זענען אַראָפּגעפאַלן די גלעזער מיט די פלעש־לעך און זיך צעהאַקט. נו, האָט איר געדאַרפט זען, ווי די מענטשן האָבן מיך געזידלט מיט דער בלאָטע צוגלייך. וואָס זיי האָבן מיר אַלץ נישט געזאָגט! אַז כ׳קאָן נישט פאָרן און אַז איך בין אַן עפנטלעכע געפאַר! איך, וואָס קאָן קיין פליג נישט ווי טאָן, איך, וואָס האָב געראַטעוועט אַ צענדליק קעץ און הינט, בין גאָר אַן עפנטלעכע געפאַר נומער 1... די מעשה האָט מיך גוט געברענט. און איך האָב זיך אויך נישט געלאָזט שפּייען אין דער קאַשע אַריין. מען קאָן זיך דאָך אַמאָל טועה זיין אויך...

נאָר דאָס ערגסטע איז געווען, זעט איר, וואָס אַראָפּצופאָרן פון טראָ־טואַר האָט מען געדאַרפט מאַכן „מאַרש־אַריער". אויף דעם, זעט איר, בין איך נישט קיין גרויסער בריה. נו, האָב איך פאַרטשעפּעט נאָך אַ פּאָר שטולן. האָט זיך ווידער געמאַכט אַ געשריי. נאָר איך האָב זיך שוין צו זייער געשריי נישט צוגעהערט און בין קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. נאָך גוט, עס איז קיין פּאָליציי נישט געווען, אַנישט וואָלט איך נאָך געהאַט צו טאָן מיט מלכות...

פאַר גרויס צרות, האָט מיין ווייבל קיין מיטאָג נישט געוואָלט עסן. דאָס האָט מיך אַפילו נישט שטאַרק געאַרט, ווייל איך האָב זיך איינגע־

ברענגט צום מינדעסטנס אַ טויזנטער. דאָס ערגסטע איז אָבער געווען, וואָס עס האָט מיך אַליין אַביסל געהונגערט.

דאַן זענען מיר אַריינגעפאָרן אין די אַלפּן. מאַמע קרוין! אַזאַ וועג האָב איך נאָך נישט געזען. נאָר משוגעים קאָנען דאָרט פאָרן. מען האַלט זיך אין איין אַרומדרייען אַרום דעם זעלבן באַרג. און באַזונדערס איז דאָך סכנות־נפשות, מען קאָן זיך דאָך העגט און פיס צעברעכן. אַ שײנעם איינ־פאַל האָט ער געהאַט, נאָפּאָלעאָן, דאָרט צו קריכן און מאַכן אַ וועג. און דאָ האַלט מיר מיין ווייבל אין איין שרייען „אַטאַנסיאָן". „אַטאַנסיאָן" אַהער, „אַטאַנסיאָן" אַהין. וואָס טויג מיר דער „אַטאַנסיאָן", אַז זי האָט מיך אַריינ־געפירט אין אַזאַ גיהנום. און דאָ הער איך אַ קראַך, ווי צען האַרמאַטן וואָלטן אויסגעשאָסן... איך קום קוים צו זיך. כ'האָב געמיינט, אַז ס'איז אויסגעבראָכן אַן ערד־ציטערניש. דערווייל האָט גאָר אַ ראָד געפּלאַצט. וואָס טוט מען אַצינד? ווער קאָן טוישן אַ ראָד? וואָס בין איך — אַ מעכאַ־ניקער?...

לויפט מען אַרויס אויפן וועג. מען שטעלט אָפּ אויטאָס, מען געפינט גוטע מענטשן, זיי טוישן אונדז דאָס ראָד און מען לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין. און ווידער דרייט זיך דער וועג ווי אַ שלאַנג. ס'איז אַן אימה, אַראָפּצוקוקן אין די טיפענישן. עס שווינדלט פאַר די אויגן, מיין וואָגן קרעכצט, נעבעך. ער האָט שוין מער נישט קיין כוח. און פּלוצלונג זעצט אַרויס אַ בלויער רויך פון הינטן און מיין ווייבל שרייט:

— עס ברענט!

אַ רויך, ווי פון אַ פאַבריק־קוימען. מיר בלייבן שטיין. מען קאָן ווייטער נישט פאָרן. מען מוז לעשן... וואָס טוט מען? מען לאָזט זיך שלעפּן מיט אַ שטריק און דער שטריק רייסט זיך איבער. מען בינדט ווידער צו און מען דערשלעפּט אונדז מיט פּאַמפּע קיין קאַן. בלויז די מוזיק האָט נאָר געפעלט.

זעט איר, דער פּאַטראָן פון גאַראַזש איז מיר זייער געפעלן. כ'זאָג אייך, אַ שיינער פראַנצויז מיט געקרייזלטע האָר. אין איין מינוט האָט ער אָנגעהויבן צו שיקלען אויף מיין ווייבל. וואָס זאָגט איר נישט צו אים? דאָס, זעט איר, איז מיר שוין ווינציקער געפעלן. וואָס זאָל איך אייך זאָגן, ער שטעלט זיך אַזוי אַוועק לעבן מיין וואָגן און באַטראַכט אים און זיפצט און קרעכצט. „אָ־לאַלאַ, אָ־לאַלאַ". פרעג איך אים:

— הער פּראָפעסאָר, וואָס זיפצט איר אַזוי?

— אייער וואָגן איז זייער, זייער, זייער קראַנק.

— הער פּראָפעסאָר, ווי איר זעט מיך, בין איך זייער, זייער, זייער קראַנק געווען. אַלע האָבן געהאַלטן, אַז איך שטאַרב אַוועק אַ ליאָדע מינוט.

און אַט קוקט מיך גוט אָן, וואָס פאַראַ שיינער יונג איך בין אויסגעוואַקסן...„

קוקט ער מיך אָן און שמייכלט... איר זעט, וואָס פאַראַ ענטפער יאַנקל־זשאַק קאָן געבן? כ׳זאָג אייך, כ׳האָב אים אַריינגעטראָפן גלייך אין פינטל אַריין.

— אָ, — זאָגט ער צו מיר — געוויס קאָן מען היילן, נאָר ס׳וועט זיין זייער שווער און ס׳וועט קאָסטן אַ סך געלט. איר פאַרשטייט, מען באַדאַרף פאַריכטן זייער אַ סך זאַכן. מען מוז טוישן דעם מאָטאָר און אַלע פיר רעדער. די הינטערשטע אַקס איז געשפּאָלטן און דער „פּרען" פונקציאָנירט נישט, און דאָס איז זייער געפערלעך...ביידע פליגלען זענען אָפּגעריסן...

— וואָס פליגלען? — שריי איך אויס — וואָס האָב איך דען, אַן אַוויאָן? צום ערשטן מאָל הער איך, אַז אַ וואָגן באַדאַרף האָבן פליגלען.

נאָר וואָס וועל איך זיך גיין מיט אים רייסן צוליב אַ פּאָר נאַרישע פליגלען. זאָג איך:

— זאָל זיין פליגלען.

— וואַרט — זאָגט ער — כ׳האָב נאָכנישט געענדיקט. די געזעסן מוז מען דורכאויס איבערמאַכן, די שויבן זענען אַלע אויסגעהאַקט, עס רעגנט אַריין און ס׳מאַכט אַ תל פון וואָגן. אויך די קאַראָסערי מוז מען איבערמאַכן. אַזוי, זאָגט ער מיר, וועט איר האָבן אַ מענטשלעכן וואָגן...

— און וויפל באַדאַרף דאָס קאָסטן? — פרעג איך אים.

לאָזט ער מיך פריער וואַרטן אַ האַלבע שעה און רוקט מיר דערנאָך אונטער אַ פּאַפּיר, מיט אַ גאַנצער מגילה, וואָס איך וואָלט באַדאַרפט אַ גאַנצן טאָג דאָס איבערצולייענען. כ׳האָב בלויז געכאַפּט אַ בליק אויף דער אונטערשטער שורה: צוויי הונדערט ניין און ניינציק טויזנט מיט ניין הונדערט ניין און ניינציק פראַנק...

עס איז מיר שיעור נישט שלעכט געוואָרן און איך האָב געטראַכט וועגן מיין פריינט, דעם שניידער מילגרוים. כ׳זאָג אייך, ווען איך האָב אים דאָ, צערייס איך אים אויף פּיץ־פּיצלעך און וואַרף אים פאַר די לייבן... וויפל סעזאָנען וועל איך מוזן אָפּהאָרעווען, כדי אָנצוזאַמלען אַזאַ אוצר מיט געלט?

כ׳האָב אים איבערגעלאָזט דעם וואָגן, אים באַצאָלט פאַר אַ חודש פּאַרויס דירה־געלט און אים צוגעזאָגט צו געבן אַ תשובה.

אַהיימגעפאָרן זענען מיר שוין מיט דער באַן, מיט אַלע פּעק און וואַליזעס. ס׳האָט מיר געהאַט יענעם טעם.

אַזוי זעט איר, יאַנקל־זשאַקן האָט זיך פאַרגלוסט אַ וואָגן!...

„פובליסיטע"...

ווען איר ווייסט וואָס פאַראַ צרות די „פובליסיטע" האָט מיר שוין אָנגעטאָן! ס'איז נישט אויסצוהאַלטן פון די באַנדיטן, פון די גנבים, פון די שווינדלער. זיי לאָזן אייך נישט לעבן. גלייך ווי מען עפנט די אויגן און מען עפנט דעם ראַדיאָ: בום!... זי זענען דאָ ביי אייך אין שטוב און האַקן אייך אַריין אין אָרעמען קאָפּ אַריין, אַז מען קאָן דול ווערן. כאָטש נעם און וואַרף אַרויס דאָס קעסטל פון שטוב אַרויס. און אַז איר גייט אַרויס אין גאַס, איז, מיינט איר, בעסער? די ווענט זענען באַקלעפּט מיט אַזויפיל „פובליסיטעס", אַז איר האָט אַפילו נישט קיין צייט צו באַוווּנ־דערן די שיינע נאַטור. און אַז ס'ווילט זיך אייך גיין אין סינעמאַ פאַר־ווײַלן זיך אַ אָוונט, כדי אַביסל צו פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע זאָרגן — דאָס זעלבע. מען פאַרמאַטערט אייך אויך דאָ מיט „פובליסיטע", אַז עס קאָן נישט־גוט ווערן. מען צינדט אייך אָן די ליכט, מען לעשט אייך אויס די ליכט, מען רוקט אַרויף דעם פאַרהאַנג, מען לאָזט אַרונטער דעם פאַר־האַנג. דאַן ווייזט מען אייך „פובליסיטע" פון „דאַן בלאַנש", פון „ביאַ־דאָפּ"... און ביז מען ווייזט אייך שוין עפּעס אַ שטיקל פילם, קען אייך צען מאָל אויסגיין די נשמה.

און כאָטש איר האָט פיינט „פובליסיטע", וועט עס אייך גאָרנישט העלפן. זיי ווילן אייך אַרייַנדרייען ווי אין אַ מיל אַריין און מאַכן מיט אייך וואָס זיי ווילן.

נעמט מיך אַליין, יאַנקל־זשאַקן, וואָס קאָן די גנבים און היט זיך פאַר זיי ווי פאַר פייער, מיינט איר קריגן זיי מיך נישט אַריין? וואָס די מענטשן האָבן מיך שוין נישט אָנגעטאָן! איר הערט, איך האָב, למשל, אַ שוואַכ־קייט צו מיינע האָר, כ'האָב ליב מיינע אייגענע האָר; ס'הייסט, כ'האָב גאָרנישט אַזוי ליב די האָר, ווי כ'האָב פיינט אַ ליסע... כ'האָב מורא פאַר דעם, ווי פאַרן טויט. כ'האָב זייער מורא, אַז ס'וועט מיר צונעמען מיין

עלעגאַנץ... מיין „סעקס־אַפּיל״... כ׳וועל מער נישט געפעלן די ווייבלעך און די מיידלעך אוודאי נישט... דאָס איז מיין שוואַכער פּונקט... און דאָס, זעט אויס, ווייסן זיי, די גנבים, דאָ האָבן זיי מיך געפּאַקט...

וואָס פאַראַ פאַרשידענע מיתה־משונה־קאַליריקע וואַסערלעך זיי האָבן מיר שוין נישט אַריינגעדרייט און איך האַלט עס אין איין גיסן אויף מיין איידעלן קאָפּ; און העלפן העלפט עס ווי אַ טויטן — באַנקעס... פאַרקערט, אויב איך האָב נאָך מיט יאָרן צוריק, איידער די שווינדלער האָבן זיך גענומען מיר, געהאַט אַ פּאָר האָר אויפן קאָפּ, זענען זיי מיר, זינט איך בוץ די מיתה־משונהדיקע וואַסערלעך, אויסגעקראָכן; און גיי טו זיי עפּעס, אַז ס׳איז נישטאָ אַפילו צו וועמען צו שרייען. אַזוי האָבן זיי ביי מיר אויסגענאַרט מיינע אויסגעהאָרעוועטע פאַר פראַנק. אָבער כ׳רעד שוין נישט פון געלט — מיינע שיינע, זיידענע האָר פאַרדריסן מיך. און קוים מיינט איר, אַז כ׳האָב אויפגעהערט צו נוצן די וואַסערלעך, זענט איר זיך טועה. ווי קען איך אויפהערן, אַז כ׳האָב שוין נישט קיין איין האָר אויפן הייפּטל קרויט... און זיי האַלטן מיר אין איין שווערן, אַז זיי וועלן מיר מאַכן צוריק וואַקסן. דערווייל געדויערט עס שוין אַזוי זיבן יאָר — מען זעט נישט און מען הערט נישט...

אָבער לעצטנס האָט מיר די „פּובליסיטעט״ אָפּגעטאָן אַ שטיקל, בין איך שטאַרקער פון אייזן, אַז כ׳האַלט עס אויס. איך האָב זיך אַזוי געלאָזן אַריינפירן אין אַ בלאָטע ביזן האַלדז. דאָס מאָל איז עס געווען אַ שטיקל מיטן „טור דע פראַנס״.

●

ווער האָט נישט געהערט וועגן „טור דע פראַנס״? אַפילו קינדער אין די וויגן ווייסן דאָך שוין היינט ווער ס׳איז באָבע, קובלער, קאָבלע און, פאַרשטייט זיך, קאָפּי! שוין אָפּגערעדט פון יאַנקל־זשאַקן, וואָס לייענט צייטונגען און הערט יעדן טאָג דעם ראַדיאָ, וואָס דערציילט מיט אַלע פּיטשעווקעס ווי אַזוי די טור־דע־פראַנסניקעס שלאָפן, ווי זיי עסן און אַזוי ווייטער. איז טאָקע די ערשטע פראַגע פון יאַנקל־זשאַקן ווען ער מאַכט אויף אינדערפרי די אויגן: וואָס מאַכט באָבע? ווי האַלט ער אין דער וועלט? צי איז ער פון פאָרנט, צי פון הינטן?

נו, שטעלט אייך איצט פאָר מיין גליק און זכיה: דער גאַנצער „טור דע פראַנס״, אַזוי ווי ער שטייט און גייט, פאַרדאַן, איך מיין אַזוי ווי ער לויפט און פאָרט, גייט אָנטאָן מיר, יאַנקל־זשאַקן, דעם כבוד און וועט דורכפאָרן ליאָן!

אזא געלעגנהייט וועט יאַנקל־זשאַק נישט דורכלאָזן! וואָס הייסט, ער וועט זיי נישט קומען אַנקוקן, נישט זאָגן זיי אַ „באַנזשור" און אַ ווייטערדיקן „פאַר געזונט"?

האָט טאַקע יאַנקל־זשאַק גענומען זיין וואָגן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין; ווייל איר מוזט וויסן, אַז דער „טור דע פראַנס" פאָרט נישט דורך אין צענטער, נאָר הינטער דער שטאָט... דאָס, פאַרשטייט זיך, קענען בלויז וויסן „ספּאָרטאָוועּ" מענטשן... נאָר איין זאַך האָט יאַנקל־זשאַק נישט גע־וווּסט, אַז צוקומען מיטן וואָגן צום „טור דע פראַנס" וועט אים אָנקומען קריעת ים סוף, מחמת אַזעלכע „ספּאָרטיווע" מענטשן ווי יאַנקל־זשאַק, זענען געווען אָן אַ שיעור און דער וועג איז פּשוט געווען פאַרשטאָפּט פון זיי, ס'האָט געדראָט, אַז צוליב זיי זאָל איך נישט קענען צוקומען צום פּסוק, איך מיין, צום „טור דע פראַנס".

הכלל, בין איך געבליבן שטיין, נישט אַהער, נישט אַהין. (אַ ברירה האָב איך געהאַט?) פאַר מיר — הונדערטער אויטאָס, הינטער מיר — הונדערטער אויטאָס, און מען שטייט און מען „דוכנט" און די פּאָליציי צווישן זיי שוויצט און פייפט, פייפט און שרייט און לאָזט אונדז נישט צו צום „טור דע פראַנס".

מען שטייט אַזוי אַפּ אַ שעה צייט און גאַרנישט, און אויף מיר ברענט די הויט פון אומגעדולד. וואָס הייסט, איך שטיי אויף אַן אָרט און זיי דאָרטן, זיי שטייען נישט, זיי פאָרן פאַרביי אַן מיר! איך זע זיי נישט! פּלוצלונג גיבן מיר זיך אַ ריר, מיין איך דאָך, אַז איך בין שוין געהאָלפן, לאָזט זיך אויס, אַז מיר פאָרן אָפּ אַ הונדערט מעטער און בלייבן ווידער שטיין. עס לאָזט זיך אויס, אַז די, וואָס זענען געקומען פריער, האָבן געהאַט מזל און זענען אָנגעקומען אויפן גליקלעכן אָרט און מיר אַלע, מיר מוזן זיך אומקערן, אַנדערש קענען מיר דאָ בלייבן שטיין ביז איבער־אַיאָר. און די פּאָליציי ווייזט אונדז גלייך אַן דורך וואָס פאַראַ געסלעך מיר זאָלן צוריקפאָרן. האָב איך קוים מיט צרות אויסגעדרייט דעם וואָגן און אין אַט די געסעלעך אַזוי לאַנג זיך אַרומגעדרייט, אַהער און אַהין, ביז איך בין צוגעקומען צו אַן אָרט, וווּ איך האָב געזען שטיין טויזנטער מענטשן, וואָס זאָג איך טויזנטער, צענדליקער טויזנטער. האָט יאַנקל־זשאַק גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס וואָרט מען אַזוי כדי מקבל פּנים צו זיין דעם „טור דע פראַנס". האָט ער לאַנג נישט געקלערט, אָוועקגע־שטעלט אין אַ זייט דעם „וואָטיע" און זיך אַליין אָוועקגעשטעלט צווישן די צענדליקער טויזנטער „טור דע פראַנס"־חסידים.

אַ „דעברויאַר", ס'הייסט אַן אויסטויגער, ווי איר ווייסט, בין איך דאָך עפּעס, האָב איך זיך דערשלאָגן ביז צום סאַמע פאָרנט, טאַקע דאָ,

ווו דער „טור דע פראַנס" דאַרף אַדורך. די זון ברענט און איך כאַפּ אַ גוטן שוויץ, עס איז צוויי אַזייגער און דער „טור" דאַרף ערשט אַדורך האַלב־פינף! דאָס הייסט צוויי און אַ האַלבע שעה וועט יאַנקל־זשאַק דאַרפן שטיין אויף די פיס! איר פאַרשטייט וואָס דאָס הייסט? און דאָ איז קיין שטיקל בענקל נישטאָ. איז דאַך ביטער, זייער ביטער. אָבער צוריק געשמועסט, וואָס קאָן מען זיך העלפן, מען מוז שוין אַזוי שטיין, ווייל וואָס פאַר אַ טעם וועט האָבן דער „טור דע פראַנס", אַז ער וועט האָבן פאַרבייגעפאָרן ליאָן און יאַנקל־זשאַק וועט אים נישט האָבן געזען?

איידער וואָס־ווען באַווייזן זיך פון דער ווייטנס מאָטאָציקלען און ווען זיי דערנענטערן זיך, הערט מען פון זיי דורך הילכערס, אַז דווקא „מאַרטיני" דאַרף מען טרינקען און נישט עפּעס אַנדערש, ווייל „מאַר־טיני" פאַרלענגערט דאָס לעבן. פאָרט אָבער אונטער הינטער אים אַ פיינער, גלאַנציקער אויטאָ און שרייט, אַז נאָר „סענזאַנאָ" זאָל מען טרינקען, ווייל דאָס גיט אַפּעטיט צום עסן, גלייך ווי יאַנקל־זשאַקן וואָלט אויסגע־פעלט אַפּעטיט... און באַלד באַווייזט זיך אַ גלעזערנער וואָגן, וואָס שרייט, אַז נאָר „פּעריער" איז גוט, ווייל דאָס היילט אַלע קרענק און וואָס מער מען טרינקט „פּעריער", אַלץ ווינציקער דורשטיק איז מען. קומט אָבער אונטער אַ נאָך גרעסערער וואָגן, וואָס האַלט נאָר פון ווישי־וואַסער. און גלייך באַווייזט זיך אַן אויטאָ, וואָס שרייט, אַז „אַספּראָ" היילט גאָר אַלע קרענק. דאָס מאַכט שלאָפן, דאָס מאַכט אויפזיין, „אַספּראָ" מאַכט יונגער, „אַספּראָ" מאַכט קליגער, „אַספּראָ" מאַכט אַפילו שענער, כאָטש נעם און גיי קויף דיר אַ הונדערט קילאָ „אַספּראָ". אַנדערע אויטאָס שרייען נאָך העכער, אַז דווקא „קאַלמאַסערין" איז בעסער און אַזוי ווייטער און ווייטער. עס האַלט אין איין פאָרן און פאָרן און מען זעט נאָך אַלץ נישט אַ שטיקל ראָד פונעם „טור דע פראַנס".

אָט שרייט איינער, אַז מען זאָל קויפן זייגערס „ליפּ" און אַ צווייטער — די „פּנע" „מישלען", אַ דריטער שרייט גאָר, אַז נאָר „נעסקאַפע" זאָל מען טרינקען.

הכלל, יאַנקל־זשאַקן האָבן שוין גענומען ווי טאָן די אויערן (און די פיס פון שטיין, איז דאַך שוין אָפּגערעדט). וואָס ווילן זיי פון אים האָבן? ווו זאָל ער נעמען אַזויפיל געלט דאָס אַלץ צו קויפן? וואָס זאָל ער טאָן מיט אַזויפיל „אַספּראָ", „קאַלמאַסערין", „פּעריערס", „ווישי", „מאַרטיני", „סענזאַנאָ", אַז בסך הכל איז יאַנקל־זשאַק גאָרנישט קיין טרינקער.

און דאָ נאָדיר ווידער אַ קאָנצערט! מען שפּילט און מען זינגט! און איר מיינט, אַז ס'איז פאַר אונדזער פאַרגעניגן וועגן, האָט איר טאָקע אַ

טעות. דאָס באַזינגט מען גאַר און באַשפּילט מען אַ שאָקאָלאַד־פירמע.

און פּלוצים, אינעם סאַמע הו־האַ, הערט זיך אַ געמורמל, אַז דער „טור“ וועט גאַרנישט דורכפאָרן דורך דאַנען, נאָר דורך אַן אַנדערן וועג. איך גיב אַ כאַפּ מיין וואָגן און טרייב אים אויף דער גאַנצער פּאַרע — איך איַל זיך, וווהין ווייס איך נישט, אַבי צו אַן אַנדערן וועג! אָבער ווי איך איל אַזוי, הער איך ווי דער עולם כאַפּט זיך אויף מיט אויסגע־שרייען: „בראַוואָ, באַבע! בראַוואָ, באַבע!“ דאָס הייסט, זיי זענען דאָ! יאַנקל־זשאַק האָט זיך דערוואָרט און דערלעבט נחת. איך לאָז שטיין דעם „וואַטיער“ און איך אַרבעט צווישן עולם מיט אַלע אברים, כדי צוצוקומען צום פּסוק! אויף וויפל היגער־אויגן איך האָב דעמאָלט אָנגע־טראָטן ווייסט איין גאָט. ענדלעך בין איך אָנגעקומען. איר הערט, יידן, איך בין אָנגעקומען! נישט באַבע, נישט קובלער, נישט שאַער, נאָר איך, יאַנקל־זשאַק, בין קוים מיט צרות אָנגעקומען און איך האָב קוים באַ־וויזן צו זען דאָס לעצטע ראָד פונעם לעצטן ציקליסט, אָבער איך בין סוף כל סוף אַרויס דער זיגער! און ביים צוטיילן דאָס געלע העמדל, זאָלט איר וויסן, יידן, אַז נאָר מיר קומט עס, איר הערט, נישט קיין אַנ־דערן ווי נאָר מיר, יאַנקל־זשאַקן.

נאָר געגעבן האָבן זיי מיר — אַ שווערן קאַטאַר... וואָס ווילט איר דען מאַכן מיט „פובליסיטע“־מענטשן? דאָס זענען רויבער, באַנדיטן, גע־מיינע מענטשן. אַפילו דאָס געלע העמדל האָבן זיי מיר נישט געגעבן... כאָטש איך, יאַנקל־זשאַק, האָב עס באמת כשר פאַרדינט. זענען זיי נישט קיין באַכאַלניקעס? וואָס איך האָב זיך נישט אָנגעמאַטערט, אויסגעשוויצט אַ וועלט, געלאָפן פון איין אָרט אויפן צווייטן, איבער בערגער און טייכן, זיך געשלאָגן מיט דער פּאָליציי, מען זאָל מיך צולאָזן וואָס נאָענטער, כ׳זאָל זיין דער ערשטער פון סאַמע פאָרנט. און ביז איך בין שוין געקומען דערצו, מיט אַזעלכע שרעקלעכע שוועריקייטן, זאָגט מען מיר אָפּ אַזאַ „קליינניקייט“, אַ נאַריש געל העמדל...

האָב איך זיי אין לויוויטש מיטן געלן העמדל צוזאַמען. כ׳וועל מיר אַליין קויפן אַ געל העמדל און לאָזן זיי פּרווון מיך נישט לאָזן עס טראָגן... דערוויל, גאָט צו דאַנקען, לעבן מיר נאָך אין אַ דעמאָקראַטיע... אַז מענטשן מעגן ביי מיר צוגנבענען די האָר מיט מיתה־משונהדיקע וואַסער־לעך און נאָך דערצו אויסנאַרן די פּאָר פראַנק... טאָ פאַרוואָס זאָל איך, יאַנקל־זשאַק, נישט טאָרן טראָגן דאָס געלע העמדל?... אויף צו־להכעיס די „פובליסיטע“־מענטשן...

ברוגז...

איך בין ברוגז? איך האָב צייט צו זיין ברוגז? דאָס פעלט מיך נאָך! איך האָב שוין נישט קיין אַנדערע קאָפּ־פאַרדרייעניש, ווי צו זיין ברוגז. ס'זענען אָבער פאַראַן מענטשן, וואָס ווערן פעט פון אַ ברוגזל. עס מאַכט זיי פאַרגעניגן אַ ברוגזל. איך האָב נישט קיין צייט צו די זאַכן, ווייל ברוגז צו זיין דאַרף מען האָבן צייט, אַ סך צייט.

מען באַדאַרף האָבן צייט צו צעקריגן זיך, אַריינצוזאָגן יענעם אין טאַטנס טאַטן אַריין; מען מוז געדענקען אַלע שלעכטע זאַכן, וואָס יענער, אָדער יענע האָט אין זייער לעבן אָנגעטאָן; צי ער האָט געגנבעט, צי ער האָט געזגלט, צי ער לויפט נאָך שיקסעס; מיינט נישט, אַז דאָס איז אַזאַ לייכטע זאַך צו געדענקען, ס'פאָדערט זיך צייט דערצו... דעריבער טאַקע, צוליב פראַקטישע טעמים, האָב איך זיך נישט ליב צו קריגן און דאַן, פאַרשטייט זיך, ברוגז צו זיין...

מיר, אַז עס טרעט ווער אָן אויף די „אַטשיסקעס", כ'מיין אויף מיינע היגער־אויגן, שיק איך יענעם צום טייוול און — פאַרטיק. איך שריי אויף יענעם אָן ווי ס'באַדאַרף צו זיין, זאָג אים אַריין אין טאַטנס טאַטן אַריין און ווען עס איז נויטיק, פּאַטש איך אים אַפילו גאַנץ שיין אָן אויך און — שוין... און מען רעדט נישט מער דערפון. אָבער ברוגז זיין, דאָס קומט נישט אין באַטראַכט, פון דעם האַלט איך נישט. ברוגז זיין, האַלט איך, איז גוט פאַר קינדער; זאָלן זיי זיך שפּילן אין אַזעלכע נאַרישע זאַכן, ווייל איך האָב נישט קיין צייט דערצו, איך בין זייער אַ פאַרנומענער מענטש. וואָס ווילט איר פון מיר האָבן? וואָס האָט איר זיך אין מיר אָנגעטשעפּעט מיט אַ ברוגז?...

איר שטעלט זיך פאָר: צו גיין פירן אַ רעכענונג מיט ווען דו ביסט חבר, מיט וועמען ביסט ברוגז, מיט וועמען ביסט נישט ברוגז? איך בין אַ פאַרנומענער מענטש, ביי מיר איז צייט געלט און אַפילו טייערער

ווי געלט. אַז איך קום, צום ביישפּיל, אויף אַ שמחה און באַדאַרף איינעם יאָ געבן די האַנט און דעם צווייטן נישט געבן די האַנט, און קום בין איך זיך טועה און גיב אַ ברוגזן מענטש די האַנט; און קום וואַרפט מיר טאַקע יענער ברוגזער מענטש צוריק מיין האַנט, ווי מען וואַרפט עפּעס צוריק אַ שמאַטע, אָדער אַן אָפּגענוצטע זאַך, ווערט מען דאָך פאַרשעמט, רויט און טויט, דאָס בלוט קומט אין פּנים אַריין, דער שווייס גיסט זיך פון אייך און מען ווייס זיך נישט ווו אַהינצוטאָן. און דאָס, פאַרשטייט איר מיך, איז זייער נישט קיין אָנגענעמע זאַך.

אַפילו ביי מיר אין שטוב האָב איך פיינט די זאַכן. איך, אַז איך באַדאַרף אָנשרייען אויף מיין ווייבל, טו איך עס ווי ס'באַדאַרף צו זיין. איך צעהאַק אַפילו אַ ביסל געפּעס אויך ווען נויטיק, ווייל איך בין נישט קיין קאַרגער. עס איז מיר נישט קיין שאָדן די פאַרצעלייענע טעלער, די קרישטאָלענע גלעזער, דער שיינער קאַפּע־סערוויז, אַלץ, אַלץ פאַלט אויף דער ערד און צעברעכט זיך אויף טויזנט שטיקלעך...

נו, ווײנט זיך מיין ווייבל אויס און שפּעטער האָב איך גאָרנישט צו איר; פאַרקערט, איך בין איר גלייך מוחל אַלע נאַרישקייטן... נו שוין, האָב איך געשריגן, איז וואָס? דאָס איז שוין אַ געוווינהייט ביי מיר; וואָס זאָל איך טאָן, אַז איך האָב אַ באַסאָווע שטימע. איר ווייסט דאָך, אַז הינט, וואָס בילן אַ סך, בייסן נישט. דאָס איז מיין טעמפּעראַמענט אַזאַ, אַ ליאַדע וואָס שרייט זיך ביי מיר און איך קאָן זיך נישט באַהערשן. אַ מענטש קאָן זיך דאָך נישט איבערמאַכן, ווי מען מאַכט איבער אַ מאַנטל...

איר שטעלט זיך עפּעס פאָר אַ לעבן אין אַ שטוב, ווו מאַן און פרוי זענען ברוגז? די לופט איז פאַרסמט, יעדער גייט זיך אַרום אין זיין ווינקל, ווי אַ שטומער, מען קוקט זיך אָן ווי ווילדע, ווי שונאים און יעדער איינער פון זיין זייט שעמט זיך דער ערשטער צו ענדיקן דעם ברוגז. דאָס פאַרשלעפּט זיך ווי אַ קרענק; פון אַזאַ נאַרישן ברוגז קען אַפילו אַרויסקומען אַ גט, אָבער ווער האָט צייט צו גיין גטן זיך? ווער האָט צייט צו גיין אונטערשרייבן פּאַפּירן, צו צעטיילן ס'פאַרמעגן? איר שטעלט אייך פאָר די אַרבעט צו וויסן, וואָס ס'איז מיין ווייבס און וואָס ס'איז מיינס. מילא גטן זיך, וואָלט עס כאָטש אויסגעפאַלן אין „מאַרט“־סעזאָן, פאַרשטיי איך נאָך, נאָר אין מיטן בעסטן ברען סעזאָן! משוגע דאַרף מען זיין צו גיין קאַליע מאַכן אַ סעזאָן איבער אַ נאַרישן גט...

און פּונקט ווי אויף צו להכעיס, קריג איך זיך שטענדיק מיט מיין ווייב אין מיטן בעסטן ברען סעזאָן. ווייל, ווען נישט דער סעזאָן, וואָלט איך שוין געווען צען מאָל געגט, צוואַנציק מאָל געגט, הונדערט מאָל געגט.

איז זי דאָך אָבער אַ קלוגע מיין יידענע, אין „מאַרט"־סעזאָן וויל זי זיך נישט קריגן, זי וואַרט אויס דווקא אין מיטן סעזאָן, ווען ס׳ברענט אונטער די הענט, דעמאָלט אַטאַקירט זי און איך, איר קאָנט זיך אויף מיר פאַרלאָזן, אַז איך בלייב איר גאָרנישט שולדיק; אָבער גטן זיך וויל איך נישט, גיי און טו מיר עפּעס. גיי טייל זיך מיט די קינדער. זי שרייט, אַז אַלע קינדער זענען אירע. און איך שריי, אַז זיי זענען מיינע. נאָר גיי שטעל פּעסט. מען מוז דאָך האָבן צייט אָט די אַלע זאַכן אויפצווייזן, אַהינצוּווייזן און דער עיקר — צו באַווייזן... און איך בין דאָך אַזאַ פאַרנומענער מענטש: די געשעפטן, די קאָנקורענץ, מען מוז קויפן און מען וויל פאַרקויפן. כ׳בין דאָך אַזוי פאַריאָגט פון פרימאָרגן ביז ביינאַכט, אַז איך האָב קיין צייט נישט אָפּצוּאָטעמען.

אָבער ווי פיינט איך זאָל נישט האָבן דעם ברוגז, בין איך מיט אַ פּאָר צענדליק מענטשן דאָך ברוגז. אָבער דאָס איז שוין נישט מיין שולד! דאָס האָבן זיי שוין מיך געצוואונגען דערצו. זיי האָבן מיך אַזוי פאַרדרייט, אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז איך האָב זיך שוין נישט געקאָנט אַרויסדרייען דערפון. עס האָט שוין נישט געפּאַסט נישט ברוגז צו ווערן. כ׳וועל אייך טאַקע דערציילן ווי אַזוי ס׳איז געשען און איר אַליין וועט משפּטן ווער ס׳האָט רעכט, איך, צי זיי.

איך האָב, הערט איר, געהאַט אַ גוטן חבר, אָבער נישט גלאַט אַזוי אַ חבר, וואָס מען באַגעגנט זיך איין מאָל אין יאָר, מען זאָגט זיך „באָנזשור" און שוין. דאָס איז געווען אַ גוטער פריינט, וואָס מיר האָבן זיך געזען טאַקע טאָג־טעגלעך. מיר האָבן זיך ליב געהאַט ס׳לעבן, און ווען נישט איין קלייניקייט... וואָלטן מיר שוין אַזוי אויסגעלעבט די יאָרן ווי גוטע פריינט. פאַרוואָס זשע, מיינט איר, בין איך מיט דעם מענטשן ברוגז געוואָרן? איבער אַ קלייניקייט: מיין חבר האָט געהאַט אַ שיין ווייבל, אָבער נישט גלאַט דאָרטן שיין, נאָר אַ שיינהייט, זי האָט געהאַט טויזנט חן. כ׳זאָג אייך, זי האָט געהאַט אַ פּאָר פייערדיקע אויגן, אַז זי האָט מיך מיט זיי פאַרברענט. זי האָט נאָר באַדאַרפט מיך אָנצוקוקן מיט אירע פייערדיקע פּאָספאָר־לעמפּ און איך בין געווען פאַרטיק, איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַרום איר ווי די ערד אַרום דער זון. איך בין געווען אונטער איר איינפלוס. און בעקלעך, הערט איר, האָט זי געהאַט ווי סאַמעט, ס׳איז אַ מחיה געווען זיי צו קושן... און וואָס מער דו האָסט זיי געקושט, אַלץ מער האָט זיך דיר געגלוסט נאָך און נאָך צו קושן.

וואָס מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן איז, וואָס מיין חבר איז גאָרנישט קיין מבין געווען אויף זיין ווייבל, ער האָט גאָר נישט געוווסט, וואָס ער

פּאַרמאַגט. האָב איך זיך גענומען אויפקלערן מיין חברס ווייבל ווי שיין זי איז, אַז איך בין פאַרליבט אין איר, אַז כ'קאָן נישט לעבן אָן איר. איך גיי אַרום שלינג און שלאַנג, ווי מאַניש, איך שלאָף נישט, איך עס נישט, איך קלער נאָר פון איר טאָג און נאַכט. כ'האָב איר אַפילו פאַרגעלייגט מיר זאָלן ביידע אַנטלויפן אין דער וועלט אַריין, אַז ס'וועט זיין ראָמאַנ־טיש, די צייטונגען וועלן שרייבן פון אונדז און מען וועט וויסן, אַז מיר לעבן אויף דער וועלט...

זענען דאָך אָבער פרויען פלאַפּלערינס... ווייבער... יידענעס... זיי קאָנען נישט האַלטן קיין סוד. האָט זי דאָס אַלץ גענומען און אויסדערציילט איר מאַן, מיין טייערן חבר און פריינט. נו, האָט איר באַדאַרפט זען ווי דער מענטש האָט מיר גענומען מאַכן „סצענעס", געהאַט טענות און איבער־הויפּט האָט ער נישט זייער איידל גערעדט צו מיר... ער איז עפּעס גע־וואָרן אַזוי „זשאַלו" און האָט מיך אַפילו געוואָלט שלאָגן.

האָב איך אים קודם געזאָגט, אַז ער זאָל זיך רעכענען מיט די רייד און, אַז ער זאָל מיך רעספּעקטירן, ווייל איך בין אַ טאַטע פון זיבן קינ־דער; קוים הרגעט ער מיך אַוועק, וועלן מיינע קינדער בלייבן יתומים, אומגליקלעכע יתומים און, אַז מיין אייגן ווייבל וועט נעבעך מוזן אַרומ־גיין אין שוואַרצן און טרויערן נאָך מיר... נו, מיינט איר, אַז מיינע אַלע שטאַרקע זאַכלעכע אַרגומענטן האָבן עפּעס געהאָלפן? דער מענטש האָט זיך גאַרנישט געקענט באַרואיקן און זיינע אויגן האָבן געשאָטן מיט פייער. האָב איך דאָך געזען, אַז איך האָב צו טאָן מיט אָן איינגעשפּאַרטן עקשן, וואָס וויל נישט פאַרשטיין מיין גוטן ווילן אים אַלץ אויפצוקלערן; בין איך מיט אים געוואָרן ברוגז, רעד נישט צו אים און פאַרטיק; ווייל, פאַרשטייט איר מיך, מיט אַזעלכע מענטשן איז בעסער, אַז מען האָט נישט צו טאָן מיט זיי. טאַקע דערפאַר רעד איך נישט צו אים שוין צען יאָר; און גאַנץ גוט אויף אים, אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ גוטן פריינט באַ־דאַרף מען היטן ווי אָן אויג אין קאָפּ, האָט ער מיך פאַרלוירן אויפן גאַנצן לעבן. איך בין ברוגז געוואָרן מיט אים און וויל פון דעם מענטשן מער נישט הערן. נאָך בעסער, קוים באַגעגן איך אים אין גאַס, זאָג איך אים אַפילו קיין גוט מאָרגן נישט. אַזוי ווי ער האָט געהאַנדלט, אַזוי האָט ער...

מיט אַ צווייטן פריינט בין איך ברוגז געוואָרן איבער אַ באַנאַלער קלייניקייט, וואָס ס'לוינט זיך אַפילו נישט צו רעדן — איבער אַ נאַרישע וווינונג. כ'האָב געהאַט אַ פריינט, קומט ער אין איינעם אַ טאָג צו מיר און דערציילט מיר, אַז ער האָט צו דינגען אַ וווינונג דאָ און דאָ, אַז מען וויל אָפּטרעט־געלט אַזויפיל און אַזויפיל; און ער, מיין פריינט

וויל נאָר געבן אַזויפיל און אַזויפיל, ווייל ער האָט נישט מער. און גענומען רימען די ווינונג האָט דאָס דער מענטש, אַז זי איז אויסערגעוויינלעך שיין, אַז די זון שיינט אַריין אַ גאַנצן טאָג, אַז עס זאָגט זיך אַ פאָלקס־ווערטל, אַז ווו עס קומט אַריין די זון, קומט נישט אַריין דער דאָקטאָר, אַז עס איז נישט קיין ווינונג, נאָר אַ פופע. דער אַרויפגאַנג, דער אַריינגאַנג. און אַזוי ווי עס פעלט אים אַ פּאָר פראַנק צו דינגען די הערלעכע ווינונג, איז ער געקומען בעטן אַ פּאָר פראַנק ביי מיר, אַז איך זאָל אים באָרגן.

נו, האָב איך דעם מענטשן גאַנץ גוט אויפגענומען, אים מכבד געווען מיט אַ גלעזל טיי מיט קיכלעך און אים אַפילו צוגעזאָגט, אַז איך וועל אים באָרגן אַ פּאָר פראַנק אויך. באַדאַרף מען בעסער? קאָן מען זיך בעסער אויפירן?... נאָר ווען ער איז אַוועקגעגאַנגען, האָב איך זיך גענומען באַקלערן די זאַך: וואָס הייסט איך וועל באָרגן אַ מענטשן געלט? ערשטנס, ווייס איך נישט צי ער וועט האָבן זיי אָפּצוגעבן; און צווייטנס, אפשר טראַכט ער גאָר זיי מיר נישט אָפּצוגעבן? אפשר איז ער גאָר געקומען אויסנאַרן מיר מיינע אויסגעהאָרעוועטע געלטער; דריטנס, האָב איך זיך געטראַכט, אַז מען באַדאַרף גלאָט האָבן חוצפה צו קומען און פאַרלאַנגען געלט. וואָס הייסט, איך זאָל באָרגן געלט אַזוי אין דער וועלט אַריין? נעמען מיין געלט און עס אַוועקגעבן אַ פרעמדן מענטש. פאַר־וואָס? פאַר וועו? פערטנס, דאָס וויכטיקסטע, וואָס איך האָב זיך דער־מאָנט איז, אַז איך באַדאַרף אַליין אַ ווינונג, ווייל מיין ווינונג איז עפּעס נישט מיט אַלעם, די זון קומט דאָרט נישט אַריין, און אַז די ווינונג, וואָס מיין פריינט האָט מיר געשילדערט, איז עפּעס גאָר אַ פיינע ווי־נונג, אַז זי וואָלט גוט געווען פאַר מיר אַליין, ווייל עס האַנדלט זיך דאָך בלויז אין אויסדינגען... נו, איז וואָס? מיר לעבן דאָך עפּעס אין אַ קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט, ווו מען האַלט זיך אין איין אויסדינגען... מיין פריינט האָט דאָך סיי ווי סיי נישט גענוג געלט און באָרגן אים ווילט זיך מיר נישט...

בין איך טאַקע גלייך אַוועק אויפן אַדרעס, וואָס מיין גוטער פריינט האָט מיר פאַרטרויט, און אים אויסגעדונגען די ווינונג. נו, האָט זיך דאָס דער מענטש צו מיר געטשעפּעט, מיך געזידלט מיט דער בלאָטע צו־גלייך...

האָב איך אים געזאָגט:

— נאָך אַמאָל זאָלסטו נישט רעדן, וואָס דו באַדאַרפסט נישט! זיי נישט קיין פלאַפּלער... ווער האָט דיך געבעטן זאָלסט מיר קומען דער־

ציילן מעשיות פון וווינונגען? איך בין געקומען צו דיר, אָדער דו ביסט געקומען צו מיר, האַ? נאָך אַמאָל וועסטו וויסן צו דרייען די צונג זיבן מאָל אין מויל, איידער דו וועסט גיין עפּעס דערציילן...

און איך בין מיט דעם מענטש ברוגז געוואָרן אויפן גאַנצן לעבן; נישט אַזוי צוליב דער נאַרישער וווינונג, איך האָב אַן עסק מיט זיין נאַרישער וווינונג. איך וווין שוין איצט אין נאָך אַ שענערער וווינונג. נאָר ברוגז בין איך מיט אים צוליב דעם, ווייל ער האָט באַנוצט זייער נישט קיין אַנשטענדיקע ווערטער, ווען ער האָט מיך געזידלט. ווי קאָן מען אַזוי רעדן צו אַ גוטן פריינט? און טאַקע צוליב דעם, ווען איך באַגעגן דעם מענטש אין גאַס, דריי איך אויס דעם קאָפּ און זאָג אים נישט קיין גוט־מאָרגן, איך בין מיט אים ברוגז, ער האָט עס מיר אויפגעצוווּנגען, האָט ער מיר...

מיט אַ פּאָר מענטשן בין איך ברוגז, ווייל איך האָב ליב צו זאָגן דעם אמת. דאָס הייסט, צו געבן אַן עצה. צום ביישפּיל, כ׳קום אַריין אין אַ שטוב צו אַ פריינט, וואָס האָט זיך ערשט געקויפט מעבל, און מען פרעגט מיך: ס׳געפעלט אייך? זאָג איך דעם אמת: אַז ניין, פע, ס׳געפעלט מיר נישט, אַז זיי האָבן נישט קיין געשמאַק און פאַרוואָס די מענטשן האָבן געקויפט מעבל, נישט פרעגנדיק מיך, זיי ווייסן דאָך, אַז איך האָב אַ גוטן געשמאַק. נו, פאַרדריסט עס מיינע פריינט און זיי ענטפערן מיר שפּיציק, ווי זיי וואָלטן געהאַט אַ פול מויל מיט שפּילקעס... פאַרדריסט עס מיך אויך. איך ווער מיט די מענטשן ברוגז אויפן גאַנצן לעבן און רעד נישט מער צו די מענטשן און פאַרטיק; ווייל זיי פאַרשטייען מיך נישט, איז איבעריק צו האָבן צו טאָן מיט זיי...

זעט איר, איבער אַזעלכע קלייניקייטן בין איך ברוגז געוואָרן מיט אַ האַלבער שטאָט יידן און דאָס קאָסט מיך געזונט. כ׳זאָג אייך, די מענטשן זענען אַזוי שלעכט, אַז עס איז אוממעגלעך מיט זיי צו לעבן אין גוט־פריינטשאַפט. זיי, די מענטשן, צווינגען אייך צו זיין ברוגז מיט זיי. כ׳וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך בין גאָרנישט ברוגז מיט די מענטשן, ווייל איך האָב נישט קיין צייט דערצו; איך רעד נאָר נישט מיט זיי און פאַרטיק, ווייל דאָס ליגט שוין אין מיין כאַראַקטער.

טאַקע אַזוי, וואָס פאַר אַ טעם האָט עפּעס ברוגז צו זיין? קריגט זיך אַרום, שלאָגט זיך, רייסט זיך ביי די נעז, רעדט נישט צו זיך, נאָר אַבי זייט נישט ברוגז, ווייל ברוגז איז זייער אַ מיאוסע זאַך.

א מאַן אַליין...

שוין אַ שיינע פּאָר יאָר ווי יאַנקל־זשאַק האָט חתונה געהאַט מיט זיין יאַנקל־זשאַקעטע. צוערשט איז ער געווען אַליין מיט זיין ווייבל, געווען פייערדיק פאַרליבט. אַ גאַנצן טאָג האָט ער געקוקט אין אירע בלויע אויגן אַריין און איז געווען שרעקלעך אַנטציקט פון גאָטס וואונדער. ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז נישטאָ עפּעס שענערס אויף דער וועלט, ווי די אויגן פון זיין יאַנקל־זשאַקעטע; און ער האָט זיך נישט גערירט אַ טריט אָן זיין ווייבל, אויסער צו דער אַרבעט.

דערנאָך איז עפּעס היימלעך געוואָרן ביי זיי אין שטוב: ס'זענען עפּעס אונטערגעקומען מענטשעלעך, קליינע „פּעמפּיקלעך".

יאַנקל־זשאַק האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די וואַקאַנסן, צו זיין רואיק, אַליין. ער האָט געזאָגט צו זיין ווייבל, דער יאַנקל־זשאַקעטע:

— דאָס יאָר האָבן מיר געמאַכט שלעכטע געשעפטן און קיין געלט צו פאָרן אַלע האָבן מיר נישט, וועל איך זיך „סאַקרעפירן"... בלייבן אַליין און אַרבעטן; און דו וועסט פאָרן מיט די קינדער אויף די וואַקאַנסן. עס טוט מיר זייער וויי, אָבער וואָס קען מען זיך העלפן? איך בין אַ מאַן. נאָר דו, מיין ליבלינג, האָסט זיך אָנגעמאַטערט אַ גאַנץ יאָר, קומט עס דיר.

די יאַנקל־זשאַקעטע איז אַוועקגעפאָרן מיט די קינדער און יאַנקל־זשאַק איז ענדלעך געבליבן אַליין.

ס'איז געווען נאָכמיטאָג. נאָכדעם ווי ער האָט זיך צעקושט מיטן ווייב און מיט די קינדער, איז ער אַרויס אין די גאַסן און ער האָט גע־האַלטן אין איין שפּאַצירן ביז שפּעט אין דער נאַכט. ער האָט געאָטעמט די פרייע... לופט. ער איז געווען אַזוי פאַרנומען מיט דער „פרייהייט", אַז ער האָט פאַרגעסן צו עסן וועטשערע. שפּעט אין דער נאַכט, ווען ער

איז אַהיימגעקומען, האָט ער זיך פאַר פרייד צעזונגען אויפן קול און די שכנים האָבן אים געמוזט רופן צו דער טאָג־אָרדענונג, בעסער געזאָגט — צו דער נאַכט־אָרדענונג — מיטן קלאַפּן אין די ווענט אַריין, אַז ער זאָל זיי לאָזן שלאָפן...

צומאָרגנס האָט ער זיך אויפגעהויבן אַ גליקלעכער און האָט זיך גע־נומען מאַכן פרישטיק: צוערשט איז ער געגאַנגען זוכן מילך, צעמאָלן קאַפּע, זי אַדורכגעזייט. אָבער דאָס געדויערט אַזוי לאַנג, אַז מען קאָן משוגע ווערן. דאַן האָט ער געעפנט די קרעדענץ פון געפעס, געגומען זוכן אַ באָל, וועלכן ער האָט נישט אַזוי לייכט געפונען; דאַן האָט ער געמוזט עפענען דאָס שופלאָד, צו זוכן אַ לעפעלע. דערנאָך מוז מען אַרויסנעמען אַ מעסער, צעשניידן דאָס ברויט. און דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט גאָר פאַרגעסן צו קויפן ברויט. און יאַנקל־זשאַק הייבט זיך גאָר אָן צו דענערווירן: וואָס מען באַדאַרף אַלץ צו אַ נאַרישן פרישטיק! שטעלט אייך פאָר, אַ מעסער, אַ לעפעלע, אַ באָל, מילך, קאַפּע, צוקער. אוי, טראַכט יאַנקל־זשאַק מען קאָן דאָך אַראָפּ פון זינען!...

ער לאָזט שטיין אויפן פייער די קאַפּע, די מילך און לויפט זוכן ברויט. דערווייל טרעפט ער עפּעס אַ באַקאַנטן אויפן וועג און שמועסט אַ שעה צייט און דערציילט אים ווי גליקלעך ער איז אַליין, ס'איז שטיל אין שטוב, אַז מען הערט נישט זשומען קיין פליג.

אין מיטן דעריינען דערמאָנט ער זיך, אַז ער האָט געלאָזט די קאַפּע אויפן גאַז. לויפט ער אַרויף די שטיגן ווי אַ ווילער, נאָר, ליידער, איז שוין געווען צו שפּעט, ווייל די קאַפּע איז שוין געווען אויסגעקאָכט און די מילך אויסגעלאָפן.

מילא, טראַכט יאַנקל־זשאַק, וועט ער נישט פרישטיקן. אָבער דעם שמוך, וואָס די נאַרישע שוואַרצע קאַפּע האָט אָנגעמאַכט; און די מילך האָט עפּעס אַלץ פאַרקלעפּט מיט אַ ווייסן, פעטן שוים. דאָס מוז מען אַלץ אָפּווישן, ריין מאַכן. ס'איז נישט אַזאַ לייכטע זאַך, ווי מען מיינט: קודם, מוז מען געפינען די שמאַטע און ער ווייסט גאָרנישט ווו זיין ווייב האָט זי ערגעץ באַגראָבן.

דערווייל איז שוין נאָך ניין דער זייגער, מען באַדאַרף עפענען דאָס געשעפטל, ווייל מען קען דאָך קיינמאָל נישט וויסן, טאָמער פאַלט אַיין אַ משוגענעם קליענט צו וועלן עפּעס קויפן. בקיצור, ער לאָזט אַלץ שטיין און לויפט אין געשעפט אַריין. די ווירטשאַפט וועט ער שוין מאַכן מיטאָג־צייט. אין רעסטאָראַן גייט ער נישט, ווייל ער האָט אַ קראַנקן מאָגן.

אַ גאַנצן פּאַרמיטאָג האָט ער געקלערט וואָס ער וועט זיך קאָכן אויף מיטאָג. די גראָזן האָט ער נישט ליב, ס'הייסט די „אַריקאָוועס" מיט די „אַספּעריזש" און די אַלע אַנדערע זאַכן. קאַרטאָפל האָט ער יאָ ליב. באַדאַרף מען דאָך שיילן און וואַשן און זאַלצן. ס'איז צו קאָמפּליצירט. און וואָס וועט ער פאַרט קאָכן? לאָקשן וואָלט געווען לייכט צו קאָכן, נו, האָט ער פיינט פּאַרטיקע לאָקשן; אַזוי ווי זיין ווייבל מאַכט זיי, האָט ער יאָ ליב. זי קנעט זיי אַליין, זי שניידט זיי אַליין. נאָר גיי נעם זיך צו אַזאַ האָרעוואַניע...

נאָך לאַנגע טראַכטעניש, באַשליסט יאַנקל־זשאַק, אַז ער וועט נישט קאָכן. וואָס!? מען מוז קאָכן?... וועט ער עסן קאַלט, ער וועט זיך קויפן זשאַמבאָן מיט ברויט און וועט עפּעס נאַכטרינקען און פּאַרטיק. נו, יאָ, דער מענטש לעבט דאָך נישט בלויז צוליבן עסן. עסט מען אַביסל ווינציקער; איר באַדאַרפט וויסן, אַז זשאַמבאָן איז געזונט, אַפילו די דאָקטוירים הייסן דאָס עסן, איבערהויפּט, ווען מען האָט אַ קראַנקן מאָגן...

מיטאָג־צייט פאַרמאַכט יאַנקל־זשאַק דאָס געשעפטל. אייגנטלעך, ווייסט ער נישט נאָך וואָס ער האָט עס געעפנט, ווייל געלייזט האָט ער סיי ווי גאָרנישט. ער לאָזט זיך לויפן זוכן זשאַמבאָן, ער קוקט אין די „שאַרקוטעריס", ווייל נישט אַלע געפעלן אים; ביז ער פאַלט עפּעס אַריין אין איינער, וואָס געפעלט אים, ווייל עס שטייט דאָרט גאָר אַ שיינע פאַרקויפערין און ער ווערט גלייך אַנטציקט פון אירע שיינע בלויע אויגן. פרעגט זי אים וואָס ער וויל. ענטפערט ער מיט אַ ציטערדיקער שטים „דע זשאַמבאָן"... שניידט זי זשאַמבאָן, ער באַוווּנדערט אַלץ אירע אויגן און זי האַלט אַלץ אין איין שניידן; און יאַנקל־זשאַק האַלט אין איין קוקן... ביז... זי איז שוין מיד געוואָרן און זיך אָפּגעשטעלט צו שניידן. און יאַנקל־זשאַק קוקט נאָך אַלץ אויף אירע אויגן; ער איז געווען אַזוי אַנטציקט, אַזוי פאַרחלומט, אַז זי האָט אים געמוזט אויפוועקן, פאַרלאַנגט ביי אים דרייצן הונדערט פראַנק און דערלאַנגט אַ גאַנצן פּאַק זשאַמבאָן. יאַנקל־זשאַקן איז שיר נישט שלעכט געוואָרן. וואָס זאָל ער טאָן מיט אַזויפיל זשאַמבאָן? צאָלן מוז מען; און ער האָט טאַקע געצאָלט ווי אַ טאַטע, אָבער דערפאַר האָט ער געהאַט צו עסן אויף אַ גאַנצע וואָך זשאַמבאָן. ער האָט געפרישטיקט מיט זשאַמבאָן, ער האָט געמיטאָגט מיט זשאַמבאָן, ער האָט אָוונט־ברויט געגעסן זשאַמבאָן און עס איז אים נאָך אַפילו אַ שפּאַר ביסל זשאַמבאָן געבליבן פאַר די הינטס וועגן...

נאָך אַ צוויי וואָכן צייט אַליין זיין, האָבן אים עפּעס די פיס אָנגע־

הויבן ווי טאָן פון צופיל שפּאַצירן און ער האָט שוין נישט אַזויפיל פריי געאָטעמט די זומערדיקע לופט. עפּעס זענען די טעג לאַנגווייליק געוואָרן און די נעכט האָבן זיך אויסגעצויגן ווי שוואַרצע קעץ; און שלאָפן האָט זיך עפּעס נישט געקענט. אויס לאַנגווייל האָט יאַנקל־זשאַק אָנגעהויבן שרייבן ליבעס־בריוו צו יאַנקל־זשאַקעטע:

„עס בענקט זיך מיר. עס זעט אויס צו טרויעריק אין שטוב, ווען דו ביסט נישטאָ. די קינדער פעלן מיר, מען פילט זיך עלנט, אַליין אויף דער וועלט, מען קאָן אָוועקשטאַרבן, מען קאָן קראַנק ווערן און קיינער וועט נישט וויסן, וואָס עס איז געשען". און ער האָט פאַרענדיקט די בריוו יעדעס מאָל מיט די ווערטער: „מיין ליב ווייבל, עס בענקט זיך מיר, עס בענקט זיך מיר, איך גיי אויס פון בענקשאַפט. מיר איז דאָ אומעגלעך צו זיין אַליין"...

דערווייל האָט זיך אין זיין וווינונג אָנגעזאַמלט שטויב און נישט־געוואַשן געפעס. אַלע העמדער, וואָס זיין ווייבל האָט אים איבערגעלאָזט, זענען שוין שמוציק געוואָרן, צעריסן געוואָרן. די שפּאַצירן אין די פּאַרקן זענען אים געוואָרן דערעסן. טרערן שטעלן זיך אים אין די אויגן, ער גייט אויס פון בענקשאַפט. און ער באַשליסט: עס מוז נעמען אַן ענדע...

צומאָרגנס האָט יאַנקל־זשאַק פאַרמאַכט דאָס געשעפטל און אויפגע־קלעפּט אַ צעטל: „פאַרמאַכט צוליב די וואַקאַנסן", געכאַפּט אַ וואַליזקעלע און זיך געלאָזט אין וועג אַריין, כדי זיך וואָס גיכער צו באַפרייען פון דער דאָזיקער פרייהייט צו זיין אַליין. ער האָט געיאָגט דעם אויטאָ, ווי מען שמייסט אַ פערד, וואָס שנעלער, וואָס שנעלער אָנצוקומען אין דעם דערפל, וווּ זיין ווייבל מיט די קינדער פאַרברענגען די וואַקאַנסן.

ווען ער איז אָנגעקומען און זיין ווייבל איז אים געפאַלן אין די אָרעמס, און די קינדער האָבן אים געהאַלדזט און געקושט, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נישט ער האָט פאַרדרייט די עלעקטריע, נישט ער האָט פאַרמאַכט דאָס וואַסער, נישט ער האָט פאַרשלאָסן די וווינונג. און באַלד האָט ער געמוזט נעמען דעם אויטאָ צוריקצופאָרן...

זעט איר שוין, אַז עס איז באַשערט צו זיין אַליין, העלפט גאָרנישט! גאָרנישט!...

אַז מען האָט אַ קראַנק ווייב

יידן, ס׳איז ביטער, זייער ביטער; איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן דעם ביטערן טעם צו האָבן אַ קראַנק ווייב. ס׳זאָל אייך גאָרנישט פאָרקומען אַזאַ זאַך. גלויבט מיר, איך בין אייך נישט קיין שלעכטער פריינט. שטעלט אייך פאָר, איר האָט אַ מענטש לעבן זיך, וואָס קרעכצט, וואָס אָט־אָט מיינט איר, אַז די נשמה גייט איר אויס. אַז איך באַקום נישט קיין האַרץ־שלאַג, בין איך פון אייזן; וואָס רעד איך, פון אייזן? פון שטאָל, פון קופּער, פון אַלומיניום בין איך. און ווי לאַנג, פרעג איך אייך, וועל איך דאָס אַזוי קאָנען מיטמאַכן, געוואָלט געשריגן?...

אַז איך ווייס גאָרנישט אויף וואָס פאַר אַ קרענק איך זאָל זי ראַטעווען. דאָ טוט איר ווי דער קאָפּ. נו, דער קאָפּ איז טאַקע אַ געפערלעכע זאַך. ווייל דאָס איז דער הויפּט־מאָטאָר פון אַ מענטשן; פון דאָנען ווערן טראַנסמיסירט אַלע „דעפּעשן״, כ׳מיין, די געדאַנקען; דאָ ליגט דאָך דער גאַנצער מענטשלעכער שכל, די קלוגשאַפט, די גאַנצע אינטעליגענטישקייט, מיט איין וואָרט, דאָס באַוווסטזיין. נו, איז דאָך קלאָר, אַז דעם קאָפּ מוז מען זען היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. קאָנט איר דאָך פאָרשטיין, ווי איך וואָלט זי געוואָלט ראַטעווען. און ווי וועט זי דען אויסזען אָן אַ קאָפּ?

אַז איך זע, אַז עס האַלט אַזוי שלעכט מיט מיין ווייבל, לויף איך גלייך צום דאָקטער און לאָז זיך אַליין אונטערזוכן, צי מיין אייגענער קאָפּ איז אין אָרדענונג, צי ס׳פעלט מיר נישט אַמאָל אַ קלעפּקע... וואָס קאָן מען דען וויסן? איך פרעג אים, דעם דאָקטאָר מיינעם, צי מיינע טראַנסמיסיעס... פונקציאָנירן גוט, כ׳מיין צי מיין „פּאָסט״... קלאַפּט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין.

קוקט ער מיך אָן, דער נאַרישער דאָקטאָר מיט קעלבישע אויגן, און פרעגט מיך, צי דער קאָפּ טוט מיר ווי? איר האָט געהערט אַ פראַגע? פאַרוואָס זאָל מיר עפּעס ווי טאָן דער קאָפּ?... זאָל אים ווי טאָן דער

קאָפּ! אַז די נאַרישע דאָקטוירים מיינען, אַז מען קומט צו זיי, מוז עפּעס ווײ טאָן. נו, דאָס איז שוין אַזאַ דאָקטאָרישע קראַנקהייט ביי די דאָקטוירים. אויף אַזאַ קלאָץ־קשיה וואָלט איך אינגאַנצן נישט באַדאַרפט צו ענט־פערן, נאָר אַזוי ווי איך שטאַם פון זייער אַ פיינער פאַמיליע און מיין טאַ־טעשי האָט געשטאַמט פון זייער אַ פיינער פאַמיליע...

ווי איר זעט, בין איך נישט אַבי ווער און דעריבער האָב איך טאַקע אַזוי געענטפערט דעם דאָקטאָר אויף זיין קעלבישער פראַגע. און איך האָב אים געגעבן אַ פרעג:

— מיסיו... איר זענט טאַקע אַ דאָקטאָר? אַ שטודירטער? איר זענט זי־כער אַדורכגעגאַנגען אַלע קלאַסן... נעמט, צום ביישפּיל, אַ ניי־מאַשין, אַ גוטע מאַשין, אַ זינגער־מאַשין, ווען זי נייט פופציק יאָר, מוז מען איר קאָנטראָלירן, צי ס'פעלט נישט קיין שרייפל... איר פאַרשטייט מיך, הער דאָקטאָר? ס'וואָלט מיר גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז איך האָב אַ קאָפּ, נאָר אַזוי ווי מיין ווייבל, זאָל מיר לעבן און געזונט זיין, האָט זייער שרעק־לעכע שמערצן, זי ליגט און מאַכט מיר יענע סיגעס, קרעכצט און וויינט. זי שעמט זיך גאָרנישט, אַ מענטש אין אירע יאָרן... ווען איר זאָלט זען, וואָס פאַראַ קונצן דאָס מאַכט, פונקט ווי זי אַליין אין דער וועלט וואָלט נאָר געהאַט אַ קאָפּ. זי בינדט זיך אים אַרום און האַלט אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט, ווי אַ פעסל אַן רייפן, און האַלט אין איין שרייען:

— אוי, מיין קאָפּ! אוי, מיין קאָפּ!

און אַזוי ווי איך קאָן דאָס נישט צוזען, בין איך טאַקע געקומען צו אייך, הער דאָקטאָר, אַז איר זאָלט אַזוי גוט זיין און מיר זאָגן, צי מיין אייגע־נער קאָפּ איז אין אָרדענונג; און וואָס, אייגנטלעך, געפינט זיך עס אַזוינס אין אַ קאָפּ, וואָס זאָל אַזוי ווײ טאָן? וואָס פאַר אַ שד האָט זיך עפּעס אין איר קאָפּ אַריינגעזעצט, האַ?

ענטפערט מיר דער קלוגער דאָקטאָר, אַז כ'זאָל אים ברענגען מיין ווייב, ווייל איר טוט דער קאָפּ ווײ. זעט איר, דאָס איז שוין גאָר אַ קלוג־הייט פון זיין זייט.

איך בין אַהיימגעגאַנגען אַ גליקלעכער און דערציילט מיין ווייבל, אַז אַלץ איז אין בעסטן אָרדענונג און אַז מיין קאָפּ איז נישט באַשעדיקט, אַז עס פעלט מיר נישט קיין שרייפלעך און נישט קיין קלעפּקע... נו, מיינט איר, אַז זי האָט זיך געפרייט, וואָס איר מאַן איז אין בעסטן גע־זונט־צושטאַנד? מיינט איר, אַז זי האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געקושט, מיך צוגעדריקט צו איר האַרצן אויף דער לינקער זייט? אַ נעכטיקער טאָג. אַזוי ווי איך האָב זי געלאָזט מיט איר פאַרבונדענעם קאָפּ, אַזוי האָב איך

זי געטראָפן. דאָס זעלבע געקרעכצעריי, דאָס זעלבע וויינען, עפּעס אַזאַ עקשן האָב איך נאָך נישט געזען; אַז דאָס ווערט נישט מיד צוצוהאַלטן זיך ביים קאָפּ טאָג און נאַכט און צו וויינען און צו מאַכן געוואַלדן... דאָס האָט גאָרנישט קיין שאַנדע... ס׳קען אַריינקומען אַ גוטער פריינט, אַ פּאַן־קאָלעגע, אַ שניידער, גלאַט אַזוי אַ מענטש... מיינט איר, אַז זי הערט אויף איר מוזיק? פּונקט פאַרקערט, עס שרייט פון איר נאָך מער אַרויס, ווי פון אַ דיבוק. אייגנטלעך וואָלט איך זי שוין געפירט צום דאָקטאָר, נאָר זי ווייסט דאָך אַליין נישט, וואָס איר איז.

אַנומלט האָט זי זיך גאָר צעוויינט אויף אירע „האַרמאַטן״... די אָרעמס טוען איר גאָר וויי. איר האָט שוין געהערט, אַז אָרעמס זאָלן ווי טאָן און נאָך דערצו פּרוועון־אָרעמס. אָבער זי האָט נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז עס ברעכט איר, אַז עס ציט איר, אַז זי קאָן נישט אויסהאַלטן. נו, האָב איך איר געגלויבט און איך בין גלייך אַוועק צום דאָקטאָר און זיך געלאָזט באַטראַכטן מיינע אָרעמס, צי זיי זענען נישט אַמאָל פול מיט באַהאַלטענע „האַרמאַטן״ און צי אַלץ איז אין אָרדענונג. ווייל שטעלט אייך פאָר ווי ס׳וועט אויסזען מיין היים, אַז מיר זאָלן ביידע קראַנק זיין. ס׳איז שוין אַזוי אויך נישט היימלעך אין שטוב...

דעריבער, פאַרשטייט איר מיך, איז מיין הייליקע אויפגאַבע צו היטן מיין אָרעם געזונט. ווייל שטעלט אייך פאָר דאָס גרויסע אומגליק, קוים געשעט מיר עפּעס און כ׳קאָן נישט היילן און באַדינען מיין קראַנק ווייבס אַלע קראַנקייטן; צו היילן די אַלע קראַנקייטן, מוז איך דאָך אַליין זיין שטאַרק ווי אַ פערד...

ווען איר ווייסט, וואָס פאַראַ נאַכט זי האָט מיר די נאַכט געמאַכט, וואָלט איר מיך באַדויערט און מיטגעוויינט אויף מיין טרויעריקן גורל. אַ גאַנצע נאַכט האָט זי מיך נישט געלאָזט צומאַכן קיין אויג. דאָס מאָל איז עס געווען אַ חתונה מיט אויערן. די אויערן טוען איר גאָר וויי.

אייגנטלעך, מוז איך איר עס גאָרנישט גלויבן, נאָר זאָל שוין זיין אַזוי. און אַז די אויערן טוען וויי, באַדאַרף מען דעם מאַן נישט לאָזן שלאָפן? באַדאַרף מען דעם מאַן מאַטערן, שינדן פון אים די הויט אַ גאַנצע נאַכט מיט קאָכן טיי, מיט וואַרעמען וואַסער, מיט לייגן קאָמפּרעסן, מיט לויפן צום דאָקטאָר פאַרטאָג, אַז ער זאָל מיר באַטראַכטן מיינע אייגענע אויערן, צי עס גרייט זיך מיר, חלילה, נישט קיין געשיכטע מיט אויערן. דאָס פעלט מיר נאָך!... איר שטעלט אייך פאָר די פליכטן, וואָס עס ליגן אויף מיין קאָפּ?...

אַז מען האָט אַ קראַנק ווייב איז ביטער, זייער ביטער. די דאָקטוי־

רים קאַסטן אַפּ אַ וועלט מיט געלט, נאָר ראַטעווען און ראַטעווען, ווייל פאַר קרענק מוז מען זיך היטן, ווי פאַר פייער און וואַסער. און איר מיינט, אַז איך וועל קאָנען דאָס אַלץ אויסהאַלטן אַזויפיל קרענק מיט אַמאָל? און מיין ווייב וויל עס נישט פאַרשטיין... אַז מען האָט אַ קראַנק ווייב איז אַזוי ביטער, זי פאַרקירצט אייך דאָס לעבן, די שעהן, די מינוטן, די סעקונדן.

יידן, האָט רחמנות אויף אייער געזונט און היט זיך פאַר אַ קראַנק ווייב. נאָר קוים זענט איר שוין יאַ אַריינגעפאַלן און איר האָט געכאַפּט אַזאַ מציאה... איז אַזוי ווי אייער ווייב הויבט אָן צו וויינען אויף אירע קרענק, לויפט־זשע גלייך צום דאָקטאָר און לאָזט זיך אונטערזוכן; ווייל צו אַ קראַנק ווייב מוז מען זיין אַ געזונטער מאַן. האָט רחמנות אויף אייער ווייב און היט אייער געזונט... היט ס׳געזונט און פאַרטיק; און מיט די רעשט צרות וועט מען זיך שוין אַליין אַן עצה געבן...

די שיינע באַלעבאָסטע...

די שיינע באַלעבאָסטע איז פאַרנומען. זי האָט נישט קיין צייט. אַזוי־פיל זאַכן ליגן איר אויפן קאָפּ: זי פירט די ווירטשאַפט, זי רוימט, זי וואַשט, זי פּרעסט, זי נייט, זי ווישט דעם שטויב, זי פּוצט די פּאָדלאָגעס, אַז עס זאָל גלאַנצן, און יאַנקל־זשאַק קוקט זיך צו צו דעם אַלעם און איז „זשאַלו״, „זשאַלו״!

ער פּרוווט רעדן צו זיין ווייבל, איר דערקלערן זיין הייסע ליבע, נאָר זי האָט נישט קיין צייט, זי איז פאַרטון, זי איז פאַרזאָרגט, זי האָט אַזויפיל זאָרגן אויפן קעפּל...

די גרעסטע זאָרג, וואָס זי האָט איז, וואָס זי וועט היינט קאָכן אויף מיטאָג...

— יאַנקל־זשאַק, וואָס ווילסטו היינט עסן? וואָס האָסטו היינט ליב? — האַלט זי אין איין פרעגן, אַפילו נישט אָנקוקנדיק אים. זי האָט אַפילו נישט קיין צייט אויפצוהויבן אירע שיינע אויגן, זי איז פאַרהאָרעוועט, זי איז פאַרפאַרעט...

— ווער באַדאַרף עסן? — טראַכט ער זיך, — ווער באַדאַרף די אַלע זאַכן? איך באַדאַרף אַ ביסל וואַרעמקייט, אַ ביסל צערטלעכקייט... אַ ביסל ליבע... נאָך וואָס באַדאַרף מען די אַלע זאַכן? נאָך וואָס? אין מיר, יאַנקל־זשאַקן, פאַרגעסט מען אינגאַנצן, איך בין אַן איבעריקער אין שטוב, מען האָט נישט קיין צייט צו מיר... טאָ וואָס טויג מיר דאָס לעבן? וואָס האָב איך דאָ צו טון? און ער זעט שוין ווי ער מאַכט זיך די וואַליזקעס און אַנטלויפט אין דער וועלט אַריין, וווינען ערגעץ אויף אַ בוידעם־שטיבל אַליין, אַליין, אינגאַנצן אַליין... ווו ער וועט נישט זיין קיין איבעריקער מענטש. טאַקע אַזוי, וואָס טויג אים דאָס לעבן דאָ, ווו קיינער האָט אים נישט ליב?

און ער דערמאָנט זיך די גוטע צייטן, ווען זיין ווייבל איז אים טאָג און נאַכט געהאָנגען אויפן האַלדז, אַז ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אָפּיאָגן פון איר. גאָרנישט האָט זי געטאָן אין שטוב, אַלץ איז געווען אין אומאָרדענונג, זי האָט אין זינען געהאַט איין זאַך: ליבן יאַנקל־זשאַקן, אים גלעטן, אים צערטלען, אים דערקלערן איר הייסע ליבע צו אים. און איצט? איצט האָט ער איר אַ נאָמען געגעבן די „שיינע באַלעבאָסטע", ווייל זי האַלט אין איין רוימען, זי האָט נישט קיין צייט צו יאַנקל־זשאַקן...

און יאַנקל־זשאַקן גייען אַרום טויזנטער געדאַנקען אין קאָפּ: מסתמא האָט זי זיכער אַ צענדליק געליבטע אין שטאָט; און דאָס, וואָס זי פּוצט אַזוי, איז כדי צו באַהאַלטן. זי מיינט, אַז יאַנקל־זשאַק פאַרשטייט נישט? יאַנקל־זשאַק פאַרשטייט אָבער יאָ, יאַנקל־זשאַק איז נישט קיין נאַר, יאַנקל־זשאַק האָט אַ נאָז און דער עיקר, טראַכט ער זיך, איז זי צו פּאַקן ביי דער האַנט.

אין זיין קאָפּ שווינדלען טויזנטער געדאַנקען, טויזנטער פּלענער ווי אַזוי זי צו כאַפּן ביי דער האַנט. דאָס ערגסטע איז נאָך דאָס, וואָס זי לאָזט אים נישט צורו. וואָלט זי בלויז געררוימט און געפּוצט, וואָלט אים שוין נישט געאַרט, נאָר זי לאָזט אים פּשוט נישט לעבן:

— יאַנקל־זשאַק, דאָ שטעל זיך נישט! יאַנקל־זשאַק דאָ לייג זיך נישט! יאַנקל־זשאַק, מאַך נישט קיין אומאָרדענונג! יאַנקל־זשאַק, פאַרפלעק מיר נישט די פּאָדלאָגע! יאַנקל־זשאַק, רעספּעקטיר מיין אַרבעט! יאַנקל־זשאַק, לאָז נישט אַרומליגן קיין זאַכן! יאַנקל־זשאַק, וואַרף נישט דיינע שטיקלעך סיגאַרעטן אין מיטן שטוב! יאַנקל־זשאַק, דאָס העמד, וואָס דו האָסט אויסגעטאָן, לייג אין וועש־קאַסטן, און די שיך, וואָס דו האָסט אויסגעטאָן, שטעל אַוועק אויף אַן אָרט! יאַנקל־זשאַק! יאַנקל־זשאַק! יאַנקל־זשאַק! — אַזוי, הערט איר, גייט עס אַוועק אַ גאַנצן טאָג. כ'זאָג אייך, מען קען משוגע ווערן. ווען אַזעלכע נישטיקע זאַכן רעדט זי אַ גאַנצן טאָג. זי זאָל דאָס איינמאָל דערקלערן איר הייסע ליבע — אַ נעכטיקער טאָג, נאָר יאַנקל־זשאַק און יאַנקל־זשאַק, צו קוועלן, צו שטעכן, נישט צו לאָזן לעבן.

וואָס וויל די „שיינע באַלעבאָסטע" פון מיר האָבן? אין שטוב מוז מען אַרומגיין אויף שמאַטעס, כדי איר נישט איינצוריכטן די פּאָדלאָגע, דאָ מעג מען יאָ זיצן, דאָ מעג מען נישט זיצן; און שטענדיק גייט זי אַרום מיט אַ שמאַטע אין דער האַנט. יאַנקל־זשאַק חלומט אַמאָל זי צו זען אָן אַ שמאַטע אין דער האַנט. עס חלומט זיך אים פון רוימען, פון פּוצן, פון וואַשן, פון נייען. אָט האָט זי אים איינמאָל אין מיטן דער נאַכט גענומען פּוצן דאָס פּנים מיט איר האַנט־שמאַטע, ווייל עס האָט זיך איר געחלומט,

אַז זי פּוצט אַ טיש, אַ שאַנק, אַ בענקל און אויפגעשטאַנען איז ער פאַר־שוואַרצט, ווי אַ נעגער.

און ווען איר ווייסט ווי יאַנקל־זשאַק האָט פיינט דאָס פּוצן, דאָס רוימען. יאַנקל־זשאַק האָט פיינט אָרדענונג. יאַנקל־זשאַק האָט ליב ווען ס'טוט זיך עפּעס, ווען אַלץ אין שטוב ליגט, אַ ביסל דאָ, אַ ביסל דאָרט, אַז ס'זאָל זיין היימלעך. נאָר גיי גיב איר עס צו פאַרשטיין, די „שיינע באַלעבאַסטע", אַז עס זענען דאָ וויכטיקערע זאַכן אין לעבן, ווי צו רוימען און צו פּוצן...

באַדאַרף מען צו גיין אין טעאַטער אַריין, האָט זי פּונקט אויפצוהענגען די גאַרדינען, ווייל יאַנקל־זשאַק גייען אין סינעמאַ — האָט זי פּונקט צו פאַריכטן דעם קינדס אַ העמדל, ווייל ער גייען טאַנצן — האָט זי פּונקט צו פאַריכטן די שקאַרפּעטן, מען וועט שוין גיין מאָרגן, מאָרגן. ווען זי וועט אַלץ האָבן געבראַכט אין אָרדענונג, ווען די שטוב וועט זיין צוגע־רוימט, ווען די גאַרדינען וועלן זיין אויפגעהאנגען, ווען די קנעפּלעך וועלן זיין אָנגעניייט אין די העמדער, ווען די שקאַרפּעטן וועלן זיין פאַר־צירעוועט, ווען דער שטויב וועט זיין אַרומגעווישט, ווען אַלץ וועט זיין געענדיקט, וועט מען גיין אין די סינעמאַס, אין די טעאַטערן, אין די טאַנץ־זאַלן, מען וועט זיך ווײַלן...

איר קאָנט מיר נישט זאָגן ווען ס'וועט זיין מאָרגן? ווייל היינט פאַלט אַלץ אַ נייער שטויב, ווי אויף צו להכעיס. און די קנעפּלעך פאַלן אַלץ אַראָפּ, מען באַדאַרף זיי צוריק אָנניייען. און ווי אויף צו להכעיס, רעגנט אין דרויסן, די פּאָדלאָגע איז איינגעריכט, מען באַדאַרף זי ווידער פּוצן; און די „שיינע באַלעבאַסטע" האָט אַלץ נישט קיין צייט. וואָס טוט מען? דאַכט זיך, אַז דאָס בעסטע איז זיך צו גטן. ווען זי וועט האָבן אַלץ צו־גערוימט, ווען דער שטויב וועט זיין אָפּגעווישט, ווען די קנעפּלעך וועלן זיין אָנגעניייט און דער דיל וועט גלאַנצן און קיין שטויב וועט מער נישט פאַלן, וועלן מיר צוריק התונה האָבן... אַזאַ דעציזיע האָט יאַנקל־זשאַק אָנגענומען און האָט עס געוואָלט דערקלערן דער „שיינער באַלעבאַסטע". אָבער מיינט נישט, אַז ס'איז אַזוי לייכט מיט איר צו רעדן, ווייל זי איז פאַרנומען. פּונקט האָט זי געפּוצט די פּאָדלאָגע, דעם טיש, געווישט דעם שטויב און יאַנקל־זשאַק איז איר אַזוי אומעטום נאָכגעלאָפן.

— הער זיך איין „שיינע באַלעבאַסטע" — האָט יאַנקל־זשאַק גע־שריגן — כ'וויל זיך גטן, ווייל דו האָסט נישט קיין צייט צו מיר.

דאָ האָט זי שוין געגומען אַ סעקונדע אָנצוקוקן יאַנקל־זשאַקן און אַ שנעלער ענטפער איז געקומען:

— משוגענער, פאַרדריי זיך דיין קאָפּ! איך האָב נישט קיין צייט זיך צו גטן! מאָרגן... מאָרגן... מאָרגן...

און זי האָט ווייטער געפּוצט, ווייטער געדרימט, ווייטער געגייט די קנעפּלעך, אַז ס׳איז אַ רחמנות געווען צו קוקן ווי די פּרוי האָרעוועט...

יאַנקל־זשאַק וואָלט זיך גאָרנישט פאַרגעשטעלט, אַז אין שטוב זאָל זיין אַזויפיל צו טאָן, אַזויפיל צו נייען, אַזויפיל צו שטויבן, אַזויפיל צו פּוצן. וואָס פאַרא אָרדענונג איז דאָס עפּעס, די פאַרשקלאַפטע קאַפּיטאַ־ליסטישע געזעלשאַפט? מען מוז גלייך מאַכן אַ רעוואָלוציע, בלוט מוז זיך גיסן... באַריקאַדן מוז מען אויפשטעלן, מען מוז קעמפן, קעמפן ביזן לעצטן אָטעם־צוג, אַז ס׳זאָל בלייבן צייט זיך ליב צו האָבן...

קומט, לאָמיר קעמפן, אַז די „שיינע באַלעבאָסטעס" זאָלן אונדז ליב האָבן... אַנישט איז ביטער, ווייל די יאַנקל־זשאַקעטעס האָבן אַפילו קיין צייט נישט זיך צו גטן מיט אונדז. נישט מיר לעבן, נישט מיר שטאַרבן; און דאָס אַלץ געשעט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען מען פליט שוין צו דער לבנה, צו דער זון...

אַנומלט האָט אַ פּראָפעסאָר געזאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך פאַר אַ קראַנקן מענטש, וואָסליידט אויף „האַרמאָטן", ווי זיך צו־לייגן אַ שעה אויף דער זון און מען איז אויסגעהיילט אויפן גאַנצן לעבן, מען ליידט נישט מער פון גאָרנישט, ווייל אַלע מיקראָבן, אַלע פאַראַ־זיטן, ווערן פאַרברענט. נאָר איין זאַך מוז מען אַכטונג געבן ווען מען וועט פליען צו דער זון, אַז ס׳זאָל גאָרנישט געשען דעם מענטשלעכן אָר־גאַניזם... ס׳איז אַביסל צו הייס אויף דעם „פּלאַנעטל"... אָבער מען וועט זיך שוין אַן עצה געבן מיט דעם אויך... דערויף זענען מיר דאָך מענטשן און מיר האָבן געהירן... וועלן מיר גיין אין באַד־קאָסטיומען און פאַרטיק.

נאָר יאַנקל־זשאַק איז נעבעך פאַרזאָרגט: וואָס וועט זיין מיט די יידישע שניידער? מיר וועלן דאָך דאַרפן זיין אַלע אַרבעטסלאָז? פון וואָס וועלן מיר לעבן? פון היץ?

וואָס זאָגט איר, יידן, צו יאַנקל־זשאַקס אידייע? נישט שלעכט, האַ? אַ ביסל משוגע, אָבער עס מאַכט נישט. אין דעם אַלעם איז בלויז שולדיק די פאַרשאָלטענע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג... ווייל זי גיט נישט קיין צייט דער יאַנקל־זשאַקעטע הייס און פייערלעך צו ליבן...

יאנקל=זשאק אין ווענעדיק...

זינט יאַנקל־זשאַק האָט זיך אַרויפגעאַרבעט, האָט אים נישט אָפגע־לאָזט דער געדאַנק, אַז נישט אַנדערש, ער מוז זען ווענעדיק. ער האָט אַזוי פיל אָנגעהערט זיך וועגן דער דאָזיקער וווּנדערלעכער שטאָט... עס שטייט זיך אַ שטאָט אויפן וואַסער, מען ווױנט אויפן וואַסער, מען עסט און מען טרינקט אויפן וואַסער, מען שלאָפט אויפן וואַסער, אַ לעבן אויפן וואַסער... דאָס האָט זייער שטאַרק אינטריגירט יאַנקל־זשאַקן און ער האָט זיך אין איינעם אַ טאָג אַ לאָז געגעבן אין וועג אַריין צוזאַמען מיט זיין יאַנקל־זשאַקעטע גלייך קיין איטאַליע.

אבער מער מוז צוערשט אַדורכפאָרן האַלב איטאַליע, זיך טועה זיין אַ פּאָר מאָל אין וועג; ווייל כאָטש יאַנקל־זשאַק איז אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז, קען ער נאָך אַלץ נישט לייענען קיין איטאַליעניש; און עפּעס זענען דאָ אַזוי פיל איטאַליענער אין איטאַליע, — אַלע שטעט זענען פול מיט זיי. זיי רעדן נאָר איטאַליעניש. האָט יאַנקל־זשאַק געמאַכט מיט די הענט, געגעבן צו פאַרשטיין מיט זשעסטן, אַז ער וויל פאָרן קיין וועניס... וועַ־נעציע... ווענעדיק... האָבן די איטאַליענער, אויך געמאַכט זשעסטן מיט די הענט, אים געשיקט צום טייוול. יאַנקל־זשאַק האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער, זיך פאַרלוירן, זיך צוריק געפונען, געגעסן דערווייל גאַנצע טעלערס מיט „ספּאַגעטי“, געמישט מיט טאָמאַטן. עס זאָגט זיך נאָך אַזוי געגעסן; מען דאַרף גיכער זאָגן, אַז ער האָט זיך געמאַרדעוועט, ווייל יעדער לאָקש האָלט די לענג אַ קילאָמעטער, און דאָס אַרומצודרייען דעם גאָפּל איז נישט פון די קלייניקייטן. וואָס מער דו וויקלסט דעם לאָקש, אַלץ לענגער איז ער. יאַנקל־זשאַק האָט זיך אַרומגעהרגעט מיט די לאָקשן, אַז עס איז געווען אַ רחמנות אויף אים, ער האָט אַזוי געשוויצט און גע־האָרעוועט, אַז ער האָט גלייך פאַרלוירן אַ פּאָר קילאָ. די יאַנקל־זשאַקעטע האָט דערווייל געלאַכט פון אים. אָבער קיין עצה האָט ער נישט געהאַט,

ווייל עפּעס אַנדערש איז נישטאָ וואָס צו עסן... די איטאַליענער מאַכן עפּעס אַזעלכע ביטערע מאכלים... גאַנץ איטאַליע קאָן נישט אָפּקאָכן קיין ריכטיק שטיקל פליייש. זיי נוצן פּודן זאַלץ און פעפער, אַז דאָס מאַכט אייך ניסן און הוסטן. דער מאָגן האָט אָנגעהויבן טאַנצן ביי יאַנקל־זשאַקן, אַז עס איז אים גאָרנישט געווען איינצוהאַלטן. דאָס זאַלץ און פעפער האָבן אים צעווילדעוויט, אַז יאַנקל־זשאַק האָט געמיינט, אַז ער וועט זיכער אַהיימקומען אָן אַ מאָגן פון דעם נאַרישן איטאַליע...

ביסלעכווייז האָט זיך יאַנקל־זשאַק צוגעוווינט צום זאַלץ און פעפער און אַפילו צו די „ספּאַגעטי". ער איז געוואָרן אַ קינסטלער פון שלינגען די לאַנגע, קילאָמעטערדיקע לאָקשן. אַזוי האָט ער זיך רואיק פאַרגע־זעצט דעם וועג צו דער אויסגעטרוימטער שטאָט ווענעדיק.

אָבער דאָס איז שוין איינמאָל געווען אָן אָנקומען. ווען איר זאָלט זען, וואָס דאָרט האָט זיך אָפּגעטאָן, עפּעס אַזאַ צוזאַמענגעלויף פון טויזנ־טער אויטאָס, ווי עס וואָלט דאָרט געברענט; און ווו אַהינצוטאָן זיך איז נישטאָ. די פּאָליציי מאַכט מיט די הענט, שרייט, נאָר ווער הערט זיי? און אַז מען הערט זיי שוין יאָ, פאַרשטייט מען נישט וואָס זיי ווילן. זיי רעדן איטאַליעניש! און יאַנקל־זשאַק איז אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז.

ס'איז דאָרט פאַראַן אַזוי פיל וואַסער, אַז מען קאָן דערטרונקען ווערן. יאַנקל־זשאַק האָט נישט פאַרשטאַנען נאָך וואָס מען קומט מיט אַ וואָגן קיין ווענעדיק, אַז מען קאָן נישט מיט אים אַרומפאָרן, מען דאַרף בעסער קומען מיט אַ שיף...

יאַנקל־זשאַק איז אָבער געקומען מיט אַ וואָגן, און ווו אַהינצוטאָן אים איז נישטאָ. אַלע וועגן, פלעצלעך זענען פאַרלייגט מיט וועגן. די פּאָליציי הערט נישט אויף צו שרייען, אַז מען זאָל צוריקפאָרן; און כאָטש מ'איז אַ נאַטוראַליזירטער פראַנצויז, מוז מען צוריקפאָרן קילאָמעטערס ווייט פון דער שטאָט, לאָזן ערגעץ אויף הפקר דעם וואָגן און דאַן גיין צופוס. מילא, יאַנקל־זשאַק וואָלט נאָך געגאַנגען, נאָר די יאַנקל־זשאַקעטע וויל נישט גיין, זי שרייט, אַז זי האָט נישט באַדאַרפט קומען קיין ווענעדיק; און אַז יאָ ווענעדיק, וואָס עפּעס גיין קילאָמעטערס צופוס? אויסער דעם איז איר נישט געפעלן געוואָרן די איטאַליענישע פּאָליציי, ווייל זיי שרייען אויף פראַנצויזן. מיט וואָס פאַר אַ רעכט, פרעגט זיך?

דערווייל מוז מען גיין, און נאָך דערצו מיט גרויסע פּעק און וואַלי־זעס אין די הענט. אַז זיי זענען מיט גרויסע שוועריקייטן צוגעקומען צו ווענעדיק און האָבן זיך אַריינגעזעצט אין אַ קליין שיפעלע, וואָס רופט זיך „גאָנדאָלאַ", וואָס ציטערט און וואַרפט זיך אויפן וואַסער, ווי אַ

שפּענדל, האָט יאַנקל־זשאַק געטראַכט, אַז עס וועט באַלד דאָ זיין, זיין ענדע. עפּעס איז אים דאָס שיפל נישט געפעלן געוואָרן; עס איז צו דיק, צו שמאָל און צו לייכט צו קענען אויסהאַלטן דאָס שווערע געפּעק; דערצו נאָך יאַנקל־זשאַקן מיט זיין שווערלעכער יאַנקל־זשאַקעטע. אָבער דער איטאַליענער, וואָס האָט געפירט דאָס שיפל, האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געמאַכט קיין גרויסע זאָרגן און געהאַלטן אין איין רעדן אַ שלעכטן פראַנ־צויזיש, ער האָט דערקלערט ווי די גאַסן הייסן; אָבער יאַנקל־זשאַק האָט נישט פאַרשטאַנען קיין איין וואָרט. וואָס הייסט גאַסן, אַז מיר זענען אויפן וואַסער? נאָכוואָס איז ער דאָ אַהער געקומען? פון אַ פאַרפּלייצונג אַנטלויפט מען... און דאָ — אַזאַ פאַרפּלייצונג. די הייזער שטייען אין וואַסער, מענטשן לויפן אַהער און אַהין, ווי די משוגעים; און יאַנקל־זשאַק איז אויך אין דער מיט. און נאָך אַ זאַך האָט יאַנקל־זשאַק נישט פאַרשטאַנען: צו וואָס האָט געטויגט אַריינצושטעלן הייזער אין וואַסער? וואָס עפּעס אַריינפירן מענטשן אין אַ וואַסער אַריין? די מענטשן שווימען אַ גאַנצן טאָג. צו דער אַרבעט גייען זיי שווימענדיק, פון דער אַרבעט שווימען זיי גייענדיק. זייערע הייזער שטייען אין וואַסער, זייערע גאַסן זענען אין וואַסער, זייער גאַנץ לעבן איז אויפן וואַסער. און אַפילו, אים אַליין האָט מען אַריינגעפירט אין אַ האָטעל, וואָס שטייט העלפט אין וואַסער. יאַנקל־זשאַקן האָט זיך געדוכט, אַז ער געפינט זיך אין נחס תיבה, אַז אַ מבול איז דאָ אַדורכגעגאַנגען און אַלץ חרוב געמאַכט. אָבער אַז ער האָט זיך אַביסל באַרואיקט, אָוועקגעשטעלט זיך ביים פענצטער, האָט ער אָנגעהויבן צו באַוווּנדערן ווענעדיק מיט די וואַסערדיקע אויגן און האָט אָנגעהויבן דעקלאַמירן אויפן הויכן קול: אָ, ווענעציע! אָ, ווענעציע! אָ, ווענעדיק! ווי שיין דו ביסט! וועגן דיר האָבן דאָך אַזוי פיל פּאָעטן געזונגען. טאָ הער אויך צו דאָס געזאַנג פון יאַנקל־זשאַקן, דעם שניידער...

נאָר דאָ האָט זיך די יאַנקל־זשאַקעטע אַריינגעמישט:

— וואָס ביסטו משוגע געוואָרן, וואָס אַקעסטו אַזוי? וואָס שרייסטו אין דער וועלט אַריין? מענטשן וועלן זיך צוזאַמענלויפן, מאַך צו די פענצטער, עס פילט זיך די פייכטקייט, עס טוען מיר ווי מיינע „האַר־מאַטן”!...

עס האָט אים אַזוי ווי געטאָן, וואָס די יאַנקל־זשאַקעטע האָט אים איבערגעריסן זיין מוזע, זיין אָדע, זיין יאַנקל־זשאַקישן הימן צו ווענעדיג, די שטאָט, וואָס שטייט נעבעך אין וואַסער, אַז ער איז אַוועק פון פענצ־טער, זיך געוואָרפן אין בעט אַריין, אָבער איינשלאָפן האָט ער נישט געקאָנט. ער האָט געטראַכט, געזוכט אַ מיטל ווי אַזוי צו ראַטעווען ווענעדיג פון אונטערגאַנג. ער האָט געטראַכט, אַז עס וואָלט זייער גוט געווען

אויסצופלימפּן דאָס וואַסער פון ווענעציע. אַוועקשטעלן אַ סך פּלומפּן און זיי זאָלן האַלטן אין איין פּלומפּן, ביז עס וועט ווערן טרוקן, אַז מען זאָל קאָנען אַריבערגיין פון איין עק שטאָט אין אַנדערן, און מען זאָל נישט מוזן שווימען דאָס גאַנצע לעבן אויפן וואַסער.

מיט דעם גליקלעכן פּלאַן איז ער איינגעשלאָפן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און האָט געחלומט, אַז מען וועט אים נאָך אַמאָל אויפשטעלן אַ דענקמאָל אין ווענעדיק, ווי קאָלאָמבוסן אין אַמעריקע, וווּ עס וועט שטיין אויפגעשריבן: „יאַנקל-זשאַק, דער רעטער פון ווענעציע"...

יאַנקל-זשאַק וואָלט אַזוי געחלומט גאַנצע וואָכן, גאַנצע חדשים, גאַנצע יאָרן, ער וואָלט גאַרנישט אויפגעשטאַנען פון בעט, נאָר ער וואָלט געחלומט ווי אַזוי ער, יאַנקל-זשאַק, דער שניידער, האָט געראַטעוועט ווענעדיק... אָבער די יאַנקל-זשאַקעטע האָט פון אים געריסן שטיקער:

— יאַנקל-זשאַק, מיר זענען נישט געקומען שלאָפן קיין ווענעציע... ס'איז שוין גרויסער טאָג! הייב זיך אויף, מען דאַרף גיין באַזוכן די מוזעאומס, באַקוקן די היסטאָרישע ערטער, באַזוכן די אַלטע קירכעס...

האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן אין מוזעאומס. מען האָט זיי געוויזן הייליקע בילדער, רעליגיעזע בילדער, עפּעס אַזוי פיל בילדער, אַז ער איז שיר אַליין נישט געוואָרן אַ הייליקער יאַנקל-זשאַק... זיי זענען שוין געהאַט אויסגעגאַנגען אַלע מוזעאומס, אַז פאַר די אויגן זענען אים נאָר געפלויגן מלאכים. די יאַנקל-זשאַקעטע, ווו נאָר זי האָט דערשמעקט אַ קירכע, אַן אָפּגעריבענע, אַן אַלטע, האָט זי אים געשלעפּט באַזוכן. ער האָט שוין מער נישט געקאָנט שלעפּן זיך אויף די פיס; האָט ער געליטן און ער וואָלט עס זיכער נישט געווען אויסגעהאַלטן, ווען ער עסט נישט אַזוי פיל „ספּאַגעטי", ווייל דאָס גיט כוח. די איטאַליענער זענען נישט קיין נאַראָנים, זיי ווייסן וואָס זיי טוען. די איינציקע זאַך, וואָס קאָסט ביליק אין איטאַליע; כאָטש ער האָט אין די ערשטע טעג פאַרלוירן אַזוי-פיל כוח דערפון.

און געגאָנדאָלעוועט האָבן זיי זיך, געהאַלטן אין איין גאָנדאָלעווען. ס'איז דאָך אַזוי ראָמאַנטיש, אַזוי סענטימענטאַל, אַז די נשמה קאָן אייך אויסגיין אין איין מינוט. ווענעדיק איז אַזוי שיין, ס'איז נאָר אַ שאָד, וואָס די שטאָט שטייט אין וואַסער... אַ נישט וואָלט עס געווען אַ גאַנץ פיין שטעטל...

נאָך איין פעלער האָט ווענעדיק, און דווקא אַ גרויסן פעלער, ספּעציעל פאַר אַ שניידער; ווען איר זענט דאָרט אונטער אַ פּאָר טעג, ליידיקט זיך דער טייסטער אַליין אויס, איר ווייסט גאָר נישט ווי אַזוי

דאָס איז געשען, אָבער ער איז ליידיק. און אין דעם איז ווער, מיינט איר, שולדיק? די הייליקע בילדער און די גאָנדאָלן. זיי נעמען אייך צו די פּאָר שניידערישע פראַנקן. איר קומט צוריק פון ווענעדיק ווי פון אַ פאַר־פלייצונג... מיט ליידיקע הענט... ווארום ווענעדיק איז ווי אַ שיין מיידל... מיט אירע פאַרחלומטע, וואַסערדיקע אויגן... קאָן זי ביי אייך אַלץ צו־נעמען... און דווקא מיט אַ זיס שמייכלעלע, וואָס פאַרכישופט. און דו מוזט זי ליב האָבן... אייביק ליב האָבן...

אַלץ איבער אַ נאַריש בענקל...

ס'זענען פאַראַן מענטשן, וואָס וואָלטן אייך אָוועקגעגעבן כ'ווייס נישט וואָס פאַר אַ בענקל... זיי זענען גרייט צו שלאָגן זיך פאַר אַ בענקל... זיי ווערן ברוגז איבער אַ נאַריש בענקל... קוים גיט מען זיי נישט דאָס בענקל, טוט זיך חושך, זיי זענען באַליידיקט, זיי היצן זיך — וואָס הייסט, מען האָט געוואַגט נישט פאַרצולייגן זיי קיין בענקל?...

יאַנקל־זשאַק ווידער האַלט נישט פון די זאַכן, ער זוכט נישט קיין כבוד, ער דאַנקט גאָט, אַז מען לאָזט אים צורו. איבער אַ נאַריש, הילצערן בענקל, זאָגט ער, לוינט זיך נישט צו שלאָגן.

עס ווענדט זיך אָבער ווו דאָס בענקל שטייט... שטייט עס עפּעס ערגעץ אין אַ ווינקל פון זאַל, גלאָט אַזוי, ווו קיינער זעט עס נישט, איז עס אַן אָרעם בענקל, וואָס ס'לוינט זיך אַפילו נישט דעריבער צו רעדן. איז עס אָבער אַ בענקל, וואָס שטייט אויבנאָן, אויף אַ בינע, אין אַ פּרע־זידיום, דאָס איז שוין עפּעס אַנדערש. ס'איז טאַקע אויך אַ בענקל פון האָלץ, אָבער עס איז דאָך אַן אַנדער בענקל... ס'האָט נישט דעם זעלבן אויסזען — ס'איז חשובער, ס'איז באַלויכטן מיט מער ליכט; אַזאַ בענקל האַלט זיך אין גרויסן, אויף אַזאַ בענקל זעצט זיך נישט אַבי־ווער. אויף אַזאַ בענקל קוקן אַמאָל טויזנטער מענטשן. אַזאַ בענקל זעט זיך מער אַרויס, אַלע אַנווע־זנדע קענען אייך באַוווּנדערן ווי שיין איר זענט... ווי סימפּאַ־טיש איר זענט... וואָס פאַראַ וואָנצעס איר טראָגט, וואָס פאַראַ קראַוואַט. עס איז זיך גוט צו פילן אַזוי אין סאַמע צענטער אויף אַזאַ בענקל, מען פילט זיך עפּעס אַזוי וויכטיק, אַז איר קאָנט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן.

און אָט איבער דעם בענקל טאַקע קומען פאָר אַזוי פיל געשעענישן: מען שלאָגט זיך, מען הרגעט זיך, מלחמות ברעכן אויס, מענטשן פאַלן; אַלץ צוליב דעם, ווייל מען האָט דאָרט ווען נישט פאַרגעלייגט אַ בענקל...

אַדער דערפֿאַר, ווייל עס ווילט זיך זיצן אויף אַ בענקל, וואָס אַן אַנדע־רער זיצט שוין אויף דעם.

וואָס צערייסן זיי זיך אַזוי דעם יאַשטשיק איבער אַ נאַריש בענקל? וואָס פֿאַרא נפקא־מינה ווו מען זיצט, אַבי מען שטייט נישט אויף די פֿיס, אַז מען דאַרף נישט שטיין מיט די געשוואָלענע פֿיס די גאַנצע צייט...

יאַנקל־זשאַק, אַז ער קומט אַמאָל אויף אַ קאָנגרעס, מיינט איר, אַז עס איז אים אַן אונטערשייד ווו ער זיצט? גאָר, וואָס אַן אמת, פֿאַרדריסט אים דאָך, ווען מען לאָדט אים נישט איין צו זיצן אויף אַזאַ בענקל; נישט ווייל ער באַדאַרף דאָס בענקל, אויף כפּרות דאַרף ער עס, נאָר גאָרנישט, ער האַלט עס פֿאַר אַ באַליידיקונג אים נישט צו באַמערקן אין זאַל... און וואָס פֿאַר אַ פּרעזידענט איז עפּעס דער, וואָס לאָדט אים, יאַנקל־זשאַקן, נישט איין צו זיצן לעבן זיך?... און יאַנקל־זשאַק ווערט אַ שונא דעם פּרע־זידענט אויפֿן גאַנצן לעבן; ער קוקט צו אים אַרויף מיט גרויסע אויגן און ער הויבט אַן אויסצוגעפינען, אַז דאָס איז אַן אומקולטורעלער מענטש, אַז ער שטייט נישט אויף דער געהעריקער הויך... וואָס איז נישט ווערט צו זיין פּרעזידענט. עפּעס איז זיין אויסזען נישט אין אָרדענונג, זיין קראַ־וואַט איז נישט גוט פֿאַרשלייפֿט, ער זיצט נישט אין דער מיט, און דער אַנצוג, וואָס ער טראָגט, איז נישט קיין שיינער; ער האָט נישט גענוג קיין פֿיינע שטריכן, זיין פּנים איז עפּעס נישט קיין פּנים, ווי אַ פּרעזידענט באַדאַרף צו האָבן...

אין יאַנקל־זשאַקן קאָכט און זידט דאָס בלוט: וואָס הייסט? ווי וואָגט מען דאָס צו פֿאַרגעסן אין אים? ווי לאָזט מען אים עפּעס זיצן אויף אַ פּראָסט בענקל, וואָס האָט נישט דעם ווערט, אַז יאַנקל־זשאַק זאָל דערויף זיצן? פֿאַרוואָס, געוואַלד און געשריגן, לייגט מען אים נישט פֿאַר אָט יענץ בענקל, וואָס שטייט אויף דער טריבונע? אַך, ווי ס׳מוז דאָרט זיין גוט צו זיצן! און נאָך דערצו, ווען אַלע מענטשן קוקן אַרויף צו דיר, ווי דו זיצסט זיך אַזוי אויבן־אָן. ווייל אויף אַזאַ בענקל האָט נישט יעדער איינער דעם כבוד צו זיצן; און טאַקע אין דעם גייט עס.

איצט פֿאַרשטיי איך שוין, פֿאַרוואָס מענטשן מאַכן רעוואָלוציעס צוליב אַ בענקל... ווייל מיינט נישט, ס׳איז אַ גרויסע באַליידיקונג פֿאַר אַ מענטש, ווען מען רוקט אים דאָרט אונטער עפּעס אַ בענקל, וואָס איז אונטער זיין כבוד; און דער מענטש פֿילט באַשיינפּערלעך, אַז ער באַדאַרף גאָר זיצן אויבן־אָן, נישט אין דער זייט; הייסט עס, אַז מען זוכט אים צו באַ־ליידיקן, אים צום נאַר מאַכן אין אַלעמענס אויגן; און דאָס, זעט איר, איז זייער נישט שיין. טאַקע אַזוי, פֿאַרוואָס זאָל מען אַ מענטשן מבֿיש זיין עפּנטלעך?

יאַנקל־זשאַק איז טאַקע קעגן דעם. מען טאָר נישט עפנטלעך באַ־לײדיקן אַ מענטשן, איבערהויפּט ווען עס האַנדלט זיך אין אַ נאַריש בענקל. ווען עס האַנדלט זיך אין יאַנקל־זשאַקן, וואָלט ער געמאַכט אַ ריזן־טריבונע און אַלע מענטשן געגעבן בעסערע בענקלעך. פאַרוואָס נישט? אַזוי אַרום וואָלטן מיר אויסגעמיטן אַלערליי צרות, מלחמות, רע־וואָלוציעס, אויפשטאַנדן און גלאַט אַזוי „דועלן", ווו מענטשן הרגענען זיך אָוועק צוליב אַ בענקל. וואָס עס טוט זיך אַלץ אָפּ אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער, למשל, איבער אַ נאַריש בענקל. יעדע צווייטע נאַכט וועקט מען אויף די מענטשן פון שלאָף, מען שיסט, מען באָמבאַרדירט, מען צעשטערט הייזער, און אַלץ דערפאַר, ווייל צוויי אָדער דריי מענטשן שלאָגן זיך איבער אַ בענקל... מען האַלט רעדעס צום פאָלק, מען זאָגט צו גאָלדענע גליקן:

— איך — שרייט דער, וואָס וויל זיצן אויף דעם בענקל, וואָס אַ צווייטער זיצט אויף אים, — איך וועל אײַך געבן האָניק מיט פּוטער און געבראָטענע טייבעלעך... איר וועט זען ווי ווויל עס וועט אײַך זײַן, ווען איך וועל זיצן אויף דעם בענקל...

לויפן די מענטשן פון די בעטן שלאָגן זיך, קומען אום און העלפן אַפּנעמען דאָס בענקל און שטעלן עס אַרונטער אונטער דעם נייעם זיץ־פלאַץ; און אַז דער נייער זיצט שוין אויף דעם אויסגעטרוימטן בענקל, איז ער אַזוי צופרידן! שלאָפט ער און שלאָפט און פאַרגעסט, אַז ער האָט צוגעזאָגט האָניק און פּוטער... ער האָט נישט קיין צייט, אים איז גוט, ער האָט דאָס בענקל, זאָל זיך די וועלט איבערדרייען, אַבי זײַן בענקל זאָל שטיין אין סאַמע מיטן צענטער און אַלע אויגן זאָלן זײַן געווענדט אויף אים...

אָבער דאָס געשעט דאָך נאָר אין די לאַטײַן־אַמעריקאַנישע לענדער. אין אייראָפּע זענען מיר צו קולטורעל, אַ סך מער קולטורעלער. מען שלאָגט זיך טאַקע אויך דאָ איבער אַ בענקל, אָבער עס גייט צו אויף אַ קולטורעלן אופן.

אָט האָט זיך פראַנקרייך געשלאָגן איבער אַ בענקל אין אינדאָכינע. די אינדאָכינעזער האָבן געשריגן: „גיב אונדז צוריק אונדזער בענקל, וואָס האָסט פאַרכאַפּט! ביסט שוין גענוג געזעסן אויף אונדזער בענקל! מיר מוזן שטיין אין דער צייט ווען דו זיצסט אויף אונדזער בענקל"...

מיינט איר, אַז די עטלעכע פראַנצויזן האָבן געוואָלט פאַרשטיין די שפּראַך פון די אינדאָכינעזער? אַ נעכטיקער טאָג! זיי האָבן געענטפערט:

— ס'איז אמת, אַז דאָס בענקל איז דײַן, אָבער דו וועסט נישט קאָנען זיצן דערויף, דו ביסט נישט גענוג קולטורעל... ווייל קוים גיבן מיר אײַך

אַפּ דאָס בענקל, וועט זיך טאָן חושך אין אייער לאַנד... ס'וועט נישט זיין קיין אָרדענונג... ווער ווייסט צו וואָס עס קען קומען, קוים שטעלן מיר זיך אויף פון דעם בענקל... באַזונדערס, ליבע אינדאַכינעזער, זיצן מיר דאָ פאַר אייער טובה וועגן...

אַז די אינדאַכינעזער האָבן געזען, אַז עס איז גאָר נישטאָ וואָס צו מאַכן מיט די מענטשן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט זייער בענקל מיט כוח, האָבן זיי געגומען ביקסן און האָבן זיך אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זיי האָבן ענדלעך זייער אייגן בענקל צוריק באַקומען; און זיי זיצן דערויף גאָר־נישט ערגער ווי די קולטורעלע פראַנצויזן.

און איצט שלאָגט מען זיך ווידער איבער אַ בענקל. ווידער דאָס זעלבע: די אייגנטימער פון בענקל ווילן צוריק זייער בענקל און די פרעמדע, וואָס זיצן אויף דעם בענקל, ווילן בשום אופן נישט אַרונטער־נעמען זייער הינטן פון בענקל. זיי זאָגן: קוים פאַרלאָזן מיר דאָס בענקל, וועט איר זיין אומגליקלעך... איר זענט נישט גענוג קולטורעל צו זיצן אויף דעם בענקל... ס'באַדאַרף פאַר אייך זיין אַ גרויסער כבוד, וואָס מיר זיצן אויף אייער בענקל...

שרייען ווידער די אייגנטימער פון דעם בענקל: מיר וועלן שלעכט זיצן, מיר וועלן גוט זיצן, וואָס גייט אייך אָן, ווער בעט אייך איר זאָלט זיך מישן אין אונדזערע געשעפטן? גיט אונדז צוריק אונדזער בענקל און פאַרטיק...

מיינט איר, אַז די פרעמדע ווילן הערן? מען שלאָגט זיך, בלוט גיסט זיך און ווער ווייסט ווי לאַנג עס וועט אַזוי דויערן, ביז די אייגנטימער וועלן קאָנען זיצן אויף זייער אייגן בענקל... ווייל ענדיקן, ענדיקט זיך דאָך שטענדיק צום גוטן. די, וואָס זעצן זיך אַרויף אויף אַ פרעמד בענקל, מוזן, סוף כל סוף, אַראָפּ.

זעט איר שוין, וואָס עס קאָן אַלץ פאַרקומען צוליב אַ נאַריש בענקל? שנאה, קנאה, מלחמות, רעוואָלוציעס און אַ סך גיבן אַוועק דאָס לעבן צוריק אוסצוקעמפן זיך זייער אייגן בענקל.

אָבער יאַנקל־זשאַק וויל נישט קיין גרויסעס. פון צייט צו צייט וויל ער זיצן אויף עפּעס אַ בענקל, וואָס שטייט פון אויבן־אָן... אָבער ער וויל, חלילה, נישט ביי עמיצן צורויבן זיין בענקל... ער וויל, חלילה, קיינעם קיין שלעכטס נישט טאָן...

קומט אים עפּעס דערפאַר?

יאַנקל־זשאַק וויל אַנטלויפֿן פֿון דער מלחמה...

יאַנקל־זשאַק איז אַ ייִד אַ חכם, ער זעט פֿאַר זאַכן פֿאַר אַ מייל, ער האָט זייער וויטזיכטיקע אויגן; ער באַדאַרף נישט טראָגן קיין ברילן, צו זען אין דער ווייטער צוקונפֿט אַריין.

ווי נאָר ס׳זענען אַוועק די ערשטע פֿאַר יאָר נאָך דער לעצטער מלחמה, האָט ער צו אַלעמען געגומען טענהן, אַז עס וועט נישט גוט זיין:

— קינדער — האָט ער אַלעמען געזאָגט — פֿינצטערע וואָלקנס רוקן זיך אָן...

אמת, ס׳איז אים גאַרנישט אַזוי שלעכט געגאַנגען, ער האָט זיך גאַנץ פֿיין אַן עצה געגעבן; ווייל קיין נאַר איז ער דאָך נישט, יאַנקל־זשאַק, און קיין פֿוילער אויך נישט, נאָר וואָס דען? די זאָרג פֿאַר דער צוקונפֿט הרגעט אים איינגאַנצן אַוועק, דער מאָרגן לאָזט אים נישט צורו. איי, דער מאָרגן! ווער ווייס, וואָס ער קאָן ברענגען, מיר זענען נישט זיכער מיטן שטיקל לעבן, מיר געפֿינען זיך אויף אַ ווולקאַן. די איינציקע פֿאַר האָר זענען אים פֿון קאָפּ אַרויסגעקראָכן פֿון אַזויפֿיל אַריינקלערן אין דער צוקונפֿט אַריין. גאַרנישט איז אים אָנגעגאַנגען, פֿון גאַרנישט האָט ער הנאה געהאַט.

— אַ מענטש איז דאָך נישט קיין בהמה, וואָס היינט פֿרעסט זי און מאָרגן פּגרט זי אַוועק. אַ מענטש מוז דאָך טראַכטן פֿון אַ תּכלית, זיך ראַטעווען דאָס לעבן.

יאַנקל־זשאַק האָט אַזוי כּסדר געקלערט און געקלערט, ביז ער האָט עפּעס אויסגעפֿונען.

אין איינעם אַ נאָכמיטאָג, איז יאַנקל־זשאַק אַהיימגעקומען אַן אויפֿ־

געלייגטער, צונויפגערופן דאָס בני־בית אין גרויסן סאַלאָן ביים טיש און אַ זאָג געטאָן:

— קינדער, מיר פאָרן אַוועק פון דעם לאַנד, וווּ ס'ברענט די ערד אונטער די פיס. איך האָב באַשלאָסן, אַז מיר וועלן אַוועקפאָרן איבער ימים, ווייט, ווייט, וווּ די מלחמה וועט נישט דערגרייכן. וואָס ווייטער פון דער מלחמה.

ער האָט געסאָפּעט, געשוויצט, גענומען אַרומפאָרן מיט זיין טאַשנ־טיכל איבערן האַלבן גאָלן קאָפּ, איבערן קאַרק, איבער די באַקן. דער־נאָך האָט ער אַ באַרואיקטער מיט ישוב הדעה גענומען דערקלערן די בני־בית:

— עס זענען נאָך דאָ בסך הכל עטלעכע לענדלעך אויף דער וועלט, וווּ מען קאָן זיך ראַטעווען, אַנטרונען ווערן פון דער מלחמה... און מיר טאָרן נישט פאַרשפּעטיקן קיין איין מינוט, ווייל מאָרגן קאָן שוין זיין צו שפּעט.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ חתונה אין שטוב. זשאַנעט, די עלטסטע טאָכ־טער האָט געשריגן און געטומלט, אַז זי וויל נישט אַוועקפאָרן, פראַנק־רייך איז איר לאַנד, דאָ איז זי געבוירן געוואָרן און דאָ וויל זי פאַרבלייבן. איי, די מלחמה, זענען דאָ אין פראַנקרייך מיליאָנען מענטשן, וואָס האָבן אויך פיינט די מלחמה און פאָרן נישט אַוועק.

ענטפערט ער איר, אַז ער, יאַנקל־זשאַק, קאָן נישט זאָרגן פאַר אַלע מענטשן. און אויב אים איז שוין יאָ איינגעפאַלן אַזאַ פיינער פּלאַן, דאַרף מען זיך ראַטעווען. ווער עס וויל, טענהט ער, זאָל זיך בלייבן זיצן גע־זונטערהייט אויפן ווולקאַן, אָבער אים זאָל מען אַרויסלאָזן פון עסק...

אָבער זשאַנעט האָט זיך געהאַלטן ביי אירס: ניין און ניין, זי וועט נישט אַוועקפאָרן, מענטשן אַרבעטן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין מלחמה, מיליאָנען מענטשן שרייבן אונטער. און צווייטנס, וועט זי נישט לאָזן איר „לולו"... אַז אַ צווייטע זאָל אים איר אויסכאַפּן...

דערהערט דאָס, איז יאַנקל־זשאַק גאָר אַרויס פון די כלים.

— וואָס, אַ פרעמדער פראַנצויז איז דיר מער ווערט ווי דיין טאַטע־מאַמע?

יאַנקל־זשאַק האָט זיך אַזוי צעשריגן, אַז די קלענערע קינדער האָבן זיך דערשראָקן און וויינענדיק זיך צעלאָפן אין אַלע ווינקעלעך פון דער שטוב. יאַנקל־זשאַק איז געבליבן פאַרעקשנט, האָט אַרויסגענומען פון פּאָרטפעל דעם צעטל מיט „מלחמהלאָזע" לענדער און זיך געגרייט צו לאָזן זיך איבער די קאָנסולאַטן. די ערשטע ריי האָט געדאַרפט זיין: אַרגענטינע, אויסטראַליע, קאַנאַדע.

ווי נאָר דער טאָג האָט זיך געשטעלט, איז שוין יאַנקל־זשאַק געווען ביי די קאָנסולאַט־טירן און געוואַרט, אַז זיי זאָלן זיך עפענען און ער זאָל זיין פון די ערשטע קליענטן, מען זאָל אים נישט פאַרכאַפּן דעם פּלאַץ... אַזוי האָט ער זיך פאַרמיטאָג פאַרשריבן אין אַרגענטינישן קאָנסולאַט, נאָכמיטאָג אין אויסטראַלישן קאָנסולאַט און דעם צומאָרגנס אינדערפרי האָט ער איבערגעלאָזט פאַר קאַנאַדע. פון אַלע קאָנסולאַטן איז יאַנקל־זשאַק אַהיימגעקומען מיט פּעק פּאַפּירן, וואָס מען האָט אַלץ געדאַרפט אויספילן. האָט ער טאַקע אַ רוף געטאָן זיין עלטסטע טאָכטער זשאַנעט, וואָס האָט שוין צוויי „באַשאָס", אַז זי זאָל שרייבן. אָבער זשאַנעט האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט נישט שרייבן; יאַנקל־זשאַק האָט געשריגן, אַז זי זאָל יאָ שרייבן.

— ווינציק געלט האָסטו מיך אָפּגעקאָסט, אַז דו זאָלסט קענען אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער! — האָט ער געשריגן — מיינסט, אַז אַזוי גרינג זענען מיר אָנגעקומען דיינע צוויי „באַשאָס"? פּראַצע, געזונט, לעבן און איצט וועט מען מיר נישט וועלן אויספילן עטלעכע נאַרישע פּאַפּירלעך!... פּעטש וועלן פליען! דיין טאַטע האָט דיך געבערענגט אויף דער וועלט, דיך דערצויגן, איך וועל דיר ווייזן!

און ער האָט אויפגעהויבן די הענט ווי צום שלאָגן, נאָר דאָ האָט זיך שוין די יאַנקל־זשאַקעטע אַריינגעמישט:

— וואָס קאָן עס דיך אַרן, אַז דו וועסט שוין שרייבן? קודם כל שרייב, פאָלג מיך, זשאַנעט... וועגן פאָרן וועט מען שוין זען שפּעטער. דער קאָנסולאַט וועט דאָך דיך נישט קומען בייטן צו פאָרן...

אָבער יאַנקל־זשאַק איז נישט געווען אינגאַנצן צופרידן מיט זיין ווייבס פשרה, כאָטש זיינס האָט ער אויסגעפירט: זשאַנעט האָט זיך גענומען אויספילן די פּאַפּירן.

— צו וועלכן לאַנד דאַרף איך שרייבן? — האָט זי אַ פרעג געטאָן.

— צו אַלע דריי לענדער... — האָט יאַנקל־זשאַק לאַנג נישט געטראַכט.

— מיר וועלן דאָך נישט פאָרן אין אַלע דריי לענדער גלייכצייטיק — האָט זשאַנעט נישט געקאָנט פאַרשטיין.

— הער אויס טאָכטער מיינע, דו האָסט טאַקע געמאַכט צוויי „באַשאָס", נאָר צו וויפל לענדער מען דאַרף שרייבן, ווייס איך בעסער פון דיר... שרייב ווי איך הייס דיר, צו אַלע דריי לענדער, דו הערסט צי נישט?

דערביי האָט ער צוגעגעבן:

— אוי בין איך געווען אַ נאַר! אַנשטאָט זי צו שיקן אין שולעס, ווען איך וואָלט אַליין זיך אָוועקגעזעצט אויף די שול־בענק, וואָלט איך מיט מיין יאַנקל־זשאַקישן קאָפּ נישט געהאַט צוויי „באַשאָס", נאָר הונ־דערט „באַשאָס", טויזנט „באַשאָס"... נישט באַדאַרפט אָנקומען זי זאָל מיר דאַרפן שרייבן אַ פּאָר נאַרישע ווערטער... טאַקע, פאַרוואָס האָב איך מיר נישט געגעבן אַ מאַך אַ פּאָר „באַשאָס"?...

זשאַנעט האָט טאָג און נאַכט געשריבן, אויסגעפּילט די שטויסן פּראַגע־בויגנס מיט איר שיינער האַנטשריפט, וואָס האָט יאַנקל־זשאַקן אָפּגעקאָסט אַ פאַרמעגן...

אַז עס זענען אַדורך עטלעכע וואָכן און יאַנקל־זשאַק האָט נאָך פון קיין איין קאָנסולאַט נישט געהאַט קיין איין ענטפער, איז ער אַרומגע־לאָפן ווי משוגע. און ער האָט געהאַלטן אין איין אַריינטראַכטן צי די באַאַמטע דאָרט טוען אים נישט אַמאָל אַפּ אַ שטיקל; און אפשר, האָט ער געטראַכט, דאַרף מען זיי געבן אין יד אַריין, „שמירן"... ווייל וואָס וועט ער זשאַלעווען דאָס געלט, צו וואָס דאַרף ער עס?... איז ער גאַנצע נעכט נישט געשלאָפן, כסדר נאָר געהאַלטן אין איין זאָרגן זיך, וועגן דעם, אַז די וויזעס זאָלן אַמאָל נישט אָנקומען צו שפּעט... ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיצן ביי דער מאַפּע און קוקן, זוכן לענדער, פאַרגלייכן, וועלכעס לאַנד איז דאָס זיכערסטע, דאָס בעסטע, דאָס סאַמע וויטסטע, דאָרט, ווו די אָוויאָנען האָבן מער נישט קיין כוח צו דערפליען, ווו מען קאָן זיין אינגאַנצן זיכער...

ענדלעך נאָך לאַנגע, לאַנגע וואָכן וואַרטן, איז אָנגעקומען דער אויס־געקוקטער בריוו פון אַ קאָנסולאַט — פון אויסטראַלישן. זאָל זיין פון אויסטראַלישן, אַבי פון אַ קאָנסולאַט. מען האָט יאַנקל־זשאַקן איינגע־לאַדן צו קומען מיט פּאַטאָס און מיט אַלע נויטיקע פּאַפּירן. פאַרשטייט זיך, אַז יאַנקל־זשאַק איז אַרומגעלאָפן אַ פאַרשמייעטער, אַ פאַריאָכמע־טער, נישט געשלאָפן און נישט געגעסן. ער האָט זיך געטראָגן אויף די טרעפּ אין איין אָטעם; און אַז מען האָט אים אין קאָנסולאַט געזאָגט, אַז עס פעלט אים עפּעס אַ פּאַפּירל מיט אַ געוויסן שטעמפּל, איז ער ווידער אַרומגעלאָפן אַ פאַרשוויצטער אין די ביוראָס, געשמייכלט צו די באַ־אַמטע, זיי מכבד געווען מיט פּעקלעך סיגאַרעטן, ביז דאָס שטיקל נאַרישע פּאַפּיר מיטן שטעמפּעלע איז געווען אין זיינע הענט; און ער איז ווידער געלאָפן אין קאָנסולאַט אַריין, ווידער האָט מען אים געהייסן אַהיימגיין און וואַרטן; און ווידער האָט ער געוואַרט. די וואָכן האָבן זיך געשלעפּט ווי אַ פאַרשלעפּטע קרענק. מען האָט נישט געזען און נישט געהערט.

יאַנקל־זשאַק האָט עס אויסגעטייטשט, אַז נישט אַנדערש, נאָר אין דעם מוז שטעקן דער „קאָנסיערזשקעס״ האַנט. כדי אים אָפּצוטאָן אַ שטיקל, האַלט זי זיי. ער האָט אָנגעהויבן שמייכלען צו איר און צו זאָגן איר אַ ברייטן „באָנזשור״ און גלאָט אַזוי אַ פּאָר פראַנק איר אַריינשטעקן אין דער האַנט. אַזוי האָט ער געפּאַשעט די „קאָנסיערזשקע״ שיינע וואָכן און דערפאַר האָט ער רעכט געהאַט צען מאָל אין טאָג זי צו מאַטערן, צי עס איז עפּעס נישט אָנגעקומען פאַר אים פון די קאָנסולאַטן, צי זי האָט גוט געקוקט און זיך נישט טועה געווען און אַוועקגעגעבן זיינע בריוו אַ צווייטן לאָקאַטאָר...

ביז איינמאָל אַ פרימאָרגן האָט ער באַקומען, טאַקע פון דער „קאָנסיערזשקעס״ הענט אַליין, דאָס אמתע אויסגעקוקטע בריוועלע, אין וועלכן דער קאָנסולאַט גיט אים צו וויסן, אַז ער, יאַנקל־זשאַק, מיט זיין משפחה האָבן באַקומען דאָס רעכט אַריינצופאָרן קיין אויסטראַליע. די טייערע פּאַפּירן האָט ער, ווי אַן אבן טוב, אַריינגעלייגט אין דער אייזערנער קאַסע, אַז קיינער זאָל זיי, חלילה, נישט אַרויסגנבענען.

יאַנקל־זשאַק גדולה איז געווען גרויס, אָבער באַלד זענען אויך אָנגעקומען בריוו פון אַרגענטינישן קאָנסולאַט און פונעם קאַנאַדישן קאָנ־סולאַט; אין ביידע רופט מען אים צו קומען מיט פּאַטאָס און מיט די געהעריקע פּאַפּירן. איז יאַנקל־זשאַק געוואָרן זייער צעטומלט — מען קאָן דאָך נישט פאָרן אין אַלע דריי לענדער צוזאַמען. וואָס־זשע טוט מען? אין וועלכן לאַנד זאָל ער פריער פאָרן?

האָט ער באַשלאָסן מיט זשאַנעטן אַ קוק צו געבן אויף דער מאַפּע און וועלכעס פון די דריי לענדער געפינט זיך אַמווייטסטן, אַהין וועט ער פאָרן... ס'איז טאַקע גוט אויסגעפאַלן, וואָס אויסטראַליע ליגט צום ווייטסטן, ווייל היות אויסטראַליע האָט אים די ערשטע באַוויליקט די וויזע, פּאַסט אים דאָך נישט אָפּצוזאָגן און נאָך אָנטאָן עגמת נפש דעם אויסטראַלישן קאָנסולאַט.

אַז יאַנקל־זשאַק האָט שוין געהאַט פעסט באַשלאָסן צו פאָרן קיין אויסטראַליע, אַלע דערלויבענישן האָט ער שוין געהאַט אין טאַש, איז אים אויפסניי נישט־גוט געוואָרן, ווייל מ'האָט באַדאַרפט אָנהויבן אויס־צופאַרקויפן די דירה, דאָס געשעפט. דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער; ס'איז געווען נישט לייכט צו דעצידירן זיך פון וואָס אָנצוהויבן: פון דער דירה, צי פון געשעפט. ס'איז נישט קיין קלייניקייט, אַ גאַנץ פיינע דירה, וויפל מען האָט זיך אָנגעהאָרעוועט, ביז מען איז דערצו געקומען. איצט דאַרף ער דאָס אַלץ נעמען און איבערלאָזן. היינט דאָס געשעפט, מיט דער איינגעצויגענער קליענטעל... מיטן געשעפט, האָט יאַנקל־זשאַק גע־

טראַכט, האָט ער נאָך צייט, מען קאָן נאָך צוּוואַרטן ביז צום לעצטן מאָ־מענט, ס׳קאָן נאָך עפּעס אַריינברענגען דערוויייל ביז וואָס־ווען. ער וועט זיך פריער בעמען פאַרקויפן די וווינונג. אָבער ווו וועט ער דערווייל ביז צום פאָרן זיך אַהינטון? אין אַ האָטעל אַריין? פון אַזאַ וווינונג וועט יאַנקל־זשאַק דאַרפן גיין נעכטיקן אין אַ האָטעל, ווי עפּעס אַ „גרינער״...

און אַזוי ווי יאַנקל־זשאַק האָט זיך נישט געקענט דעצידירן, וואָס צו פאַרקויפן פריער, בכלל עפּעס צו פאַרקויפן, האָט ער באַשלאָסן צוצו־וואַרטן אַביסל, דערווייל ברענט נישט; בפרט, אַז די וויזע איז גילטיק אויף אַ יאָר צייט, וועט ער טאָקע צוּוואַרטן, אַבי ער האָט די פּאַפּירן ביי זיך אין טאַש, און דאָס איז דאָך דער עיקר. דערווייל האָט אים עפּעס אויסטראַליע אויפגעהערט אַזוי צו געפעלן. דאָס לאַנד איז עפּעס צו נאָענט צו קאַרייע... וואָס עס קאָן זיך אַלץ מאַכן... און אפשר האָט ער שוין בעסער געדאַרפט מסכים זיין אויף אַרגענטינע — דאַכט זיך נישט אַזאַ סטראַטעגישער פּונקט... קיינער האָט זיך דערווייל נישט בדעה צו כאַפּן צו אַרגענטיניע... וואָס שייך קאַנאַדע, איז ער ווינציקער זיכער מיטן דאָ־זיקן לאַנד.... עפּעס זענען די אַמעריקאַנער דאָרט גרויסע מחותנים, כאָטש זיי קוקן מיט פאַרגרעסערונגס־גלעזער אויף מזרח... און די מזרחדיקע וועלן זיך אוודאי אויך נישט לאָזן שפּייען אין דער קאַשע אַריין... אַזוי, אַז ער, יאַנקל־זשאַק, וועט זיך דערווייל האַלטן ביי אַרגענטינע; ער וועט מאַכן דאָס גרויסע פאַרגעניגן דעם אַרגענטינישן קאָנסולאַט און אים ענט־פערן, אַז ער איז מסכים אַהינצופאָרן. וואָס וועט ער אָבער זאָגן אויס־טראַליע? ווי קאָן מען מביש זיין אַזאַ גרויסע מדינה?

הכלל, יאַנקל־זשאַק האָט געהאַט אַ פאַרדרייטן קאָפּ. ער האָט נישט געוווּסט וווּהין צו פאָרן. און ווען ער האָט שוין יאָ געוווּסט, איז אים בכלל אַ שאָד געווען אַוועקצופאָרן. פון דער צווייטער זייט אָבער ווייס ער דאָך פאָרט, אַז אין אייראָפּע ברענט אַ פייער און אַז ער בלייבט זיצן אויף אַ ווולקאַן...

דערווייל זענען אַדורך חדשים און ס׳איז ווידער אָנגעקומען אַ בריוו פון אַרגענטינישן קאָנסולאַט, אַז מען דערלויבט יאַנקל־זשאַקן אַריינצור־פאָרן קיין אַרגענטינע. זענען זיי ווידער געלאָפן צו דאָקטוירים זיך צו מאַכן „פיקירן״ קעגן ים־קראַנקייטן, קעגן פאַרשידענע אַנדערע קרענק. מען האָט זיך אייליק גענומען גרייטן, מען איז אַרומגעלאָפן אין אַלע שיפס־געזעלשאַפטן, מען האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן דעם ווי די שיפן זעען אויס, וועגן זייערע באַקוועמלעכקייטן, וויפל עס קאָסט ערשטע קלאַס, וויפל צווייטע קלאַס און מען האָט אַפילו איינגעצאָלט האַנט־געלט אויך. נאָר איין זאַך האָט זיך נישט גערירט פון אָרט: דאָס פאַרקויפן דאָס גע־

שעפּט און די ווינונג, ווייל יאַנקל־זשאַק האָט פּאָרט נישט געקאָנט ביי זיך פּועלן צו נעמען און מאַכן אַ תל פון זיין האָדעוואַניע, פון זיין שווערער פּראַצע; דאָ גייען שוין באַלד אויס די וויזעס און יאַנקל־זשאַק ווייס נאָך אַלץ נישט וואָס צו טאָן. פון דער שיפס־געזעלשאַפט איז מען שוין אַפילו געקומען מעסטן דאָס געפּעק, דאָס מעבל, וואָס מען וועט דאַרפן אַוועקפירן, און יאַנקל־זשאַק רייסט זיך די לעצטע פּאָר האָר פון קאָפּ און ווייס נישט אויף וועלכער וועלט ער געפינט זיך.

די לעצטע צייט איז יאַנקל־זשאַק ווי געלעגן אין פיבער. ער האָט נישט געגעסן, נישט געשלאָפן, געהאַלטן אין איין מאַטערן דאָס בני בית, שטענדיק מיט דער זעלבער פראַגע: וואָס טוט מען? יאָ פאָרן? נישט פאָרן? אָבער די יאַנקל־זשאַקעטע פלעגט אים שטענדיק אָפּענטפערן מיטן זעלבן פזמון:

— פאַרדריי זיך אַליין דעם קאָפּ. איך האָב שוין נישט קיין כוח צו דיר. פאָר יאָ, פאָר נישט, טו וואָס דו ווילסט. ביסט אַריינגעקראָכן אין דער בלאָטע, גיב זיך אַליין אַן עצה אַרויסצוקריכן...

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת — איז יאַנקל־זשאַק געוואָרן מילדער צו זיין יאַנקל־זשאַקעטע — איך האָב עפּעס פאַרלוירן דעם חשק צו אַרגענטינע, מחמת כ'האָב געהערט, אַז דאָרט זענען זייער שטאַרקע היצן און זיי וועלן ווירקן שלעכט אויף דיין שוואַך האַרץ...

יאַנקל־זשאַק האָט כאָטש געוואָלט אַרויסבאַקומען פון זיין ווייב אַ שטיקעלע אומחן אויף אַרגענטינע. אָבער די יאַנקל־זשאַקעטע האָט שוין נישט געוואָלט מער געבן קיין עצות; און די מעשיות מיט די היצן, האָט זי געוווּסט, איז נאָר בלויז אַן אויסרייד, אַז ער מאַכט משוגע אַ וועלט.

— זאָג מיר, יאַנקל־זשאַק, וואָס דו טראַכסט צו טאָן, ווייל כ'בין שוין האַלב משוגע? מען פאָרט, אָדער מען פאָרט נישט?

— הער זיך איין, מיין ווייבל — האָט יאַנקל־זשאַק זייער ווייך געענטפערט — מען פאָרט, צי מען פאָרט נישט, כ'ווייס שוין אַליין נישט... איך שעם זיך פשוט אַוועקצופאָרן. ווען כ'טרעף אַ פריינט, קאָן איך אים נישט קוקן אין די אויגן אַריין, איך לאָז אים דאָ איבער אויפן ווולקאַן און גיי זיך אַליין ראַטעווען. מען קאָן טאַקע נישט פאַרזאָרגן אַ וועלט אָבער, כ'שעם זיך... אונדזער זשאַנעט האָט רעכט, אַזוי פיל מענטשן לעבן דאָ און פונקט איך גיי אַנטלויפן ווי אַ גנב...

און יאַנקל־זשאַק האָט אַזוי לאַנג געקלערט און געטראַכט, ביז די וויזעס זענען דערווייל אויסגעגאַנגען, די שיפן זענען פון די פאָרטן אַפּגעשוווּמען; און יאַנקל־זשאַק איז געבליבן זיצן אויף דער „ברענענדיקער

ערד פון אייראפּע", אויפן „וואולקאַן" ווו ער לעבט זיך גאַנץ נישקשה; און מען רעדט, אַז ער גרייט דערוויל, איידער וואָס־ווען, חתונה צו מאַכן זיין טאָכטער זשאַנעט... מיט היינטיקע קינדער איז זיך זייער שווער אַן עצה צו געבן...

און דער עיקר, די ערד אין אייראפּע ברענט נישט מער. מען זאָל אים געבן מיליאַנען, זאָגט ער, רירט ער זיך אויך מער נישט פון אָרט. און צוריקגעשמועסט, ווען ער וויל יאָ פאָרן קאָן ער שוין אויך נישט, נישט ווייל אַלע וויזיעס זענען אים אויסגעגאַנגען. ער האָט דאָך באַליידיקט דריי לענדער. ווען עס קומט אים אַמאָל אויס דורכצוגיין פארביי די קאָנסולאַטן, פאַרשנעלערט ער דעם גאַנג, ווייל קוים קומען אים אַמאָל אַקעגן די אַמבאַסאַדאָרן, טאָ וואָס וועט ער זיי זאָגן?...

אַזוי האָבן זיך געענדיקט די גרויסע רייזעס פון יאַנקל־זשאַקן.

אינהאלט

ערשטע אָפּטיילונג:

יאַנקל-זשאַק דער שניידער

זייט

די צוויי „אינטעליגענטן" 7
יאַנקל־זשאַקס געסל 13
אַ פּאַטעטישער שניידער 17
יאַנקל־זשאַק פילאָזאָפירט 21
דער שרייבער, דער קריטיקער און דאָס זשאַקעטל . . 27
אַזאַ סעזאָן האָב איך געהאַט 33
יאַנקל־זשאַק גייט אויף אַ באָקס־מאַטש 39
מיר גייען צו־קינד 45
יאַנקל־זשאַק לערנט שכל זיינע קינדער 49
יאַנקל־זשאַקס וואַקאַנסן 53
יאַנקל־זשאַק אַנטשולדיקט זיך 61
יאַנקל־זשאַק איז אומרואיק 65
אַ משוגע שטעטל 69
אין אַ בעסערן רעסטאָראַן 73
יאַנקל־זשאַק פאַרזיכערט זיך 79
יאַנקל־זשאַק איז נישט מיט אַלעמען 85

צווייטע אָפּטיילונג:

יאַנקל-זשאַק האָט זיך אַרויפגעאַרבעט

יאַנקל־זשאַק ווערט אַ פאַבריקאַנטל 91
דאָס געשעפט גייט נישט 99
מען קאָנקורירט זיך 103
יאַנקל־זשאַקס צרות פון אַ וואָגן 107
„פּובליסיטע" 117
ברוגז 123
אַ מאַן אַליין 129
אַז מען האָט אַ קראַנק ווייב 133
די שיינע באַלעבאָסטע 137
יאַנקל־זשאַק אין וועגעדיק 141
אַלץ איבער אַ נאַריש בענקל 147
יאַנקל־זשאַק וויל אַנטלויפן פון דער מלחמה 151